STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04649

ZUMP

Upton Sinclair

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייפטאָן סינקלער

זומפ

אייפּטאן סינקלער

זומפּ

יידיש: מאַרק פאָגעלמאַן.

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב

וואַרשע, 1928

UPTON SINCLAIR

Z U M P

Wydawnictwo Sz. GOLDFARB
W a r s z a w a, Dzika 31.

Druk. „REKORD“ Dzika № 18.

די
צוויי מאַרטירער
סאַקאָ און וואַנצעטי
פאַר אַ געדעכעניש.
דער איבערזעצער.

ערשטער קאַפּיטל

פיר אַזייגער נאָך מיטאָג. די חתונה־צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט. די קאַרעטעס זענען אָפּגעפאָרן. מחנות מענטשן זענען געשטאַנען פאַרזאַמלט אַרום די אָפּפאָרנדיקע קאַרעטעס און געקוקט אויף מאַריע ווערטשינסקע. איר אויפגאַבע איז געווען, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען מיט אַלע צערעמאָניעס, לויט די אַלטע מנהגים. זי איז געלאָפן, ווי אַ משוגענע, הין און צוריק. יעדעס מאָל עמעצן אָפּגעשטופּט פון וועג. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געשריגן און געשאָלטן מיט איר געזונטער שטימע. זי האָט לגמרי נישט געהאַט קיין צייט צו קוקן, וואָס אַנדערע האָבן געטון. די לעצטע איז זי אַרויס פון קלויסטער און געוואָלט די ערשטע אָנקומען אין שענק אַריין, וואו ס׳האָט באַדאַרפט פאָרקומען דאָס צוגעגרייטע מאָלצייט. זי האָט באַפוילן דעם קוטשער צו פאָרן גיך, אָבער דער קוטשער האָט געוואָלט פאָרן, ווי אים האָט זיך געגלוסט, זי איז אַראָפּ פון דער קאַרעטע און אָנגעהויבן אים זידלען. צוערשט האָט דער קוטשער נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, ווייל זי האָט גערעדט צו אים ליטוויש, האָט זי עס אים דערנאָך פאַרטייטשט אויף פויליש. דער קוטשער איז געזעסן אַ שטייפער אויפן געזעס, ווי אַ מלך אויפן טראָן און ווייטער געפאָרן לויטן זיין אייגענעם אייגזעען. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע מחלוקה, וואָס האָט זיך אַזוי געצויגן ביז אייטשלענד עוועניו און געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די דורכגייער.

פאַר דער טיר פון דער שענק האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם מענטשן. די מוזיק האָט געשפּילט. פונדערווייטנס האָבן

זיך שוין געהערט די גראָבע טענער פון וויאָלאָנטשעל און די אײדעלע, צאַרטע טענער פון די צווײ פידלען, וואָס האָבן איבער־געשטיגן אײנער דעם אַנדערן, מיט זײערע אומגעוויינלעכע, צע־בראָכענע טענער.

מאַריע האָט באַמערקט דעם פאַרזאַמלטן עולם, באַלד האָט זי איבער׳געריסן דעם שמועס מיטן קוטשער, אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאַרעטע און זיך געשטופּט אין שענק אַרײַן.

—׳עיק! עיק! אוזדאַריס — דוריס! — האָט זי געשריגן מיט איר געזונטער שטימע און די קלאַנגען פון דער מוזיק איז אויסגעקומען אַקעגן אירע געשרייען, ווי אַן אָנגענעמע מוזיק פון מלאכים.

הויך איבער דער שענק האָט געהאָנגען אַן אויפשריפט: ז. ברײטשאָנעס. סאַסי הוקימינימאַנס דאַזשאָס. ווינאָס, דזנאַפּסאַס, ויינס ענד ליקערס. אוניאָן היידקוואַרטער.

און איר לעזער, וועלכע פאַרמאָגט אַ גאַנץ קלײנעם באַגריף אין דער ליטווישער שפּראַך, וועט זיכער זײַן צופרידן, ווען איר וועט זיך דערוויסן, אַז צום דאָזיקן חתונה־מאָלצײַט איז געדונגען געוואָרן אַ צימער אין אײנעם פון יענע גרויסע זאַלן אין דעם פּאָפּולערסטן קוואַרטאַל אין טשיקאַגאָ, וואָס עס רופט זיך „אונטער די שעכט־הײַזער”. דער דאָזיקער נאָמען איז זײער צוגעפּאַסט צום דאָזיקן קוואַרטאַל, אָבער, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט די נאָמען איז באַשטאַנען אַקעגן די שעהן פון העכסטן גליק, בײַ דעם אָנגענע־מען, הערלעכן וועזן אָנע לוקאָשײַטי.

אָט גײט זי שוין דאָרט אין טויער. זי גײט לעבן איר קוזינע מאַריע. די נײַגעריקע, וואָס האָבן זיך געשטופּט אַרום איר, האָבן זי שיער נישט צוטרעטן. זי איז פּשוט צעטומלט פאַר פרײד. אירע אויגן לײַכטן, די ברעמען ציטערן, דאָס שטענדיקע בלײַך פּנימל איז באַגאָסן מיט אַ רויטקײַט. זי איז אָנגעטון אין אַ שמעקעדיק קלײדל פון ווײַסן מושלין. דער געדיכטער שלײַער גליטשט זיך איר ביסלעכווײַז אַראָפּ פון קאָפּ אויף די פּלײצעס. צום שלײַער איז צוגעשפּילעט פינף פּאַפּירענע רויזן און עלף גרינע בלעטלעך. אויף אירע הענט טראָגט זי נײַע ווײַסע

העגטשקעס. שווער איז איר נאָך צו באַנעמען, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשעען! זי ציטערט פון באַגייסטערונג. אַלט איז זי זעכצן יאָר און איז אַזוי קליין, כמעט נאָך אַ קינד. און אָט דאָרט גייט איר מאַן, יורגיס רודקוס, דער, מיט די ווייסע בלום אין ביידן שוואַרצן סורדוט, דער, מיט די קרעפטיקע הענט און ברייטע פּלייצעס.

זי איז געווען אַ בלאָנדע מיט בלאָע אויגן און יורגיס אַ שוואַרצער מיט שוואַרצע אויגן, באַוואַקסענע ברעמען און אַ טיפע געדיכטע טשופּרינע. זיי זענען געווען זייער נישט צוגעפּאַסט איינער צום אַנדערן. יורגיס האָט געקאָנט נעמען אויף זיך צוויי הונדערט און פופציק פונט פלייש און אָן פּיצל מי עס אַרויפוואַרפן אויף דער פלייש־ברישקע. יעצט איז ער געווען באַהאַלטן אין אַ ווינקל, ווי אַ פאַרמאַטערטער הירש. יעדעס מאָל אָפּגעלעקט די ליפּן מיט די צונג, געקלעבט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, כדי צו קאָנען ענטפערן אויף די מזל־טוב׳ס פון די חברים.

דערנאָך האָבן זיך אָפּגעטיילט די חתונה־געסט פון די סתם צושויער. באַזונדער איז יעדעס מאָל אָנגעקומען פרישע מענטשן, זיי האָבן זיך געשטופּט ביי דער טיר און ביי די פענצטער, גע־שטאַנען און געקוקט. וויבאַלד איינער פון זיי האָט זיך שטאַרק דערנענטערט, צי געמאַכט וועלכן ס׳איז איינדרוק פון אַ־הונגעריקן איז ער באַלד פאַרבעטן געוואָרן צום טיש און באַשאַנקען מיט די בעסטע מאכלים. די אַלטע מנהגים האָבן נישט דערלאָזט, אַז ס׳זאָל זיך אַ פרעמדער אומקערן הונגעריק פון אַ חתונה. ס׳איז טאַקע געווען אַ ביסל שווער צו דערהאַלטן דעם מנהג, וואָס איז אַזוי שטאַרק אָפּגעהיטן געוואָרן ווייט אין די ליטווישע וועלדער — אין דער גרויסער מיליאַניקער שטאָט, אָבער מ׳האָט געטון, וואָס ס׳איז נאָר געווען מעגלעך.

די קינדער, וואָס האָבן זיך אַריינגעשטופּט פון דער גאַס אין זאַל אַריין, האָבן באַקומען פאַרשידענע נאַשערייען. מ׳האָט אַפילו די הינט נישט אַוועקגעטריבן מיט אַ ליידיקן מאָגן. מאָדנע איז אויסגעקומען דאָס מאָלצייט אָן די אַלע באַזונדערע צערעמאָניעס. די מענער האָבן געטראָגן די היטן אויף די קעפּ און וויבאַלד

ס׳איז הייס געוואָרן, האָבן זיי אויסגעטון די היטן צוזאַמען מיט די סורדוטן. בכלל האָט יעדער געקאָנט טון, ווי אַזוי ס׳איז אים געווען באַקוועם. יעדער גאַסט האָט געגעסן, וואו ער האָט געוואָלט און וואָס ער האָט געוואָלט, זיצנדיק אָדער שטייענדיק, ווי אַזוי ס׳איז אים נאָר געפעלן געוואָרן, מ׳האָט געשמועסט און געזונגען. אָבער ווען דאָס האָט נישט אינטערעסירט האָט געהאַט אַ ברירה נישט אויסצוהערן. ווער ס׳האָט אַליין געוואָלט רעדן אָדער זינגען, האָט אים אויך קיינער נישט געשטערט. דער גרויסער כאַאָס, וואָס האָט געהערשט אין זאַל האָט אויך לגמרי נישט געמאַכט קיין איינדרוק אויף די אָנוועזנדע. ווייבאַלד ס׳האָט יאָ עפּעס געשטערט איז עס געווען די גרויסע צאָל קינדער, וואָס זענען מיטגעקומען מיט די געסט און זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס.

ס׳איז געקומען די שעה פון זעצן זיך צו דער סעודה. די געסט האָבן צונויפגעשטעלט די וויגעלעך מיט די שפּאַציר-וועגעלעך אויף איין אָרט און דאָרט זענען די קינדער געשלאָפן צו דריי און פיר צוזאַמען, אָדער זיי האָבן זיך אַזוי סתם געשטיפּט. די עלטערע קינדער, וואָס האָבן שוין געקאָנט דערגרייכן מיט זייערע הענטלעך צום טיש האָבן געמישט צווישן די פּאַרשידענע מאכלים, ביים פלייש און וואורשט.

די זאַל האָט געהאַלטן אומגעפער דרייסיק קוואַדראַט פוס, ליידיקע ווייסע ווענט. אויף איין וואַנט האָט געהאָנגען אַ קאַלענדאַר, אויף אַ צווייטע, אַ בילד פון אַ נעיעג פערד און אויף די דריטע, אַ געמאָלטער בוים אין אַ גאָלדן רעמל. אויף רעכטס האָט זיך געזען אַ טיר, וואָס האָט געפירט צום עס-צימער. דאָרט איז געזעסן אַ פאַרשוין אָנגעטון אין אַ ווייסע ברודיקע בלוזקע, שוואַרצע אויסגעצויגענע וואָנסן ווי דראָטן, פריש געגלאַנצטע האָר, וואָס זענען געווען געקעמט פון לינקס אויף רעכטס. לינקס זענען געשטאַנען צוויי גרויסע טישן, וואָס האָבן פאַרנומען איין דריטל פון זאַל. אויף די טישן זענען געשטאַנען שיסלען מיט קאַלט פלייש. הונגעריקע געסט זענען געשטאַנען אַרום די טישן און געשטילט זייער הונגער.

אַקייגנאיבער דעם טראָן־אָרט פאַר דער כּלה, איז אויף אַ טיש געשטאַנען אַ הויכער טורם געשניטענער קוכן, צוקערוואַרג, קאָלירטע פּרוכטן, צווייפּאַפירענע מלאכים און פאַרשידענע אַנ־דערע באַפּיצונגען. אַביסל ווייטער האָט זיך געזען אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין קיך אַריין, וואו אַלטע און יונגע מיידלעך זענען געלאָפן הין און צוריק. אויף אַ קליינע עסטראַדע זענען געזעסן דריי כּלי זמרים און מיט גרויס מאַטערניש געאַרבעט מיט זייערע אינסטרומענטן, מען זאָל זיי כאָטש עטוואָס דערהערן. פון דער אַנדערער זייט פּענצטער זענען געשטאַנען די סתם צושויער. זיי האָבן געקוקט מיט אָפענע מיילער און כאָטש פונדערווייטנס אָנ־טיילגענומען אין דער שמחה.

פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אין דער קיך־טיר אַ וואָלקן רויך, און אין דעם וואָלקן האָט זיך געשלעפּט די מומע עלזע, אָנעס שטיפמאַמע. זי האָט געטראָגן אַ פעטעלגי געבראָטענע קאַטשקעס. אונטער איר האָט זיך געשלעפּט קאַטערינע מיט נאָך אַזאַ פעטעלגי קאַטשקעס, זי איז געגאַנגען פאַמעלעך עטוואָס איינגעבויגן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזן די גראָע באָבע מאַראָושקין, זי האָט געטראָגן אַ גרויסע שיסל געדעמפּטע קאַרטאָפל.

אין זאַל איז געוואָרן אַביסל שטילער. אָט איז דאָ ברוסט מיט שיסלען קרויט, געקאָכטע רייז, לאָקשן, קישקעלעך, לעקעך, קריגן מילך און גאַנצע פעסלעך ביר. צום בופעט איז אויך נישט געווען ווייט. יעדער האָט געקאָנט באַשטעלן, וואָס ער האָט גע־וואָלט, אָן געלט.

— עיקאָ! גרייטשאַיו! — האָט געשריגן מאַריע ווערטשינסקע און האָט זיך געלאָזט מיט געאייל אין דער קיך אַריין, וואו ס'איז נאָך געווען אַזוי פול מאכלים און דאָס אַלץ האָט געקאָנט קאַלט ווערן, וויבאַלד מ'וועט עס נישט אויפעסן.

די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, זיי האָבן געלאַכט, געשריגן און געוויצלט זיך. דאָס יונגוואַרג, וואָס איז ביז יעצט גרופּירט געווען בײַ דער טיר האָט אָנגענומען דרייסט־קייט און זיך ביסלעכווייז אויף דערנענטערט. דער עלטערער עולם האָט געשטופּט יורגיסן אַלץ העכער און העכער, ביז ער האָט

ענדלעך פֿאַרנומען אַן אָרט אויף רעכטס בײַ זײַן יונג ווײַבל. ביידע חופּה-מיידלעך האָבן זיך געזעצט אויף ביידע זײַטן בײַם יונגען פּאָרל און נאָך זיי די איבעריקע געסט, עלטערע און יונגערע, יונגלעך און מיידלעך. דער דיקער באַלעבאָס פֿון זאַל האָט זיך נאָך לאַנגע מאַטערניש געלאָזט זיך צורעדן צו נעמען אַ שטיקל קאַטשקע. אפֿילו דער דיקער פּאָליציאַנט, וואָס זײַן אויפֿגאַבע וועט זײַן שפּעטער צו באַרויקן די אַנטשטאַנענע מחלוקת, האָט זיך אויך דערנענטערט מיט אַ שטול צום טיש. די גרויסע קינדער האָבן געשריגן און די קליינע קינדער אין די וויגעלעך האָבן געוויינט. די איבעריקע האָבן געלאַכט, געזונגען, געפּלוידערט און צווישן זיי אַלע איז געשטאַנען מאַריע, אַ צעפּלאַמטע און אַרויסגעגעבן באַפֿעלן צו די כּלי-זמרים.

יאָ, די כּלי-זמרים. ווי אַזוי זאָל איך זיי אײַך באַשרײַבן? אַ גאַנצער צײַט זענען זיי געווען אין זאַל און באַגלייט די געשרייען און געזאַנגען מיט זייער מוזיק. די מוזיק האָט דאָ געשאַפֿן אַן אינערלעכן געגנוס, געענדערט דעם דאָזיקן זאַל, וואָס האָט זיך געפֿונען „אונטער די שעכט-הײַזער", אין אַ פֿאַרכשופֿטן פּאַלאַץ ווי אין אַ לעגענדע פֿון טויזנט און איין נאַכט, אין אַ שטיק הימל.

דאָס קליינע מענטשעלע, וואָס האָט דיריגירט מיט דעם קוואַרטעט איז געווען פֿול מיט התלהבות. זײַן פֿידעלע איז נישט געווען געסטראָיעט, דער סמיטשיק אָן האָר, אָבער דאָך איז ער געווען פֿול מיט באַגײַסטערונג, אינגאַנצן באַהערשט פֿון דער מוזע. ער האָט געשפּילט מיט אַ דעמאָנישע קראַפֿט. ס'האָט זיך אים געדוכטן, ווי ס'וואָלט געטאַנצט אַרום אים דאָס גיהנום און אויסגעקלאַפּט מיט געהיימע קאָפּיטעס דעם טאַקט צו זײַן שפּילן' די האָר האָבן זיך בײַ דעם געניאַלן מוזיקער געשטעלט קאַפּויר, די אויגן זענען אים אַרויס פֿון די אויגן-גריבער, און ווען נישט די שטאַרקע נשמה, וואָס האָט געשטעקט אין זײַן גוף, וואָלט ער זיכער שוין געווען אַוועק אין די ווײַטע וועלטן.

ער הייסט טאַמאַשיוס קושלעיקי, שפּילן האָט ער זיך אויס-

געלערנט אַליין. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט אין שעכט־הויז און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געלערנט שפּילן. אָט שטייט ער דאָרט אָן סורדוט, אין בלויזן העמד מיט די ווייסע אַרבל און רויטע פּאַסיקלעך. דאָס העמד קלעבט זיך אים צום לייב. ער טראָגט בלאָע זעלנערישע הויזן מיט געלע פּאַסן, וואָס געבן אים צו אַ באַזונדערן מאַיעסטעטישן אויסזען. הויך איז ער פינף פוס און די הויזן, וואָס ער האָט געטראָגן זענען קורצער געווען מיט אַכט צאָל, אַזוי, אַז ביי יעדן איינציקן האָט זיך געשטעלט די פראַגע, וואו קושליעקי האָט געקויפט דעם אַנטיק. אָבער דער, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים און געהערט זיין שפּילן, דער האָט עס שוין נישט געוואַגט צו פרעגן.

ווייל טאָמאַשיוס איז געווען פול מיט התלהבות. יעדער אבר איז ביי אים געווען דורכגענומען מיט באַגייסטערונג. מ׳קאָן גאַנץ זיכער זאָגן, אַז זיין באַגייסטערונג איז געווען נישט נאָר פאַר אים, נאָר אויך פאַר אַנדערע. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן. ביים שפּילן האָט ער געטאַנצט און ביים טאַנצן געשפּילט. זיין פּנים איז געווען אויסגעקרומט, געמאַכט אַ קאָמישן איינדרוק. און ווען ער האָט געפּרוּווט אויסשפּילן אויף זיין פידעלע אַ טרילאָ צי נאָר אַ פּאַסאַזש האָט ער פאַרזשמורעט די אויגן, אויפגעלאָזט די ליפּן און פון צייט צו צייט זיך געווענדט דורך פאַרשידענע סימנים צו זיינע מיטהעלפער, געשאָקלט צו זיי מיטן קאָפּ, געקוקט תחנונהדיק, אַלץ מיט געפיל, אַלץ מיט דער מיזע.

יאָ, ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקוקט תחנונהדיק, אָבער אַלץ אומזיסט. ווייל די איבעריקע כלי־זמרים זענען אפילו נישט ווערט געווען צו האָבן אַזאַ טאָמאַשיוס פאַר זייער דיריגענט. דער צווייטער פידלער, אַ סלאָווער, אַ הויכער, דאַרער פאַרשוין, מיט ברילן אין שוואַרצע רעמלעך, מיט אַ בליק פון אַן אַלטע קלאַטשע, אַזאַ קלאַטשע, וואָס פילט שוין נישט די בייטש אויף די מאָגערע ביינער. דער דריטער פידלער איז געווען אַ דיקער, מיט אַ פלאַטשיקע, רויטע סענטימענטאַלע נאָז. ער האָט געשפּילט מיט די אויגן אויפגעהויבן צום הימל. זיין אויפגאַבע איז געווען

צו ציען אַ טאָן אַ לאַנגן, אַ טרויעריקן. אַזוי האָט ער באַדאַרפט שפילן פון פיר נאָך מיטאָג ביז פיר פאַרטאָג, פאַר אַ דריט חלק פון אַלגעמיינעם פאַרדינסט, אַ דאָלאַר פאַר אַ שעה.

די שמחה האָט נאָך נישט געדויערט קיין פינף מינוט און שוין איז דער באַגייסטערטער טאַמאַשיוס אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז. זיין האַלז איז אָנגעשוואָלן געוואָרן, זיינע נאָז-לעכער האָבן זיך באַוועגט און דער אָטעם האָט זיך פאַרהאַלטן. באַלד איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ טייוואָלאָנישן דעמאָן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו זיינע מיטהעלפער. מיט אַ באַוועג מיטן סמיטשיק האָט ער זיי באַפוילן אויפשטיין פון די ערטער און באַלד איז געגאַנגען אונטער אים דאָס הויכע, דאַרע געשטאַלט פון צווייטן פידלער, דער דריטער מיט זיין באַס-פידל אונטער זיי ביידע. זיי זענען געגאַנגען צו די געסט, אָט זענען זיי שוין ביים טיש, טאַמאַשיוס איז אַרויף אויף אַ שטול, ער האָט זיך געפילט יעצט דערהויבן. די געסט האָבן נאָך געגעסן, געפלוידערט, אָבער פונדעסטוועגן זאָל אייך גאָרנישט איינפאַלן, אַז ס'איז כאָטש געווען איינער, וואָס זאָל נישט וועלן הערן טאַמאַשיוסן שפילן. אמת טאַקע, אַז טאַמאַשיוס וועט קיינמאָל נישט אַרויסבאַקומען פון זיין פידל אַ לויטערן טאָן, זיין פידל קוויטשעט בשעת ער בייגט זיך זיך אַראָפּ, סקריפּעט און פּייפט בעת ער שטעלט זיך אויף, אָבער דאָס אַרט אַבסאָלוט נישט די געסט, פונקט ווי עס אַרט זיי נישט דאָס גערויש און דער שמוץ אין זאַל. אויף די דאָזיקע פאַלשע טענער בויען זיי זייער לעבן, די מוזיק וועקט ביי זיי מאָדנע געפילן, רעדט צו זיי מיט זייער שפּראַך, סיי מיט די פריילעכע, סיי מיט די טרויעריקע, קלאָגעדיקע, ליידנשאַפטלעכע, צי גאָר מיט דער רעוואָלוציאָנערער. די מוזיק איז זייער מוזיק, זייער פאָטערלאַנד, צו וועמען זיי שטרעקן אויס די אָרעמס און געבן זיך אינגאַנצן איבער.

און באַלד פאַרשווינדט פון זייערע אויגן טשיקאַגאָ מיט די שעכטהייזער. זיי זעען פאַר זיך גרינע לאָנקעס, באַלויכטענע וואַסערן פון דער זון, צעשפּרייטע וויסטע וועלדער, בערג באַדעקט מיט שניי. דאָס אַלטע פאָטערלאַנד לעבט אויף פאַר זייערע

אויגן. די ערינערונגען פון די קינדער־יאָרן. די אַלטע ליבע וועקט זיך פון איר טיפן שלאָף. די אַמאָליקע פריינטשאַפט און צופרידנקייט שמייכלט צו זיי און דאָס אַלטע קלאַנג רייסט זיך אין זייערע אוירן אויפסניי. אייבער בייגט זיך אויף דער אַנדערער זייט, פאַרזשמורעט די אויגן. אַ צווייטער קלאַפּט מיט דער פויסט אָן טיש און טייל שטעלן זיך פלוצלינג אויף און שרייען. אָבער דאָס איז נישט קיין סתם געשריי, דאָס איז זייער געזאַנג, דאָס ליד פון זייערע ווייטע פעלדער! ביי טאַמאָשיוסן פייערן די אויגן, ווי צווי צעגליטע קוילן. ער ציט מיטן סמיטשיק איבער די סטרונעס, קלאַפּט מיט די פיס צו זיינע מיטהעלפער און עס גייט אַוועק אַ שפּיל אויף אַלע כלים! די געסט האָבן זיך געריסן פון די ערטער, אַלע זינגען זיי צום טאַקט פון דער מוזיק. די מענער און די פרויען קלאַפּן זיך אָן אין די גלעזלעך און טרונקען. טאַמאָשיוס מיט זיין פידעלע שטופּט זיך דורך אַלע געסט צו צו דער כלה. ס'איז שרעקלעך ענג. יעדעס מאָל גיט ער אָן אַנדערן גאַסט אַ קלאַפּ מיט זיין סמיטשיק, אָבער וואָס מאַכט דען דאָס אויס. ער שלעפּט נאָך אונטער זיך זיינע מיטהעלפער. ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט צו דעם בכבודיקן אָרט. טאַמאָשיוס האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער כלה און אין די צאַרטע טענער אויסגעדריקט די געפילן פון זיין נשמה.

די קליינע אָנע איז צו שטאַרק אויפגערעגט, אַז זי זאָל קאָנען עפּעס טועם זיין. פון צייט צו צייט פאַרזוכט זי עפּעס, וואָס די קוזינע מאַריע שטופּט איר אין מויל אַריין. מאַריע שאָקלט דערביי מיטן קאָפּ און פאַרחשקעט זי מיט ווערטער. אָבער אָנע זיצט אומבאַוועגלעך, קוקט פאַר זיך מיט איבערגעשראָקענע אויגן. די מומע עלזע איז אומרויק ווי אַ פויגל, און אירע טעכטערלעך לויפן אַרום אָנען אָן אָטעם. אָנע זעט גאָרנישט און הערט גאָרנישט. די מוזיק וועקט זי ערשט פון די טיפע חלומות. זי ווענדט איר בליק צו די כלי־זמרים. מיט ביידע הענט האַלט זי זיך ביים האַרץ. טרערן מאַכן פול אירע אויגן. זי שעמט זיך זיי אָפּצווישן און שעמט זיך זיי צו לאָזן פאַלן אויף די קאָלירטע באַקן. זי פילט אויף זיך יורגיס בליק און באַהאַלט עטוואָס איר פאַרויטלט פּנים. אָבער

טאַמאַשיוס שטייט לעבן איר און שפּילט אויף זיין פאַרכשופטע פידעלע. יעצט איז זי געוואָרן אינגאַנצן פאַרוויטלט. ס׳האָט זיך איר געדוכטן, ווי אַט רייסט זי זיך פון טיש און אַנטלויפט.

אָבער מאַריע ווערטשינסקע איז יעצט איר באַשיצערין, אויך זי איז יעצט באַהערשט פון דער מוזע. מאַריע פאַרלאַנגט פון די כּלי־זמרים זיי זאָלן שפּילן אַ צעשיידונגס־ליד פון אַ פאַרליבט פּאָרל, אָבער די כּלי־זמרים קאָנען דאָס נישט שפּילן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, כּדי עס זיי פאָרצוזינגען. זי איז פון מיטעלן וואוקס, פעסט געבויט, אַ גאַנצן טאָג אַרבעט זי אין דער פאַבריק פון פלייש־פידעלעך. זי פאַרמאָגט אַ ברייט סלאַוויש געזיכט מיט רויטע באַקן. אַז זי עפנט איר מויל באַקומט איר פּנים אַ טראַגישן אויסזעע. זי האָט געטראָגן אַ פלאַנעל בלוזקע, די אַרבל פאַרשאַרצט, אירע נאַקעטע הענט זעען זיך אַרויס. מיט אַן עק פון אַ גאָפּל האָט זי אויסגעקלאַפּט אויפן טיש דעם טאַקט. זי האָט געזונגען און די כּלי־זמרים האָבן באַגלייט מיט זייערע פידעלעך יעדערן טאָן באַזונדער, בלייבנדיק יעדערע ווײַלע אונטערשטעליק מיט אַ טאָן. און אַזוי איז אויסגעזונגען געוואָרן דאָס איכה־ליד פון אַ יונגענמאַן, וואָס ווערט קראַנק אויס ליבע.

דאָס געזאַנג האָט אויפגעהערט. יעצט האָט מען באַדאַרפט עפּעס רעדן. דער אַלטער אַנטאַנאַס, יורגיס פאָטער, האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט. ער ציילט שוין קרוב זעכציק יאָר, אָבער ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַכציק. קיין אַמעריקע איז ער געקומען מיט זעקס חדשים צוריק, אָבער דער קלימאַט האָט אים נישט געדינט. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ שפּינערײַ, באַקומען אַן אַסטמע און איז תּיכּף דערווייטערט געוואָרן פון דער פאַבריק. כּל זמן ער איז געזעסן אויפן דאָרף איז דער הוסט פון אים אָפּגעטרעטן, אָבער יעצט אַרבעט ער שוין ווידער אין דער קאָנסערוון־פאַבריק פון דורהאַם.. אין דער פאַבריק איז פייכט און קאַלט, און ווידער כאַפּט אים אָן דער הוסט, אַזוי שטאַרק, אַז ער מוז זיך אָנהאַלטן ביי עפּעס, כּדי נישט צופאַלן.

דער אַלטער אַנטאַנאַס האָט באַזוכט אַ הויף־שול, געשריבן ליבעס־בריוועלעך פאַר זיינע אַלע חברים. ער האָט זיך נישט באַ־

דאַרפט איינחזרן, וואָס צו רעדן. זיין רעדע איז געווען פול מיט וואונטשן און ברכות פאַרן יונגען פּאָר, זי איז באַשטאַנען די הויפּט־טעמע פון היינטיקן טאָג. אפילו די קינדער, וואָס זענען אַרומגעלאָפן איבערן זאַל זענען שטיין געבליבן און זיך צוגעהערט. די ווייבער האָבן געווישט די אויגן מיט די פאַרטוכער און געשלונגען די טרערן. ס׳איז געווען אַ דערהויבענע מינוט. דער אַלטער האָט גערעדט מיט זיכערקייט: שוין נישט לאַנג וועט ער נאָך אַזוי פאַרברענגען צווישן זיינע קינדער. זיין רעדע האָט אַרויסגערופן ביי אַלע טרערן. אפילו דזשייקאָב שעהווילאַס, דער אייגנטימער פון דעליקאַטעסן־געשעפט, אַ דיקער גוטמוטיקער פאַרשוין האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אַ וואָרט. ער האָט געוואָגט, אַז ס׳איז נאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט מיטן אַלטן אַנטאַנאַס. אָבער מיט דעם האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט, ער האָט גערעדט ווייטער, געשיט מיט אַ האָגל ברכות און גוטע וואונטשן פאַרן יונגען פּאָרל, אויסגערעכנט פאַרשידענע איינצלהייטן. די יונגלעך און מיידלעך זענען צופרידן געווען פון זיינע גלייכווערטלעך. אָנע איז נאָך שטאַרקער פאַררויטלט געוואָרן, ווייל דזשייקאָב איז נישט געווען אַ סתם געוויינלעכער מענטש, דאָס איז שוין גיכער געווען אַ מענטש מיט העכערע געפילן, אָדער ווי זיין ווייב האָט עס אַ צופרידענע גערופן — מיט פּאָעטישן טאַלאַנט.

אַ גרויסע צאָל געסט האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעגעסן און אַליין אַראָפּגערוימט פון די טישן די מענער האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים בופעט. אַ טייל האָט געשפּאַצירט און אַ טייל האָט געלאַכט און געזונגען. דאָ און דאָרט האָט זיך געשאַפן באַזונדערע קופּקעלעך און געזונגען אַלע צוזאַמען. יעדן איינציקן האָט גענאָגט עפּעס אַן אומצופרידנקייט, ווי אַ שווערע משא וואָלט געלעגן אויף זייערע הערצער. די באַשיידענע, וואָס האָבן נאָך אפילו נישט באַוויזן אַלץ אויפצועסן, האָבן אַוועקגערוקט אין אַ ווינקל די טישן, די ״ווי״געלעך מיט די קינדער און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע פאַרוויילונג.

טאַמאָשיוס האָט אויסגעטרונקן דאָס ביר, אומגעקוקט זיך אַרום זאַל און ער איז אַרויף אויף דער עסטראַדע. ער האָט

אַ קלאַפּ געטון מיטן סמיטשיק אין פידעלע, צוגעלייגט עס צו זיין גאָמבע, אַרויפגעלייגט דעם סמיטשיק אויף די סטרונעס, פאַרזשמורעט די אויגן און באַלד האָבן זיך איבערן גאַנצן זאַל געטראָגן די טענער פון אַ פאַרחלומטן וואַלס. די געסט האָבן זיך צעטיילט אין פּאָרלעך און די גאַנצע שטוב האָט זיך געדרייט אין אַ קאַראַהאָד. אין אמתן האָט קיינער נישט געקאָנט טאַנצן וואַלס, אָבער עס מאַכט נישט אויס, ווייבאַלד מ'האָט געשפּילט האָט מען געטאַנצט. די בחורים האָבן געטאַנצט אַ מאָדערנעם „סטעפּ", די עלטערע האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערע היימישע, אַלטע טענץ. אַ גרויסער טייל געסט האָט אינגאַנצן נישט געטאַנצט, נאָר אָנגעהאַלטן זיך ביי עמעצנס הענט, באַוועגט מיט די פוס, כדי נאָכצוטון, וואָס אַלע אַנדערע. צו די לעצטע האָט געהערט דזשייקאָב שעדווילאַס און זיין ווייב לוציע, זיי זענען געוועזן צו דיק צו קאָנען טאַנצן. זענען זיי געשטאַנען אין מיטן זאַל אַרומגענומען ביי דער טאַליע, געוויגט זיך און געלאַכט.

די מלבושים, וואָס אַ טייל פון די עלטערע געסט האָבן געטראָגן אויף זיך האָבן נאָך דערמאָנט זייער אַלטער היים. דער אַ געשטיקט וועסטל, אַ קאַפּטן, אַ טיכל פון פאַרשידענע קאָלירן. די יוגנט האָט זיך שוין אויסגעהיטן פון דעם. די מערסטעטייל פון זיי האָט שוין גערעדט ענגליש און זיך אָנגעטון לויט דער נייער מאָדע. די מיידלעך האָבן געטראָגן פאַרטיקע קליידלעך פון קליידער-מאַגאַזינען. ס'איז געווען צווישן זיי אויך גאַנץ שיינע. די פּאָרלעך האָבן געטאַנצט אויף אַ פאַרשידנאַרטיקן אופן, טייל האָבן זיך געטולעט צו זיך און טייל האָט זיך געהאַלטן גאַנץ פונדערווייטנס. אַזוי האָבן זיי געטאַנצט כסדר אָן אויפהער און אָן שום אויסטויש אַ גאַנצן אָוונט. האַלינע יאַסייטשי האָט געטאַנצט מיט איר חתן יוּאַזאַס ראַטשיוס. האַלינע איז געווען די קעניגן פון היינטיקן אָוונט. זי האָט געטראָגן אַ ווייסע בלוזקע, וואָס האָט איר בעקאָסט גאַנצע דריי טעג אַרבעטס-לוין. אין די האַנט האָט זי געהאַלטן אַ זוים פון איר קלייד און געטאַנצט ווי אַ גרויסע דאַמע.

יוּאַזאַס, איר חתן, איז אַ קוטשער ביי דורהאַם מיט אַ נישט

שלעכטן געהאַלט. ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַן עלעגאַנטן בחור, טראָגט דעם קאַפּעלוש עטוואָס אַן אַ זייט און לאָזט נישט אַרויס אַ גאַנצן אָוונט דעם פּאַפּיראָס פון מויל. ס'איז אויך געווען יאַדוויגע מאַרטשינקוס, זי איז געווען שיין און באַשיידן. יאַדוויגע האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט האַלינע ביים מאָלען פּידעלעך. זי האָט געמוזט דערנערן די קראַנקע מוטער מיט נאָך דריי קליינע קינדער, זי האָט שוין נישט געקאָנט אויסגעבן איר געהאַלט אויף אַ בלוזע. זי איז געווען אַ קליינטשיקע, אַ צאַרטע מיט שוואַרצע אויגן און געדיכטע האָר. אַרומגענומען אין איין בינטל אויפן האַלז. אָנגעטון איז זי געווען אין אַ ווייס קלייד, וואָס זי האָט עס זיך אַליין אויפגעניייט. זי טראָגט עס שוין פינף יאָר אויף אַלע שמחות. עס ליגט אפילו נישט אַזוי גוט אויף איר קליינער פיגור, אָבער זי לייגט ווינציק וואָס אַכט אויף זיך בעת זי טאַנצט מיט איר מיקאָלאַס. זי איז אַ שוואַכנקע און ער, מיקאָלאַס, אַ הויכער, פעסטער יונג. זי טוליעט זיך צו אים, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן אין זיינע געזונטע אָרעמס פאַר דער וועלט, און לייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל. מיקאָלאַס נעמט איר פעסט אַריין אין זיינע אָרעמסט, ווי ער וואָלט זי געוואָלט תמיד מיטראָגן מיט זיך. אַזוי האָט זי מיט אים תמיד געטאַנצט, אַזוי וועט זי מיט אים טאַנצן אַ גאַנצן אָוונט און אַזוי וואָלט זי געוואָלט טאַנצן און טאַנצן מיט איר מיקאָלאַס אין גליק און צופרידנקייט, דאָס גאַנצע לעבן, אייביק, אייביק.

יאָ, מעגלעך, אַז וואָלסט געלאַכט דערזעענדיק זי, אָבער ניין, וואָלסט תיכף אויפגעהערט לאַכן, ווען וואָלסט זיך נאָר דער־וויסט די געשיכטע פון איר לעבן, שוין פינף יאָר ווי זי איז אַ כלה פאַר מיקאָלאַס און זי ליידט, זי ליידט זייער שטאַרק. זיי וואָלטן שוין לאַנג חתונה געהאַט, אָבער מיקאָלאַס פאָטער איז אַ שיכור, אַ גאַנצן טאָג טרונקט ער, און ער, מיקאָלאַס איז דער איינציקער שפייזער פון דער פאַמיליע. איבעריקנס זיי וואָלטן שוין אפשר ווי ס'איז חתונה געהאַט, ווייל מיקאָלאַס איז זייער אַ פע־יקער, אָבער באַלד קומען אַריין פאַרשידענע שטערונגען און מאַכן צונישט זייערע פּלענער. ער אַרבעט אין שעכט־הויז אין דער

ביינער־אָפּטיילונג. די אַרבעט איז אַ געפערלעכע, דערצו נאָך דער
מאָלט, ווען עס צאָלט זיך אויף שטיק. דאָס מעסער גליטשט זיך
אין די האַנט גליטשט זיך, און די אַרבעט גייט אין אַ שנעלן טעמפּאָ,
ס׳איז גענוג אַרויסצורעדן אַ וואָרט אָדער אָנשטויסן מיטן מעסער
אָן אַ ביין, אַז דאָס מעסער זאָל זיך געבן אַ גליטש, און טיף אַריין
אין דער האַנט. אַ בלויזער שניט, וואָלט שוין אפשר גאָרנישט
געווען אַזוי געפערלעך, ווען עס זאָל באַלד נישט אַנטשטיין אַ
בלוט־פאַרגיפטיגונג. די וואונד קאָן זיך שוין דעמאָלט יאָ פאַר־
היילן און נישט פאַרהיילן. אין די לעצטע דריי יאָר איז שוין
מיקאָלאַס צוויי מאָל געלעגן אויף אַ בלוט־פאַרגיפטיגונג. איינמאָל
דריי חדשים און אַ צווייט מאָל זיבן חדשים. ער האָט פאַרלוירן
דעממאָלט זיין שטעלע, זעקס וואָכן איז ער כסדר געשטאַנען פאַר
די שעכט־הייזער, אין די פראַסטיקע טעג, מיט די פיס אין שניי
און געוואַרט אויף אַרבעט. אָבער די געלערנטע סטאַטיסטיקער
קומען צו גיין און באַווייזן אייך, אַז די ביינער־אַרבעטער אין די
שעכט־הייזער פאַרדינען פערציק סענט אַ שעה, אָבער צי האָבן
יענע לייט דען שוין געזען ווי אַזוי עס זעען אויס די הענט ביי
אָט די גאָלדענע פאַרדינער.

טאַמאַשיוס מיט זיינע מיטהעלפער האָבן איבערגעריסן דאָס
שפּילן. די טענצער מיט די טענצערינס זענען שטיין געבליבן אויף
זייערע ערטער און געוואַרט געדולדיק, זיי זענען אַבסאָלוט נישט
געווען פאַרמאַטערט. אַזוי האָט עס געדויערט אומגעפער אַ מינוט.
טאַמאַשיוס האָט זיך באַלד ווידער אויפגעשטעלט. יעצט איז גע־
קומען די ריי אויף אַן אַנדערן טאַנץ, אַ ליטווישן. וועמען
ס׳איז באַקוועם געווען ווייטער צו טאַנצן „סטעפּ", דער האָט גע־
קאָנט אומגעשטערט ווייטער טאַנצן „סטעפּ". אָבער די מערסטע־
טייל האָבן מאָדנע באַוועגט מיט די פיס, וואָס האָט גיכער דער־
מאָנט אָן גליטשן, ווי אָן טאַנצן. ווידער האָבן זיך אַלע געדרייט
אין איין קאַראַהאָד. אַ באַזונדער הערלעך בילד האָט פאַרגעשטעלט
מיט זיך אין דער מינוט טאַמאַשיוס קושלעיקי. זיין אַלטער פידל
רייסט און זיפצט מיט מאָדנע פראָטעסט־טענער. אָבער טאַמאַשיוס
איז אומרחמנותדיק, טראָפּנס שווייס רונען פון זיין שטערן אויפן

פנים, זיין לייב וואַרפט זיך, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו אויף פּאַרע, זיינע הענט באַוועגן זיך אַזוי ראַש מיטן סמיטשיק, אַז דו זעסט נישט מער פאַר דיינע אויגן, ווי אַ בלאָער וואָלקן פון בלויז הענט. מיט אַ הויב מיט די אַקסלען ענדיקט ער דאָס שפּילן. ער ציטערט פון פאַרמאַטערטקייט און די געסט צעלויפן זיך מיט אַ געשריי פון צופרידנקייט צו די ווענט.

נאָכן טאַנצן האָט מען מכבד געווען מיט ביר. די כּלי-זמרים האָבן אויך געטרונקען. די טענצער האָבן זיך אָפּגערוט, געכאַפּט לופט און זיך געגרייט צום דרשה-געשאַנק רופן. די דאָזיקע צערעמאָניע דאַרף דויערן עטלעכע שעה און מען טאַנצט דערביי אָן אויפהער. די געסט האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ראָד, אָנגענומען זיך ביי די הענט און זיך געדרייט צום טאַקט פון דער מוזיק. אין מיטן ראָד איז געשטאַנען די כּלה און געטאַנצט מיט די מאַנסלייט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו איר לויט דער ריי. יעדער האָט געטאַנצט עטלעכע מינוט. די איבעריקע געסט האָבן געזונגען און געלאַכט און יעדער איז נאָכן אָפּטאַנצן אויסגעקומען פּנים אל פּנים דער טומע עלזע. זי איז געשטאַנען קייגנאיבער מיט אַ קאַפּעלוש, וואוהין מ׳האָט אַריינגעוואָרפן דאָס דרשה-געשאַנק. געוואָרפן האָט מען לויט דער מעגלעכקייט און לויטן דרך ארץ צו די אַלטע מנהגים, אַ דאָלאַר און אפילו פינף אויך. ס׳איז געווען גאַנץ זיכער, אַז די געסט וועלן באַצאָלן פאַר די עטלעכע שעה ווילן זיך. די אָנשטענדיקע געסט וואַרפן תמיד אַריין מער, כּדי דאָס יונגע פּאָרל זאָל האָבן אויף אַ צייט לאַנג נאָך דער חתונה.

די אויסגאַבן פון אַזאַ חתונה זענען זייער גרויס, אומגעפער פון צוויי ביז דריי הונדערט דאָלאַר. יאָ, דריי הונדערט דאָלאַר. קיינער פון די געסט האָט שוין נישט פאַרדינט מער אין אַ יאָר. אפילו די אַרבעטער, וואָס שטיין פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אין די אייז קעלערס, אין אַ וואַסער ביז איבער די קנאָכן, צי גאָר די, וואָס זעען נישט די זון, דעם הימל, פון איין זונטאָג ביז צום אַנדערן — קאָנען אויך נישט פאַרדינען קיין דריי הונדערט דאָלאַר, קינדער, נאָך נישט קיין צען יאָריקע, וואָס קאָנען נאָר

וואָס דערגרייכן צום וואַרשטאַט, נאָר די עלטערן, כּדי צו געפינען פאַר זיי אַרבעט, האָבן אויפגעגעבן עלטערע זייערע יאָרן — אָט די אַלע קינדער זענען נישט בכּח צו פאַרדינען אַ העלפט און אפילו נישט אַ דריטל פון דער סומע. און ס'איז דאָך אַלצאיינס, צי די דאָזיקע מענטשן געבן אויס דאָס געלט אויף אייגענע חתונות, צי אויף די חתונות ביי זייערע פריינט...

יאָ, דאָס איז אפילו זייער נאַריש, כּמעט טראַגיש, אָבער דאָך ווי גוט דאָס איז. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע אַלע פאַרגעניגנס מיט וואָס דאָס לעבן האָט זיי נאָר אַמאָל באַשאָנקען, נאָר איין געדאַנק איז איינגעוואַקסן געוואָרן אין זייערע נשמות, אַז פון אַ חתונה וועלן זיי זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן. דאָס וואָלט געהייסן, אַז זיי זענען שוין אינגאַנצן צעבראָכן. ביין, אויף דעם וועלן זיי קיינמאָל נישט איינגיין. די חתונה-צערמאָניע דאָס איז אַן אַלטער מנהג, אַ באַווייז, אַז מ'קאָן אַ גאַנץ לעבן זיין פאַרמאַכט אין אַ שטייג, אַרומגענומען אין אַ שטענדיקן טרויער, אָבער דאָך איין מאָל אין לעבן אַראָפּרייסן פון זיך די קייטן, צעשפּרייטן די פליגל, קוקן אין דער זון. יאָ, דאָס לעבן איז שוין נישט דעמאָלט אַזוי גראָלעך. די זאָרג און ליידן זענען שוין גאָרנישט אַזוי פיינלעך. דאָס לעבן קומט אויס דעמאָלט אין זייערע אויגן, ווי אַ קאָלירטער זייפן-בלאָז, וואָס מ'קאָן עס באַגליקן מיט אַ גלעזעלע גוטן וויין, כאָטש איין איינציק מאָל צו טרונקן און דערנאָך — וואָס מיר דאַרט דערנאָך! איינמאָל מוז דער מענטש הערשן איבער זיך און שפּעטער מוז מען זיך ווידער אומקערן צו דער שווערער אַרבעט, כּדי צו לעבן מיט די ערינערונגען פון אַזאַ טאָג.

מ'האָט געטאַנצט אַן אויפהער און אין איין אָטעם. די שעהן זענען געלאָפן. ס'איז געוואָרן פינצטער. די זאַל איז געווען באַליכטן פון צוויי פאַרקאָפּטשעטע אייל-לעמפּלעך. די באַגייסטערונג ביי די כּלי-זמרים איז פאַרשוואונדן. זיי האָבן שוין געשפּילט בסדר די איין און זעלביקע מעלאָדיע. וואָס אַמאָל איינטאָניגער און מיט מער אָנשטרענגונג. איינמאָל זענען זיי אינגאַנצן שטיין געבליבן און פאַרגעסן די ווייטערדיקע טענער, דאָס האָט אַרויס-

געריפֿן אַ גרויסע מהומה צווישן די געסט און אויפֿגעוועקט דעם דיקן פּאַליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר און גע־שלאָפֿן.

געשעען איז עס איבער מאַריע ווערטשינסקע. זי האָט גע־הערט צו יענע ברויזנדע באַטורן, וואָס באַהעפֿטן זיך פֿאַרצווייפֿלט מיט די קלאַנגען פֿון די אַוועקגייענדיקע מוזע. אַ גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרדאגהטע און געטראַכט: צי וועט זיך טאַקע דאָס אַלץ באַלד ענדיקן. ניין, ס׳איז געווען פֿאַר איר ממש אומ־גלויבלעך. איר נשמה האָט געריפֿן, אַזוי ווי פֿאַסט צו די אַוועק־גייענדיקע גוטע מינוטן: אָ, הערלעכע מינוט, גיי נאָך נישט אַוועק! צי האָט דאָס בײַ איר אויף איר אַזוי געווירקט און אפֿשר גאָר די מוזיק? ווײַל וויפֿל מאָל די כּלי־זמרים האָבן אויפֿגעהערט, איז זי צוגעלאָפֿן צו דער עסטראַדע, געדראָט, געשריגן און געקלאַפּט מיט די פֿיס. אומזיסט האָט דער איבערגעשראָקענער סאַמאַשיוס איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז „דער חשק איז גרויס, אָבער דאָס לײַב איז פֿאַרמאַטערט”. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן דאָס באַרויקן פֿון הייזעריקן דזשייקאָב און אפֿילו נישט די גוטע ריידעלעך פֿון די מומע עלזע: — שאַליני! — האָט מאַריע געשריגן — פּאַלאַוק יש קעליאַ! פֿאַרוואָס דען צאָלט מען אײַך, הינטישע צורות! די איבער־געשראָקענע כּלי־זמרים האָבן זיך געכאַפּט צו זייערע אינסטרו־מענטן און מאַריע האָט ווידער זיך ווילד געלאָזט איבערן זאַל טאַנצן.

יעצט האָט שוין מאַריע ווערטשינסקע באַהערשט די גאַנצע פֿאַרווײַלונג. אַ דערפֿרישונגס־ווינטל האָט געבלאָזן פֿון איר אויף אַלע פֿאַרמאַטערטע געסט. דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. די כּלה האָט זיך נאָך ווי ס׳איז געהאַלטן, אָבער די איבעריקע פֿרויען און כּמעט אַלע מענער האָבן שוין נישט געקאָנט מער טאַנצן. איין מאַריע, וואָס איז גאָרנישט מיד געוואָרן, זי האָט נאָך מער דערהיצט די טענצער, געריסן זיי אויף אַלע זייטן, גע־שריגן, געזונגען און געקלאַפּט מיט די פֿיס. די טיר פֿון זאַל האָט זיך פֿון צײַט צו צײַט געעפֿנט. אַ קאַלט ווינטל האָט אַרײַנ־געבלאָזן און אָפּגעפֿרישט די פֿאַרמאַטערטע פּנימער. מאַריע האָט

פֿאַרבייגעטאַנצט פֿאַר דער טיר און יעדעס מאָל אַ קלאַפּ געטון מיטן פֿיסל. אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, אָבער פּלוצלינגן איז געשען אַ קליינטשיקער צופֿאַל. דער קליינער דריי יאָריקער סעבעסטיאַן שעדווילאָס האָט זיך אַזוי געפּלאָנטערט צווישן די געסט מיט אַ פּאַפּקע ביים מויל. אין דער מאַמקע איז געווען דווקא לימאָנאַדע. מאַריע האָט נישט באַמערקט דעם קליינעם שעדווילאָס, זי האָט פֿאַרבייגעטאַנצט פֿאַר דער טיר און מיט איר פֿיסל אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר אין פֿלעשעלע פֿון קליינעם סעבעסטיאַן. דאָס פֿלעשעלע איז אַראָפּגעפֿאַלן, צעשפּריצט געוואָרן אויף שטיקלעך און ס'קינד האָט זיך שטאַרק צעוויינט. באַלד האָט מען איבערגעריסן דאָס טאַנצן. די גוטע מאַריע, וואָס האָט אין איר גאַנץ לעבן נאָך קיין פֿליג נישט געשעפּעט, האָט געכאַפּט דאָס קינד און עס גענומען צערטלען. אַ דאַנק דעם צופֿאַל האָבן די כּלי־זמרים זיך געקאָנט אָפּרוען, עסן עפּעס און טרונקען. מאַריע האָט געזוכט פֿאַרשידענע מיטלען, ווי אַזוי שטיל צו מאַכן דאָס וויינענדיקע קינד. זי האָט עס אַוועקגעזעצט אויפֿן טיש און צוגעשטופּט צום מויל אַ גלאָז שוימיק ביר.

אין אַ ווינקל פֿון זאַל איז פֿאָרגעקומען אַ געהיימע באַראַטונג צווישן דער מומע עלזע, דער זיידע אַנטאַנאַס און עטלעכע נאָענטע פֿון דער פֿאַמיליע. די חתונה, דאָס איז אַ שטילער אָפּמאַך צווישן די געסט און מחותּנים, אַן אָפּמאַך נישט קיין קלאָרער אָבער זייער אַ פֿאַרפֿליכטנדער. יעדער גאַסט [ווייסט שוין וואָס און וויפֿל צו שענקען פֿאַרן יונגן פּאָרל. דערביי באַמיען זיך אַ סך צו געבן וואָס מער. אָבער דאָ אין דעם נייעם לאַנד, וואו זיי זענען יעצט אָנגעקומען האָבן געהערשט מאָדנע באַציונגען און מנהגים. עפּעס קרענקלעכס האָט זיך געטראָגן אין דער לופֿט און אָנגעשטעקט אַלע אָנוועזנדע. זיי זענען געקומען גאַנצע מחנות, געגעסן און געטרונקען, דערנאָך זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פֿון זאַל. איינער האָט אויף אַ געלעכטער אַרויסגעוואָרפֿן דעם צווייטנס קאַפּעלוש דורכן פֿענצטער, באַלד זענען זיי ביידע אַרויס און זיך שוין מער נישט אומגעקערט צוריק. עטלעכע מענער האָבן זיך גרופּירט אויף איין אָרט און צוזאַמען פֿאַרשוואונדן פֿון זאַל. אַ סך האָבן עס גע־

מאַכט נאָך אויף אַ געמיינער אופֿן, זיי האָבן זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען ביים בופֿעט אויפֿן חשבון פֿון יונגן פּאָרל, איינגערעדט, אַז זיי האָבן שוין געטאַנצט מיט דער כּלה און שוין געשאָנקען דאָס דרשה־געשאַנק אָדער זיי וועלן גאָר טאַנצן שפּעטער.

די גאַנצע פֿאַמיליע איז געווען פֿאַרצווייפֿלט, הילפֿלאָז. וויפֿל מאַטערניש און געלט דאָס האָט זיי אָפּגעקאָסט. די כּלה האָט אויסגעשטאַרצט די אויגן און מיט שרעק געטראַכט וועגן די גרויסע חשבונות. די מורא פֿאַר די חשבונות האָט פֿאַרטריבן דעם שלאָף פֿון אירע אויגן. וויפֿל מאָל זי האָט דאָס אַלץ אויסגערעכנט אין קאָפּ גייענדיק צו דער אַרבעט — פֿיפֿצען דאָלאַר פֿאַר דער זאַל, צוויי און צוואַנציק דאָלאַר פֿאַר קאַטשקעס, צוועלף דאָלאַר פֿאַר די כּלי־זמרים, פֿינף דאָלאַר דעם פּאַסטאָר פֿאַר די חופּה און גאָטס ברכות, און אַזוי ווייטער און ווייטער אָן אַן אויפֿהער. שטאַרק געשראָקן האָט זי זיך פֿאַרן באַזונדערן חשבון פֿון באַלעבאָס גרייטשאָנאָס, וואָס ער וועט איר צושטעלן פֿאַרן ביר און פֿאַר די שאַרפֿע משקאות. ס׳איז אוממעגלעך געווען עס פֿריער אָפּצושאַצן, ווייל ווער האָט דען געקאָנט וויסן, וויפֿל ער וועט פֿאַרשרייבן! גרייטשאָנאָס האָט געקאָנט אַ טובה טון, אַ נאָענטן אָנשטאָט אַ גאַנץ גלעזעלע צו געבן אַ האַלבס און פֿאַרשרייבן צוויי. צוערשט פֿאַרפֿליכטעט ער זיך צו געבן דאָס בעסטע, דערנאָך דערלאַנגט ער דאָס געמיינסטע, געשרייען און פּראָטעסטן העלפֿן שוין דעמאָלט גאָר ווייניק, קאָנסט נאָר געניסן דאָס, אַז ער זאָל דיר ענדערן די שמחה אויף אַ מחלוקה. נו, וועסט זיך גיין מיט אים משפּטן? דאָס איז פּונקט דאָס זעלביקע, ווי, אַ מענטש וואָלט זיך געגאַנגען משפּטן מיט גאָט. אַז דער שענקער לעבט אין גוטע באַציונגען מיט די שומרים פֿון גערעכטיקייט. וויבאַלד הייבסט אָן מיט אַזאַ איינעם, וועסטו שוין זיכער באַצאָלן וויפֿל מ׳וועט דיר באַרעכענען.

די גאַנצע פֿאַמיליע איז געזעסן פֿאַרדאגהט און געטראַכט. אַרום האָבן זיך פֿאַרזאַמלט פֿריינט. עס האָבן זיך אויך דערנעבנטערט די, וואָס האָבן געהערט צו די מיטשולדיקע. יעדן איינ־

ציקן האָט עס שטאַרק אינטערעסירט. ס'האָט זאָגאַר אפילו דעם הייליקסטן געקאָנט אַרויסברענגען פון געדולד! באַלד האָט זיך אויך יורגיס דערנענטערט. מ'האָט אים אַלץ געווי איבערגעגעבן. אַ שווייגנדיקער האָט ער אויסגעהערט דאָס אַלץ. ער האָט צו־זאַמענגעצויגן די געדיכטע ברעמען און געקוקט צאַרנדיק אויף די אומחשובע געסט, גרייט צו וואַרפן זיך אויף וועלכן פון זיי מיט די פויסטן. אָבער דאָס וואָלט ווינציק וואָס געהאָלפן. אַרויסוואַרפנ־דיק די דאָזיקע פאַרשוויגען פון זאָל וואָלט שוין דער חשבון סיי ווי נישט קלענער געוואָרן. ער האָט געטראַכט צו נעמען צוגען און שוין אַנטרוגען ווערן פונדאַנען. ער האָט אַ שאָקל געטון מיט דער האַנט און געזאָגט.

— מומע עלזע, וואָס ס'איז געווען איז שוין פאַרפאַלן. דאָס וויינען וועט שוין גאָרנישט העלפן. ער האָט אַ בליק געטון אויף זיין פריש ווייבל, געזעען דעם פחד אין אירע אויגן און שטיל צו איר געשעפטשעט:

— מיין קליינטשיקע, זאָל עס דיך נישט אַרן! די חשבונות וועלן מיר באַצאָלן, כ'וועל אַרבעטן אַביסל שווערער און גענוג.

אַזוי פלעגט יורגיס תמיד רעדן און צונישט מאַכן אַלע שוועריקייטן, אַזוי איז שוין געווען דערצו צוגעוויינט. אַזוי האָט ער נאָך געערעדט אין ליטע, ווען אַ באַאַמטער האָט קאָנפיסקירט זיין פאַס און אַ צווייטער האָט אים אַרעסטירט פאַר נישט האָבן אַ פאַס. שפּעטער האָבן זיי ביידע פאַרקויפט יורגיס פאַס צו אַ דריטן פאַרשוין. אַזוי האָט ער אויך געערעדט אין ניו־יאָרק, ווען אַן אַגענט האָט אים געפּאַנגען אין זיין נעץ און געהייסן זיך צאָלן אומגעהייערע סומעס כאַבאַר. יעצט האָט ער צום דריטן מאָל איבערגעחזרט די זעלביקע ווערטער. אָנע האָט טיף אָפגעעטעמט מאָדנע וואונדערבאַרע מחשבות האָבן באַהערשט איר געדאַנק. יעצט האָט זי שוין אויך אַ מאַן, פונקט ווי אַלע דערוואַקסענע פרויען, אַ מאַן, אַ גרויסער און קרעפטיקער, וואָס קאָן אַזוי לייכט פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען פון לעבן.

דער קליינער סעבעסטיאַן האָט אויפגעהערט וויינען, די

לי-זמרים האבן אָנגעהויבן שפּילן. ווידער האט זיך אויסגע-
שטעלט דאָס רעדל און ס'האט זיך אָנגעהויבן דאס קלויבן
דרשה-געשאַנק אין קאַפּעלוש אַריין. ווינציק געסט האבן זיך
שוין דערנענטערט צו דער כּלה, כּדי מיט איר צו טאַנצן דעם
דרשה-געשאַנק-טאנץ. באלד האט מען אויפגעלאָזט דאס ראָד
און עס האבן זיך אנגעהויבן די רונדטענץ. ס'איז אַריבער
האלבע נאכט, די טעגצער זענען פויל געוואָרן. די מערסטע-
טייל פון זיי זענען געווען פארשכּורט. די טאנצנדיקע
פריילעכקייט האט זיך פארוואַנדלט אין אַ פארשלאָפנקייט.
זיי האָבן געטאַנצט מעכאַניש, איינטאָניג, אַ שעה נאך אַ שעה,
די אויגן זענען געווען ביי זיי פארגאָסן, זיי האבן שוין
נישט געזעצן מער אַרום זיך, ווי דעם ליידיקן רוים. טייל
פאָרלעך האבן אויפגעהערט טאנצן, פעסט צוגעטולעט איינער
צום אנדערן האבן זיי זיך אוועקגעזעצט אין באַזונדערע
ווינקעלעך. שכּורע געסט זענען געלויפן הין און צוריק
איבערן זאַל, געפאַלן אויף אלע און אלץ. אנדערע האבן
זיך פארזאמלט גרופּנווייז אין יעדערער גרופּע האט גע-
זונגען אַ באזונדער ליד. די צאָל שכּורים, איז געווארן,
וואס אמאָל גרעסער. זיי האבן זיך אנגעהאלטן איינער אין
אנדערן און אָנגערופן זיך ביי די געמיינסטע ווערטער. ס'איז
אנטשטאנען אַ מחלוקה, וואס איז שיער נישט דערגאנגען צו אַ גע-
שלעג, קוים וואס ס'האָט זיך איינגעגעבן צו צערייסן די צדדים. דער
דיקער פּאָליציאַנט האט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גע-
שטאַנען אויף דער וואַך מיט דער באהייקע אין דער האנט,
וייל די געשלעגן אין האלבע נאכט פארשפּרייטן זיך אין דער
נעגנט מיט אַזאַ בליץ שנעלקייט, אַז וויבאלד מ'באהערשט
זיי נישט באלד מוז מען שפּעטער ארויסרופן די גאנצע שטאט-
פּאָליציי.

דערפאר מוז מען תּיכּף דערשטיקן יעדערע מחלוקה. די
צאָל צעשלאגענע נעז פון „אונטער די שעכטהייזער” ווערן
נישט געציילט מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט. ביי די דאזיקע מענטשן
איז האקן קעפּ ביי שמחות אַ טאג טעגלעכע ארבעט, דערי-

פירן זיי אויס די מלאכה אויף די קעפ פון זייערע פריינט און אפילו אויף די קעפ פון זייער בני־בית. ס׳איז נאך א גרויס גליק, וואס די מאדערנע געזעלשאפט האט באשאנקען מיט די דאזיקע מלאכה א קליין הייפל ספעציאליסטן, וואס טון עס שוין פאר דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

אין דער נאכט פון יורגיס חתונה איז אפילו נישט דערגאנגען צו א געשלעג אין דער געגנט פון די שעכטהייזער, גאנץ מעגלעך דערפאר, וואס יורגיס האט אויפמערקזאמער געהיט פון פאליציאנט. יורגיס האט זיך געקאנט באהערשן. גאנץ שווער איז געווען אים ארויסצוברענגען פון גלייכגעוויכט. איינמאל איז אפילו געקומען צו א מחלוקה, אבער דאס איז געשעען צוליב מאריע ווערטשינסקע. שוין צוויי שעה, ווי זי גייט ארום א צארנדיקע אויף די געסט, וואס האבן זיך אנגעגעסן און אנגעטרונקען און צומאל נישט געשאנקען א לעבעדיקע פרוטה פארן יונגען פארל. זי האט נישט לאנג געטראכט און אנגעכאפט צוויי אזוינע פארשוינען ביי די קעלנער פון זייערע רעקלעך און זיי ארויסגעפירט פון זאל. צום גליק האט דער פאליציאנט זיך פארהאלטן גאנץ רויק און זי נישט ארויסגעווארפן צוזאמען מיט זיי.

די כלי־זמרים האבן איבערגעריסן אויף א ווײַלע דאס שפילן. אבער באלד האבן זיי ווידער אנגעהויבן זונגען די פריריקע פארצווייפלטע מעלאדיע, וואס זיי האבן שוין געשפילט מיט א שעה צוריק. איינס פון יענע אמעריקאנער לידלעך, וואס זענען אויפגעכאפט געווארן ערגעץ אויף דער גאס. די ערשטע שורות פון דעם לידל הערט מען זונגען כמעט יעדן אויף אויסעווייניק, תמיד און אן אויפהער:

אין א גוטן זומער, אמאליקן זומער.
אין א גוטן זומער, אמאליקן זומער.
אין א גוטן זומער, אמאליקן זומער.

און אזוי ווייטער און ווייטער, די כסדר איבערגעחזרטע ווערטער האבן פארכשופט ארום זיך אלע אנוועזנדע. א טעמפקייט האט ארומגענומען די, וואס האבן געזונגען און סיי די,

וואָס האָבן געשפּילט. קיינער האָט זיך שוין נישט געקאָנט באַ־
פרייען פון די ווערטער און מעלאָדיע, כאָטש זיי האָבן דער־
פון אַבסאָלוט נישט געטראַכט. דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן
דריי. דער חשק צום טאַנצן איז פאַרשוואונדן און ס׳האָט פאַר־
פעלט כחות. ס׳האָבן אַפילו נישט געהאָלפן די קאַלטע גע־
טראַנקען. דאָך האָט זיך קיינער נישט באַהערשט אַרויסצוזאָגן
דאָס וואָרט: גענוג! פינקטלעך זיבן אַ זייגער האָט שוין יעדער
פון זיי באַדאַרפט שטיין אין דער פאַבריק, איינער ביי דורהאַם,
אַ צווייטער ביי בראַון צי גאָר ביי סאַנעס, אַלע אין זייערע
בלאָע אַרבעטער בלוזעס. ווער ס׳האָט נאָר פאַרשפּעטיקט מיט
אַ מינוט, האָט מען אַראָפּגערעכנט פאַר אַ שעה. וויבאַלד מיט
עטלעכע מינוט, איז ער אויף צומאָרגנס שוין געשטאַנען ביי די
טוירן פון די פאַבריק צווישן די אַרבעטלאָזע. די דאָזיקע גע־
זעצן האָבן נישט געמאַכט פאַר קיינעם קיין אויסנאַם. אַפילו
אַנע האָט נישט געקאָנט אויסבעטן אַ טאָג אורלויב אָפּצורוען
זיך נאָך די חתונה. יאָ, ס׳איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל אַרבע־
טער, וואָס שטרעקן אויס די הענט נאָך אַרבעט, גרייט זיך
אונטערצוּוואַרפן אַלע באַפעלן פון די פאַבריקאַנטן! עס וואָלט
געווען נאַריש צו מאַכן הנחות פאַר די, וואָס זענען אומ־
פינקטלעך.

די כלה איז געווען כמעט ווי פאַרחלשט. דער ריח פון
בראַנפן און די שלעכטע לופט האָט איר צעטומלט. זי האָט נאָך
נישט געהאַט קיין איין ביסן אין איר מויל. כאָטש די איבע־
ריקע געסט פלאַמען שוין פון בראַנפן, ווי די צוויי אייל־
לעמפלעך, וואָס באַלייכטן די שטוב. אַ סך האָבן זיך צעלייגט
אויף די טישן און געשמאַק געשלאָפן. יורגיס האָט געוואָרפן
אַ גיריקן בליק אויף אַנען, געקוקט צו דער טיר, אָנגעוואַרט
די קאַרעטע, וואָס האָט זיי באַדאַרפט אָפּפירן אין שטוב אַריין.
ער איז צוגעגאַנגען צו אַנען: ניין, ער וועט שוין לענגער
נישט וואַרטן. אַנע איז געווען בלייך און האָט לייכט געציטערט.
ער האָט פאַרוואָרפן אויף איר דאָס טוך. איבערגעדעקט זי מיט
זיין מאַנטל. זיי וואוינען אויף דער צווייטער גאַס און זיי

וועלן שוין צוגיין דאס קליינע שטיקל וועג. קיינער האט נישט געטראכט זיך צו געזעגענען מיט זיי. די וואס האבן געטאנצט האבן אפילו זיי נישט באמערקט. די עלטערע און די קינדער זענען געשלאפן אין די ווינקלען. יורגיס האט נישט אויס־ריידנדיק קיין איין ווארט, אנגענומען זיין ווייבל ביי דער האנט און ארויס מיט איר פון שטוב. אנע האט פארווארפן דעם קאפ אויף איר מאנס אקסל. אז זיי זענען שטיין געבליבן פארן הויז, וואו זיי האבן געוואוינט האט ער נאך נישט געקאנט באגרייפן, צי זי איז געשלאפן, צי געחלומט, נאר ווען ער האט געעפנט די טיר פון שטוב האבן זיך עטוואס געעפנט ביי איר די אויגן:

— וועסט שוין נישט גיין היינט צו בראון ארבעטן, מיין קליינטשינקע — האט ער געשעפטשעט טראגנדיק זי אויף די טרעפ. און זי האט אנגעכאפט זיין אקסל און פול מיט שרעק געזאגט:

— ניין, חס ושלום, דאס וואלט געווען פאר אונז אן אומגליק.

און יורגיס האט געענטפערט.

— לאז עס איבער פאר מיר, איך וועל מער פארדינען, מער ארבעטן.

צווייטער קאפיטל.

יורגיס האט גערעדט וועגן ארבעט, ווי וועגן עפּעס אַ שפּילעכל. ער איז נאך געווען יונג. אז מ׳האט אים דערציילט וועגן די שווערע ארבעטן אין די טשיקאַגאָר שעכט הייזער, געשיכטעס וועגן מענטשן, וואס זענען געפאלן פון צו שווער ארבעטן, מעשיות וואס האט פארגליווערט דאס בלוט אין די אָדערן — האט ער געלאכט. ער האט געארבעט דארט קוים פיר חדשים. ער איז געווען נאך יונג, אַ ריז, מיט אומגעווייגלעכע כחות. האט ער גערעדט צו זיך אַליין: יאָ, יורגיס, די ארבעט איז פונקט פאר דיר, האסט געזונטע פלייצעס און יענע — זיי זענען דאך ווערמלעך, אַ גארנישט.

ער איז געווען ווי אַ קינד און דערצו ווי אַ קינד פון דארף.

ער האט געהערט צו יענע ארבעטער, וועלכע האבן זיך ליב צו קלאָמערן ביי זייערע באַלעבאטעם און קיינמאל שוין נישט פון זיי אפטרעטן. אז מ׳האט אים געהייסן ערגעץ גיין איז ער כמעט געשפּרונגען. וויבאלד ער איז געשטאנען אַ מינוט ליידיק האט ער געטאנצט פאר לערקייט. ער האט געארבעט צוזאמען מיט אנדערע ארבעטער אין ס׳האט זיך אים תמיד געדוכטן, אז יענע ארבעטן צו פּאַמעלעך. באלד האט זיך געלאָזט מערקן אויף אים אַ געוויסע אומגעדולדיקייט און אַ שטענדיקע אומרויקייט. מ׳פלעגט אים דערפאר אויסקלויבן צו די שווערסטע ארבעטן. אויפן צווייטן טאג נאך זיין קומען קיין

טשיקאגא, איז ער געשטאנען אָומגעפּער אַ האַלבע שעה פאַר דער גרויסער פירמע: בראַון עט קאַמפּ, וואו מ׳האט אים תיכף געריפן צו דער ארבעט. ער האט זיך געגרויסט דערמיט און געלאכט פון אלע פעסעמיסטן. אומזיסט פרווט מען אים, יורגיסן, איינרעדן, אז צווישן יענע מחנות מענטשן געפונען זיך אזעלכע, וועלכע שטיין צו גאנצע חדשים און קאנען נישט געפונען קיין ארבעט. אויף דעם פלעגט ער ענטפערן:

— יאָ, אבער וואס פאר א מענטשן זענען זיי דאס. אויס־געמאגערטע פוילנצערס, שלעפערס, שכורים, וועלכע פאר־טרונקען ס׳פארדינטסט און זוכן ווידער עפעס אַ פארדינסטל אויף אַ גלעזעלע בראנפן. מיט אזעלכע ; ענט ווי מיינע וועט מען מיך נישט לאזן שטארבן פאר הונגער.

ביי די ווערטער האט ער אנגעשטרענגט זיינע מוסקולן און זיי באוויזן די ארומיקע און זיי האבן אים געענטפערט:

— מ׳זעט, אז ביסט געקומען פון ערגעץ אַ פארוואָרפענער געגנט.

זיי האבן נישט געטעותט. יורגיס האט נאך קיינמאל פאר זיינע אויגן נישט געזען די גרויסע שטאט. ער איז נאך אפילו נישט געווען אין א קליין שטעטעלע. ביז דעמאָלט, ווען ער האט זיך געלאזט אין וויטן וועג אריין בעטן אָנעס פאטער זיין הסכמה חתונה צו האבן מיט זיין טאכטער, האט די גאנצע משפחה, דער פאטער, דער זיידע, ביז צום עלטער־עלטער־זיידן — אלע האבן זיי געוואוינט אין די אומגעוויינלעך גרויסע ביאלאוויעזשער וועלדער, וואס זענען צעשפרייט גע־ווען אויף צענדליקער טויזנטער מארגעס. אן ארט, וואו ס׳איז זיך דער אדעל צונויפגעפארן אויף יאגד. געלעבט האבן דארט עטלעכע פויערישע פאמיליעס. זיי האבן נאך גענאסן פון די אַלטע פריווילעגיעס. צווישן זיי איז אויך געווען אנטאנאס רודקוס. ער האט פארנומען מיט דער פאמיליע גאנצע זעקס מאָרגעס ערד. אַ חוץ יורגיסן איז נאָך געווען אין שטוב אַ זון מיט אַ טאָכטער. דער זון איז אַוועק אין מיליטער און אזוי איז אָפּגעלאָפן צען יאָר, ווי מ׳האָט פון אים גאָרנישט געהערט. די

שוועסטער האט חתונה געהאט און דער אלטער אנטאנאס האט באַשלאסן צו פארקויפן דעם איידעם דאס פארמעגן. ער מיטן זון האבן אויסגעוואנדערט.

זינט ער האט זיך באַגעגנט מיט אָנען דאס ערשטע מאָל, איז שוין אַ האלב יאָר. דאס איז געשען אין אַ מארק טאג, הונדערט וויאָרסט פון ביאַלאָוויעזש. וועגן חתונה האבן האט יורגיס קיינמאָל נישט געטראַכט. ער האט עס תמיד געהאלטן פאר אַ נארישן טאט פון די מענער. אָבער פלוצלינג, אומגעריכט פאר אַלע, נישט רעדנדיק צו איר קיין איין וואָרט, נישט געשמייכלט צו איר און נישט זי צו אים, איז ער אַוועק צו אירע עלטערן, געשטעלט זיך פאר זיי איינגאנצן אַ פאַררויטלטער און געזאָגט, אז ער וויל קויפן אנען פאר אַ ווייב. ער שענקט זיי פאר איר צוויי פערד, וועלכער האט נאר וואס געקויפט אויפן מארק. אבער אנעס פאטער איז געווען פעלזן הארט. ער האט נישט מסכים געווען, ס׳קינד איז נאך יונג און ער איז געגוג רייך. זי קאן זיך דערווארטן אויף עפעס לייטישעס. יורגיס האט זיך אומגעקערט אַ היים מיט אַ באַשווערט הארץ. דעם גאַנצן קומענדיקן פרילינג האט ער געטון אַלץ, וואס ס׳איז נאר געווען מעגלעך, אז ער זאָל פארגעסן אָן מיידל. אָבער ווען ס׳איז פאַרביי שניט, האט ער געזען, אז ס׳בענקשאַפט איז זייער גרויס, ער וועט זיך נישט קיין עצה געבן. ער האט באַשלאָסן נאָכאַמאָל זיך אַוועקצולאָזן אויף דער גרויסער צוויי וואָכידיקער נסיעה, וואס האט אים אָפּגעטיילט פון זיין געליבטע.

און דאָרט האָט זיך דערווייל אַלץ געענדערט. דער פאָטער איז געשטאָרבן. די בעל הובות האָבן געלייגט אַן ארעסט אויפן פאַרבליבענעם פאַרמעגן. ביי יורגיסן האָט דאס האַרץ געקלאַפּט פון פרייד, ער האָט פאַרשטאַנען אַז אָט יעצט וועט פאַר אים אַלץ זיין צוגענגלעך. פאַרבליבן איז דאָרט עלזע לוקאָשייטי, אנעס שטיפמאַמע מיט אירע זעקס קינדער. געווען איז דאָרט אויך איר ברודער יאָנאַס, אַ דאַר, שוואַך בחורל, ער האָט געבאַלעבאַטעוועט מיט דער ווירטשאַפט. דאָס זענען גע-

ווען מענטשן פון אַן אַנדערן שטייגער, ווי יורגיס, דער מענטש פון וואַלד. אָנע האָט געקאָנט שרייבן, געוווסט אַ סך זאַכן, וואָס זענען פאַר יורגיסן געווען גאַנץ פרעמד. יעצט האָט זיך אַלץ געענדערט. אַלץ איז פארקויפט געוואָרן. די גאַנצע פאַמיליע איז פאַרבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. געבליבן איז זיי זיבן הונדערט רובל, אָבער אַ רובל האָט דאָך צומאָל נישט געהאַט דעם ווערט פון א האלבן דאָלאַר. אמתן האָט זיי באדארפט איבערבלייבן דריי מאל אזוי פיל, אבער דער ירושה-אורטייל איז זיי שלעכט אויסגעפאלן און אפעלירן וואלט שוין געקאסט צו פיל געלט.

אָנע האָט געקאנט מיט יורגיסן חתונה האבן און אפילו באלד מיט אים אוועק אין דער ברייטער וועלט אריין. אבער זי האט עס נישט געוואלט טון. זי איז געווען שטארק צוגעבונדן צו דער מומע עלזע. דעמאלט האט יאנאס געעצהט, אז זיי זאלן אלע פארן קיין אמעריקע, ווו איינער פון זייערע פריינט האט שוין אפילו אפגעשפארט א קאלאסאלע סומע געלט. ס׳איז דאך דא ווער ס׳זאל ארבעטן: ער, די ווייבער און אפילו די קינדער. ס׳איז זיכער, אז זיי וועלן זיך אן עצה געבן. יורגיס האט שוין אויך עפעס געהערט וועגן אמעריקע. מ׳האט אים דערציילט, אז דאס איז אן ארט, וואו א מאנספערשוין קאן גאנץ לייכט פארדינען צוויי רובל א טאג. אין זיין פאנטאזיע האט ער זיך באמיט פארצושטעלן, וואס דאס הייסט א זוינס דריי רובל טעגלעך. ער האט נישט פארשטאנען דעם חשבון. ער האט געטראכט וועגן די אמעריקאנער פארדינסטן און געזעען פאר זיך די דאָרפישע אויסגאבן. ער האט נישט געטראכט לאנג, באשלאסן צו פארן קיין אמעריקע, חתונה האבן דארט און ווערן רייך. דארט וועט ער נישט דארפן דינען אין מיליטער, אינטערקויפן פארשידענע באאמטע. ער וועט קאנען טון, וואס אים וועט געפעלן, טראכטן וועגן זיך ווי יעדער אנדערער. אט אזוי איז אמעריקע געווארן א טרוים ביי דעם פארליבטן פארל: ווען זיי וואלטן נאר געקאנט פארדינען א ביסל געלט אויף רייזע-הוצאות, וואלט שוין א סוף גענומען צו זייערע אלע דאגות.

זיי האבן באשלאסן צו פארן דעם קאמענדיקן פרילינג. יורגיס איז דערווייל אוועק ארבעטן צו א בוי־אונטערנעמער. צוזאמען מיט א גאנצע מחנה מאנסלייט איז ער געגאנגען אום־געפער פיר הונדערט מייל ביז סמאלענסק. דארט האט ער גע־ארבעט ביים בויען אן אייזנבאן. דער שרעקלעכער שמוץ, די שלעכטע דערנערונג און די שווערע ארבעט האט אים שרעק־לעך געפייניקט. אבער ער האט אויסגעהאלטן, אומגעקערט זיך א היים מיט אכציק דאלאר פארנייט אין רעקל. ער האט נישט געשפורט, נישט געקריגט זיך. אנע איז אים תמיד געשטאנען פאר די אויגן. ער איז געווען א רויקער מענטש, געטון אלץ, וואס מ׳האט אים געהייסן. זעלטן וועט מ׳האט אים ארויסגעברענגט פון גלייכגעוויכט. ווײבאלד דאס איז שוין יא א מאל געשען, איז געװען געגוג געוועזן, אז ער זאל א קוק טון אויף זיין געגנער מיט די צוויי ברייט צעעפנטע אויגן און יענער זאל שוין אפטרעטן אויף תמיד. ביים אפנעמען דעם ארבעט־לוין, האט ער אויסגע־מיטן די אויגן פון די חברים קארטן שפילער און שכורים. איינמאל האבן זיי אים געוואלט ממתין, אבער ער איז אנטלאפן און געלעבט אין גרויס פארזיכטיקייט.

זומער זענען זיי אפגעפארן קיין אמעריקע. אין דער לעצ־טער מינוט איז צוגעקומען מאריע ווערטשינסקע, אנעס א קוזינע. זי איז געווען א יתומה, פון קינדווייז אן געארבעט אויף א שטעלע אין ווילנא, וואו מ׳האט איר תמיד געשלאגן. אז זי איז אלט געווארן צוואנציק יאר האט זי אנגע־הויבן טראכטן וועגן בעסערער פרנסה. איינמאל ביי א מחלוקה האט זי שיער נישט דערהרגעט דעם באלעבאס, דער־נאך איז זי אנטלאפן פון אים. יעצט זענען זיי שוין געווען צוועלף מענטשן, פינף עלטערע און זעקס קינדער א חוץ אנען, ווייל איר האט מען נישט געוואוסט צו וועלכע צו צורעכענען, צי צו די קינדער, צו צי די עלטערע. די רייזע איז נישט געווען קיין גאר לייכטע, צוערשט האט זיך פארנומען מיט זיי אן אגענט, לסוף האט זיך ארויסגעוויזן אז ס׳איז געווען א פשוטער שווינדלער. דערנאך זענען זיי ווידער אריינגעפאלן אין א נעץ

פון באַאַמטע. ווידער האָבן זיי זיך געמוזט צורירן צו די קניפּלעך, וואָס זיי האָבן געהאַט באַהאַלטן אויף עסן, מיט אַזוינע שווינדלער האָבן זיי זיך אויך באַגעגנט אין ניו־יאָרק. זיי האָבן לגמרי נישט געקאָנט דאָס לאַנד וואוהין זיי זענען געפאָרן, נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו עצהנען וועגן עפּעס. ס׳איז צוגעקומען צו זיי אַ מענטש מיט אַ בלאַנע ליבעריע, אוועקגעפירט זיי אין אַ האָטעל אַריין און איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן פון דאָרט זיך אַרויסצובאַקומען, האָבן זיי שוין געהאַט גענוג געלט פאַרלוירן. אמת טאַקע, אַז לויטן געזעץ מוז זיך אין יעטוועדן האָטעל צימערל געפונען אַ פּרייז־רשימה, אָבער דאָס געזעץ האָט נישט אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע רשימה מוז אויך זיין געשריבן אויף ליטוויש.

אַזוי ווי יאָנאַס פּריינט אין אַמעריקע, האָט אָפּגעשפּאָרט זיין פאַרמעגן אין די שעכטהייזער, איז דער איינציקער ציל פון זייער רייזע געווען טשיקאַגאָ, זיי האָבן נאָר געוואוסט דאָס איינע וואָרט טשיקאַגאָ און מער האָבן זיי שוין נישט באַדאַרפט וויסן, לפּחות ביז דעמאָלט, ווען זיי וועלן שוין אָנקומען אויפן אָרט. אַז זיי זענען שוין לסוף, פאַרטו בטע אַרויס פון די וואַגאָנען, האָט זיי אַרומגענומען דאָס זעלביקע געפיל, וואָס ביים אָפּפאָרן, זיי זענען געשטאַנען אויף דער ברעט־סטריט, געקוקט אויף די טונקעלע הייזער, וואָס האָבן געלויכטן פינדער־ווייטנס און נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס, אַז בעת זיי פרעגן די דורכגייער, וואו ס׳געפינט זיך טשיקאַגאָ, ווייזן זיי נישט דעם וועג, נאָר קוקן שטאַר, לאַכן און גיין ווייטער. זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט, אַז זיי זענען שוין אויפן אָרט. אַז זיי האָבן דערזעען אַ פּאָליציאַנט זענען זיי דערשראָקענע אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס און פאַרשוואונדן, וואו זיי האָבן נאָר געקאָנט. אַזוי האָבן זיי זיך געשלעפּט דעם גאַנצן ערשטן טאָג פון גאַס צו גאַס, פאַרטויבט פון די געשרייען און גערודער. שפּעט ביינאַכט האָבן זיי זיך צוגערוקט צו אַ טויער פון אַ הויז, באַלד האָט זיי געכאַפּט דערביי אַ פּאָליציאַנט און זיי אָפּגעפירט צוריק אויפן וואָקזאַל. צומאָרגנס

האט זיך אפגעזוכט אַ פארשוין, וואס האט געקענט ליטוויש. יענער האט זיי אריינגעזעצט אין אַ דראזשקע און אויסגעלענט נאך איין וואָרט: סטאָקיערדס (שעכטהייזער). זייער צופרידנקייט איז געווען דעמאלט אומבאשרייבלעך, ענדלעך זענען זיי שוין געהאָלפן, כאטש ס׳איז וואס אמאל ווייניקער געווארן פון זייער אפגעשפארט פאַרמעגן, זייזענען געזעסן אין די קאַרעטע, געקוקט דורכן פענצטער אויף דער גרויסער וועלט. זיי זענען געפארן אויף אַן אומגעווייגלעך לאנגע גאַס, וואו ס׳זענען געשטאַנען אַלטע צוויי שטאקידיקע הייזלעך, דאס זעלביקע בילד האָט זיך אזוי געזען אַלץ כסדר, נישט קיין בערג נישט קיין טאָלן, נאר אַלץ די זעלביקע איינטאניקע מיאוסע, ברודיקע, הילצערנע הייזלעך. דא און דארט האבן זיי געמיטן אַ בריק, געלייגט איבערן בלאָטיקן קאַנאַל. ברעגן, ביי וועלכע ס׳זענען געשטאנען שמוציקע שיפלעך און לודקעס, און ווידער א באַן אַ נעץ פון שינעס, סאפנדיקע מאשינען און קלאפנדיקע וואַגאָנען, דערנאך אַ גרויסע פאַבריק, אַ ריזיק שווארץ הויז מיט אַ גרויסע צאל פענצטער, אַ גרויסער קוימען, פון וועלכן ס׳האט ארויסגעזעצט שוואַרצע וואלקנס רויך. שטיקנדיקע לופט אין שוואַרצע ערד ארום, און דערנאך ווידער אַ גאַס מיט לאַנגע שורות צעבראכענע הייזער.

אומגעפער אַ שעה פאר זייער אנקומען אויפן נייען ארט, האבן זיי דערפילט, ווי די לופט האט זיך געענדערט, זי איז געוואָרן וואס אמאל שטיקנדער, דאס גראָז לענג אויס דעם פלאַנט האט פארלוירן די גרינע פאַרב. זיי האבן ארויסגעקוקט פון לויפנדיקן צוג, באמערקט, ווי אַלץ באקומט אַ ברודיקן אויסזען, די פעלדער זענען געווען אויסגעטריקנט, די גאנצע געגנט וויסט און שמוציק, א חוץ די וואלקנס רויך האבן זיי דערפילט נאך עפעס: אַן ענגקייט האט זיי פארהאלטן דאס אטעמען. זיי האבן נישט געוואוסט, וואס פאר אַ ריחות דאס זענען. דער חוש פון פילן איז נאָך געווען ביי זיי שוואך אנטוויקלט. מאדנע איז דאס אַלץ אויסגעקומען אין זייערע

אויגן. יעצט בעת דער צוג האט אַזוי געאיילט, האָבן זיי דערפילט, ווי זיי פאָרן צווישן אַ שרעקלעכע שטינקנדיקע לופט. דאָס געשטאַנק איז געוואָרן מוראדיק גרויס, אַז נישט זיי האָבן עס נאָר געפילט, נאָר אפילו געהאַט איין כויל.

ס׳האָט זיך געדוכטן, ווי מ׳קאָן אָט די שטינקנדיקע שטיקער אָננעמען מיט דער האַנט, שניידן זיי. דאָס געשטאַנק איז געוועזן פאַרשידנאַרטיק, טייל האָבן געסאַפּעט ביים אָטעמען און טייל האָבן פאַרשטעלט די נאָז־לעכער. די צוגערייזטע האָבן מיט פאַרוואונדערונג געטעמט דעם ריח פון דעם געשטאַנק. פלוצלינג איז דער צוג שטיין געבליבן. מיט אַ געוויש האָט מען געעפנט די טירן פון די וואַגאָנען. עמעץ האָט הויך אויסגערופן: סטאָקיערדס! (שעכטהייזער). און אָט זענען זיי שטיין געבליבן פאַר אַ גאַס און זיך אומגעקוקט. אין אַ זייטיק געסל האָבן זיי באַמערקט אַ שורה געמויערטע הייזער און צווישן זיי אפשר זעקס קוימענס, גרויס ווי די וואָלקנקראַצערס. פון די קוימענס האָט אַרויסגעזעצט א שוואַרצער וואָלקן רויך. אפשר האָט דער רויך געשראָמט פון דער ערד טיפעניש, וואו עס ברענט אַן אייביק פייער?... דער רויך האָט געזעצט אָן אַן אויפהער. זיי האָבן געוואַרט. געמיינט, אַז אָט באַלד וועט דער רויך אויפהערן לויפן, אָבער זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן. פון רויך האט זיך געשאַפן גאַנצע וואלקנס, געוויקלט אין דער לופט און אנגענומען א פאַרשידנאַרטיקן אויסזעע. דאס האט געשאַפן אויפן הימל אַ גרויס, באוועגנדיק שטיק, וואס האט זיך באוועגט, וואו דאס מענטשלעכע אויג האט נאר דערגרייכט.

פלוצלינג האָבן זיי באַמערקט עפּעס אַזוינס, וואס האָט ביי זיי ארויסגערופן די זעלביקע פאַרוואונדערונג, פונקט ווי פריער ביים דערפילן דעם געמיינעם אויר. זיי האבן געהערט אַ קויל. וואָס האָט זיך געלייגט פון טויזנטער שטילע טענער. תחילת האָבן זי עס אַפילו נישט באַמערקט. זיי האָבן נאָר געפילט ווי עפּעס שטערט די שטילקייט אַרום. עפּעס ווי אַ געוויש פון בינען, ווי אַ שטיל געוויש אין וואַלד, ווי ס׳וואָלט געגאַנגען דאָרט אַ גרויסע אַרבעט, אַ לעבן פון אַ באַ-

אונדערער וועלט. מיט גרויס מי האט זיך זיי איינגעגעבן צו
דערוויסן, אַז דאָס רעוון אַזוי דאָרט טויזנטער בהמות, אַז עס
קוויטשן טויזנטער חזרים. זיי האָבן זיך געוואָלט איינהערן אין
די קולות, אָבער ס׳איז נישט געווען יעצט קיין צייט אויף
איינדריקן. אַ פּאָליציאַנט איז געשטאַנען ביי אַ רוג גאַס און גע-
וואָרפן אויף זיי זיין שטעכעדיקן בליק, דאַן זענען זיי שוין אַרי-
בער אויף דער צווייטער זייט גאַס און אָנגעהויבן אַנטלויפן.
זיי זענען אַזוי געגאַנגען אַ שטיקל וועג און פּלוצלונג האָט יאָ-
נאַס אויסגעבראָכן אין אַ געשריי, אָנגעהויבן באַוועגן מיט דער
האַנט. די איבעריקע האָבן נישט פארשטאַנען, וואָס דאָ איז
פאָרגעקומען. איידער וואָס ווען איז יאָנאַס אַריין אין אַ גע-
וועלב איבער וועלכן ס׳האָט געהאָנגען אַן אויפשריפט: ! שעד-
ווילאס. קאָלאָניאַל און דעליקאַטעסן. באַלד האט ער זיך צוריק
באַוויזן אין דער טיר און לעבן אים איז געשטאַנען אַ דיקער
העּר מיט ווייסע אַרבל און אַ ווייס פאַרטוך. ער האָט געהאַלטן
יאָנאַסן ביי דער האַנט און געלאַכט. תיכף, האָט זיך די מומע
עלזע דערמאָנט, אַז יענער לעגענדאַרער פריינט, וועלכער איז
אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע זוכן גליק הייסט שעדווילאַס און
פאַרמאָגט טאַקע דאָ אַ דעליקאַטעסן קראָם. דאָס באַגעגעניש
איז געווען פאר זיי אַ גרויס גליק, פון פאַרטאָג אָן האָבן זיי
נאָך נישט געהאַט געגעסן, די קינדער האָבן געוויינט פון
הונגער.

אָט דאָס איז דער הערלעכער סוף פון דער ביטערער
רייזע. די פריינד זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס. גאנצע יאָרן
זענען פאַרביי, ווי דזשייקאָב שעדווילאַס האט נישט געזעען
קיינעם פון זיינע לאנדסלייט. איידער ס׳איז נאָך אוועק א האלבן
טאָג האבן זיי זיך שוין געשוואוירן פריינטשאפט ביז צום שטארבן.
דזשייקאָב האט געקענט אלע קלייניקייטן אין אָט דער נייער
וועלט. ער האָט געקאנט פאר זיי אנטדעקן אַלע געהיימניסן,
דינען זיי נישט נאר יעצט, נאָר אויך אויף ווייטער. ער האט
זיי אוועקגעפירט צו אניצלי פאָן, זי האט געוואוינט אויף דער
אנדערער זייט פון די שעכטהייזער און געהאלטן סובלאָקאטאָרן.

אין אירע דירות האָט זיך זיי אפילו נישט אויסגעוויזן ווי צוּ בּעסטן, נאר דערוויי־ל האבן זיי געמוזט איינשטימען אויף דעם. די מומע עלזע האָט אויפן שפּרונג באמערקט, אז עס וועט זיי אין ערגעץ נישט אויסמאכן ביליקער. זיי האָבן זיך איבּערגעשראָקן פאר די גרויסע סומעס, וואס זיי האָבן באדארפט אומעטום צאָלן. באלד אין די ערשטע עטלעכע טעג, אין דעם לאנד פון גאל־דענע פארדינסטן, האבן זיי מיט שרעק דערזעען, אז ס׳איז א לאנד פון יקרות, וואו דער אָרעמאן איז פּונקט אזוי אָרעם, ווי אין זייער פּארוואָרפענער געגנט. אָט אויף אזא אופן איז צערונען דער זיסער חלום וועגן דעם גרויסן רייכטום נאך וועלכן יורגיס האָט זיך אוועקגעלאָזט אויף יענער זייט אָקעאן. טרויעריק איז געווען פאר זיי דאָס, וואס די אויסגאבן זענען געווען ווי אין אמעריקע און די פארדינסטן ווי ביי זיך אינ־דערהיים. יאָ, די וועלט האט זיי אָפּגענארט. די לעצטע צוויי טעג האבן זיי שוין אפילו געהונגערט, געקרענקט פון גרויס צער צוליב די גרויסע פרייזן, וואס זיי האבן באַדאַרפט צאלן פאר עסן באַלד אויף דער באַן. אז זיי זענען שוין ענדלעך אנגעקומען צו דער אלמנה אניעלי פאַן אויפן קווארטיר האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן פאַר פחד. אניעלי האט פארנומען אַ גאנצן שטאָק פון פיר גרויסע חדרים אין איינם פון יענע צוויי שטאקיקע הייזלעך „אונטער די שעכטהייזער”. יעדעס חדר האָט זיך געטיילט אויף פיר צימערן און יעדעס צימער האט געדיגט צו שלאָפן פאר פאַרשידענע געסט. פאַר ליטווינער, פוילישע, סלאָוועך, טשעכן, אין טייל צימערלעך האבן געוואוינט בחורים, אויף איין אזאַ צימערל איז אויסגעקומען דורכשניטלעך אַן ערך פון צוועלף מענטשן, טיילמאל אַפילו אויך דרייצען און פערצען.

די גאנצע פאַדלאָגע איז באַדעקט געווען מיט מאַטראַצן, די אלמנה פאַן איז געווען אַ דארע, פארינצלטע, קליינטשינקע פרוי, אירע צימערלעך זענען געווען שרעקלעך שמוציק. הורך די צעלייגטע מאטראצן איז אוממעגלעך געווען זיך אריינ־צובאקומען אין שטוב אריין, כדי דאך אהיז ארייננצוגיין האט

מען געמוזט דורכמאַכן אַ וועג דורך קעסטלעך און הינער־שטייגן צו די אונטער טיר, זינט אַ וואָך צייט האט מען דאָרט נאָך כמעט נישט צוגעקערט. אניעלי האט באַקומען אַ רעאמאטיזם אַטאַק און דאס האט איר אוממעגלעך געמאכט אַכט טאג זיך אַראָפּצורירן פון איינעם אזא מאַטראַץ. עלף פון אירע לאקאטארן האבן נישט געצאלט קיין דירה געלט, שטילערהייט זענען זיי אנטלאָפן זוכן גליק אין קאנזאס־סיטי.

אַזוי האט אויסגעזען די וואוינונג, וואוהין די צוגערייזטע האבן זיך אריינגעצויגן. זיי האבן נישט געהאט קיין האפענונג צו געפינען עפעס בעסערס. אניעלי פאָן, מיט אירע דריי קינדער האבן פארנומען אַ באזונדער צימערל. ס׳איז דארט געווען גאַנץ גרוימיק. די ווייבער מיט די מיידלעך האט זי אריינגענומען צו זיך. בעטצייג האבן זיי געקאנט באקומען באלד נאענט פונדאנען, אָבער שוין פון דער צווייטער האַנט, זיי האבן עס נאך נישט באַדארפט. דאַ האַבן געהערשט גרויסע היצן. די נעכט זענען געווען גוט ווארעמע, טייל פון די לאקאטארן זענען געשלאפן אין דרויסן אויפן טראָטואר.

אז זיי זענען שוין געווען אלע צוזאמען באזונדער, האט יורגיס געזאגט: — מארגן וועל איך געפונען אַרבעט פאר זיך, און אפשר וועט יאנאס אויך געפונען אַרבעט און דעמאָלט וועלן מיר זוכן אן אייגענע דירה.

נאך מיטאג איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט אָנען שפּאַצירן אָנצוקוקן דאס נייע לאַנד. „אונטער די שעלט־הייזער" זענען שוין די הילצערנע הייזלעך געווען שיטער צעוואָרפן, צווישן די הייזלעך האבן זיך געצויגן גרויסע ליידיקע פעלדער, פול מיט ליים, מיסט און שטיקלעך בלעך. אַ שמוציק גראָז האט באַדעקט דאס אלץ. מחנות קינדער זענען אַרומגעלאָפן און געשריגן מיט אומגעוויינלעכע קולות. די גאסן אויף וועלכע זיי

האָבן שפּאַצירט איז נישט געווען קיין טראָטואַר. פון ביידע זייטן האט זיך געצויגן גרינע, שטינקנדיקע וואַסער-גריבער. דאָרט האבן זיך געשפּילט די מחנות קינדער, געגראָבן אין דער בלאָטע און אין זאַמד.

מיט פארוואונדערונג האבן זיי געקוקט אויף די מחנות פליגן, וואס האבן יעדעס מאָל דורכגעזופּט די לופט מיט אַ שרעקלעך געזשומעריי. אַ מוראדיק דורכדרינגלעך געשטאנק האט פארסמט די לופט. דאס געשטאנק איז אזוי געווען מוראדיק גרויס, פונקט ווי פון אַלע טויטע פון דער וועלט. עמעצער האט זיי געזאָגט, אז די דאָזיקע געגנט דינט פאר אַ מיסט-קאסטן, וואוהין עס ווערט צונויפגעפירט דאס גאנצע מיסט און אָפּפאל פון דער שטאָט.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער. זיי זענען צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו ס'האט זיך טאַקע געפונען יענער מיסט-קאסטן. דאס איז געווען אַ גרויסער גרוב, וואס האט געקאנט אָן צווייפל אַריינעמען אין זיך צוויי פון די גרעסטע אַמעריקאנער וואָלקנ-קראַצערס. דאָרט זענען געשטאַנען לאנגע רייען וועגן מיט מיסט און אָפּפאַל. דאס געשטאנק איז געווען שרעקלעך, אומ-באשרייבלעך, אָבער נישט געקוקט אויף דעם האבן זיך די קינדער דאָרט געשפּילט פון באַגינען ביזן אָוונט. מענטשן, וועלכע פלעגן קומען אנקוקן די שעכטהייזער, פלעגן אויך קומען דאָ אַהער. זיי קוקן אויף די קינדער און אויף די אָנגעקליבענע שטיקלעך פלייש פון מיסט און פרעגן: צי קלויבן עס די קינדער פאר זיך? אבער דאס האט זיך נאך קיינער געגוזי נישט דערוויסט.

עטוואס ווייטער פון דעם גרויסן מיסט קאַסטן האט זיך געפונען אַ גרויסע ציגעל פאַבריק, הויכע קוימענס פון וועלכע ס'האט געזעצט וואָלקנס רויך. די לעכער, וואו ס'איז אויסגע-גראָבן געוואָרן דאס ליים זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט דעם אָפּפאל. יורגיס און אָנע האבן דאס געהאלטן פאר אַ זייער וויכטיקע ערפינדונג און אזא לאנד ווי אַמעריקע. אונטער דער ציגל פאבריק איז געווען אַ גרויסער גרוב מיט וואסער, זיי

האבן זיך דערוויסט, אז ווינטער, ווען דאס וואַסער ווערט פארפרוירן, האקן די איינוואוינער פון דער געגנט דאס אייז און פארקויפן עס אין שטאט אַריין. דאס האט זיך זיי אויסגעוויזן פאר זייער אַ גוט געשעפט. זיי האָבן נישט געלייענט קיין צייטונגען און די אומרויקע קלאַנגען וועגן די מיקראָבן האט זיי אבסאלוט נישט באַאומרויקט.

די זון האט זיך צעראָפגעלאזט אלץ נידעריקער און נידעריקער. דער הימל איז באַגאסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט. די הייזלעך האבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געשטאנען אין פלאַמען. ווי זענען געגאנגען, געווענדט מיט די פלייצעס צו דער אונטערגייענדער זון. זייערע אויגן זענען געווענדט געווען צו סטאקיערדס, צו זייער נייער היים.

אַ לאנגע שורה הייזער האט זיך בולט אויסגעצייכנט אויפן האָריזאָנט. דא און דאָרט האט זיך געריסן אינדערהייך אַ ריזיקער קוימען, פון וועלכן ס'האבן זיך געצויגן שווארצע פאסן רויך און זיך צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. אַ מאָזאַיק פון פארבן אויפן הימל. אַ שווארץ, ברוינע, פורפור קאָליר. קוקנדיק אויף דעם האט זיך פארגעסן דער שמוץ פון דער געגנט. אין דער דאזיקער דעמערונג איז דאס אלץ אויסגעקומען אין זייערע אויגן, ווי אַ פאנטאסטישער חלום פון אומערשעפלעכע מענטשלעכע ענערגיע, אַ חלום פון ארבעט און לעבן, וואו טויזנטער מענטשן האבן געקאנט לעבן, צופרידן זיין.

פעסט צוגעטולעט איינער צום אנדערן, האבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים און יורגיס האט כסדר איבערגעחזרט די ווערטער:

— מאָרגן וועל איך געפונען ארבעט.

דריטער קאפיטל

דזשייקאב שעדווילאס, דער דעליקאטעסן קרעמער, האט געהאט זייער פול באקאנטע. איינער פון זיי, איז געווען א פּאָליציאנט, וואס איז געווען באַאויפטראגט איינצושאפן אר-בעטער פאר דער גרויסער קאָנסערוון פאבריק. שעדווילאס האט אויסגענוצט זיין פּראָטעקציע, נאר פאר יאָנאס און פארן אלטן אנטאנאס. יורגיס האט דאס זוכן ארבעט גענומען אויף זיך אליין.

און ער האט נישט געהאט קיין טעות. ער איז אוועק און בראָונס פאבריק, געשטאנען דארט אומגעפער א האלבע שעה און באלד האט צו אים געוואונקן עפּעס א הער. דאס געשפרעך, וואס איז פאָרגעקומען צווישן זיי איז געווען זייער קורץ און זאכלעך:

— איר רעדט ענגליש?

— ניין, ליטוויש.

די ווערטער האָט זיך יורגיס מיט גרויס מאטערניש אויס-געלערנט אויסעווייניק.

— איר זוכט ארבעט?

יורגיס האט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— האָט איר שוין דא אמאָל געארבעט?

— כ׳פאָרשטיי נישט.

דער הער האט אנגעהויבן מאכן פארשידענע באוועגונגען

מיט דער האנט און יורגיס האט נאך שטארקער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מיט א לאָפּאַטע ?

— כ'פארשטיי נישט.

דער פרעמדער הער האט ווידער אנגעהויבן מאכן פאר־שידענע באוועגונגען מיט דער האנט: — זארנאס ? פאגריק־שטיס ? שלואָטא ?

— יא.

— מארגן זיבן א זייגער, פארשטאנען ?

— א דאנק !.

דאס איז געווען אלץ. יורגיס איז אוועקגעגאנגען. אויפן וועג האט ער געשריגן און געטאנצט פאר פרייד. זיינע חלומות זענען פארווירקלעכט געווארן. ער האט שוין ארבעט ! ער האט שוין ארבעט ! ווי א שטורם ווינט איז ארייגעפאלן אין שטוב אריין, אויפגעוועקט די איבעריקע לאקאטארן, וועלכע זענען נאך געשלאפן, נאך זייער שווערער נאכט־ארבעט.

דזשייקאב האט פון זיין פריינט, דער פאליציאנט, אויך באקומען אגינסטיגן ענטפער. די גאנצע פאמיליע האט זיך גע־פילט גליקלעך. דעם גאנצן טאג האבן זיי שוין נישט געהאט וואס צו טון, און דזשייקאב האט פארגעלייגט צו גיין באקוקן סטאקיערדס. אין געוועלב איז פארבליבן זיין ווייב לוציע און ער אליין איז אוועק מיט די צוגערייזטע איבער דער נייער געגנט.

ער האט זיך פארהאלטן דערביי ווי אן אלטער באלעבאס, וואס פירט די געסט איבער זיינע גיטער און פעלדער. שעד־ווילאם איז שוין געווען דא גוט איינגעבירגערט. דאס אלץ איז דאך אנטשטאנען אין זיין קעגנווארט. ער האט עפעס דערפילט א פערזענליכע גאוה. יא, די ערד און די פאבריקן געהערן טאקע צו די גרויסע אונטערנעמער, אבער דאס הערלעכע לאנד־שאפט און די שיינקייט פון דער געגנט געהער אים. דאס וועט דאך זיהער קיינער ביי אים נישט אוועקנעמען.

אויף א שטארק באלעבטע גאס זענען זיי געגאנגען צו די

שעכטהייזער. עס איז נאך געווען גענוג פרי, אבער אומעטום האט שוין געהערשט א לעבהאפטע באוועגונג. אין א גרויס טויער האט אריינגעשטראמט א גרויסע צאל אנגעשטעלטע, העכערע באאמטע, קאמיסאנערין, סטענאגראפן און אנדערע ארבעטער. צוויי גרויסע וועגן האבן אויפגענומען די פרויען און מיט געאייל פארשוואונדן אין פאבריק-טויער. פונדערווייטנס האט זיך געהערט דאס רעוון פון די בהמות, ענלעך צום געברום פון די ים כוואליעס. זיי זענען פארביי א באן פלאנט. פון ביידע זייטן גאס האט זיך געצויגן די גרויסע שטעלער פאר בהמות. די פרישע צוגערייזטע האבן גערן געוואלט בלייבן שטיין און זעען דאס אלץ, אבער דזשייקאב האט זיי אנגעוויזן טרעפ, וואס האבן געפירט אויף א גרויסן גאניק. פון דארט האט מען אלץ געקאנט זעען בעסער. זיי זענען ארויף אויף דעם גאניק און פארגאפט געקוקט אויף דעם אלעם.

די שעכטהייזער האבן זיך געצויגן א ווייארסט די לענג. א העלפט פון דעם שטח איז פארשטעלט געווען מיט ריזיקע שטעלער פאר די בהמות, זיי האבן זיך געצויגן אויף דרום און צפון. עטוואס ווייטער זענען געשטאנען ריזיקע קארטעס. אומעטום האט זיך נאר געזעען בהמות און חזרים. זיי האבן זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט, אז אויף דער וועלט זאל זיך געפונען אזוי פול בהמות און חזרים. זיי האבן געזעען גרויסע, שווארצע אקסן, רויטע אקסן, ווייסע, יונגע אקסן און יונגע קעלבלעך, וואס זענען ערשט מיט א שעה צוריק געקומען אויף גאטס וועלט. מעלקנדיקע קי מיט גוטמוטיקע אויגן, לאנג הערניקע אקסן פון טעקסאס. דאס רעווערייאיז געווען מוראדיק גרויס, פונקט ווי מ׳וואלט צענויפגעטריבן אהער די בהמות און חזרים פון דער גאנצער וועלט. דאס איבערציילן די געביידעס וואלט זיכער פארנומען א טאג צייט. דא און דארט האבן זיך געצויגן לאנגע גאסן, וואס האבן זיך פארענדיקט מיט גרויסע טוירן. דזשייקאב האט זיי געזאגט, אז אזעלכע טוירן זענען פאראן פינף און צוואנציק טויזנט. אויף די גאסן האבן געריטן מענטשן אויף פערד, זיי זענען געווען

אָנגעטון אין לאנגע שטיוול און לאנגע בייטשן האבן געשטעקט אין זייערע הענט. זיי האבן געשריגן און ארויסגעגעבן באפעלן צו די פאסטוכער. מחנות טרייבער, קאָמיסאָנערן, סוחרים, וואָס האָבן אין די ווייטע לענדער געקויפט בהמות פאר די שעכטהייזער, דאס אלץ האָט זיך דאָ באוועגט און פול געמאכט די געסלעך, דאָ און דארט האבן זיי פארהאלטן א סטאדע בהמות, אנגעקוקט זיי און באפוילן טרייבן ווייטער. די געשעפטן זענען געשלאָסן געווארן; גיך, די שמועסן זענען געוועזן קורצע, אָפּגעהאקטע. דזשייקאב האט זיי געוויזן די וואג, אויף וועלכע מ׳וועגט די בהמות. הונדערט טויזנט פונט נעמט די וואג אויף זיך און וויזט באלד אויטאָמאטיש די ציפערן. די וואג האט זיך געפונען אויף מעריב זייט, דורך דאָרט זענען אויך אָנגעקומען די וואגאָנען בהמות. מ׳האָט זיי ארייננגעטריבן אַ גאנצע נאכט. יעצט זענען שוין אלע שטעלער געוועזן איבערפולט. ביינאכט וועט מען זיי ווידער אויסליידיקן און צומארגנס ווייטער פול מאַכן.

— וואס געשעעט מיט די אלע בהמות? — האט די מומע עלזע געפרעגט אומגעדולדיק. און דזשייקאב האט געענטפערט:

— היינט ביינאכט וועט דאס אלץ ווערן געשאָכטן און צעפערטלט. אויף דער צווייטער זייט שעכטהויז געפינט זיך אן אייגענע באן סטאציע, דאס פלייש ווערט געלאדעוועט אין די וואגאנען און געשיקט ווייטער. די באן נעץ פון שעכטהויז איז געווען צעשפרייט אויף א שטח פון צוויי הונדערט און פופציק מייל, מ׳האט געברענגט יעדן טאג אריבער צען טויזנט בהמות, אזא צאל חזרים, און א חוץ דעם פינף טויזנט שעפסן. יעדעס יאר טייט מען דא פון אכט ביז צען מיליאן לעבעדיקע באשעפענישן.

ריזיקע סטאדעס זענען געטריבן געווארן אויף א לאנקע זיך אפרוען, מאדנע געפילן האבן זיך געוועקט אויף דער נשמה, צנקוקנדיק ווי פריי עס שפאצירן ארום די דאזיקע לעבעדיקע באשעפענישן. און ווייסן נאך נישט זייער גורל. דאס איז געווען א לעבעדיקע אפשפיגלונג פון טו׳ט. די צוגערייזטע זענען געוועז

ווינציק סענטימענטאל, זיי זאלן עס פארגלייכן מיט זייער אײ־
גענעם גורל. זייערע געדאנקען זענען געווען פארנומען מיט די
איינדריקן פון דער ריזיקער אונטערנעמונג. דער אריינגאנג אין
שעכטהויז איז געווען זייער הויך. דזשייקאָב האָט זיי געגעבן
צו פארשטיין, אז די חזרים קריכן דאָרט אליין ארויף, און געבן
זיך אליין איבער דעם גורל פון טויט. ער האט זיך אָנגעהויבן
ווי‌צלען, געוואלט פריילעך מאכן זיינע געסט:

— דאָ גייט גאָרנישט פארלוירן, אלץ ווערט דאָ אויסגע־
נוצט, אפילו דאָס קוויטשן פון די חזרים.

פאר דער גענעראַל דירעקציע פון בריסאָן איז געוואקסן
א ביסעלע גראָז, דאס איז געווען דאָס איינציקע ביסל גראָז אין
גאַנץ סטאקיערדס, פונקט ווי דער וויץ, אז עס ווערט דאָ אַלץ
אויסגענוצט אויסער דאס קוויטשן פון די חזרים, איז געווען דער איינ־
ציקער וויץ, מיט וואָס ס׳האבן זיך דא באנוצט אַלע איינוואוינער,
וואס האבן געפירט זייערע געסט איבער דער געגנט — דער
איינציקער פונק הומאר פאַר די דאָזיקע פארוואָגלטע מענטשן.

אַז זיי האבן זיך שוין גוט צו אַלץ צוגעזעען, זענען זיי
אַוועק אין דער ריכטונג צו די געביידעס, וואָס האָבן זיך גע־
פונען אין סאַמע מיטן פון שעכטהויז. דאָרט זענען געשטאַנען
געמויערטע הייזער פון ציגל, אויף די שווארץ פאררויכערטע
ווענט האָבן געהאַנגען ריזיקע בלאקאַטן, וואס האָבן געמאָלדן
וועגן אַלע אַרטיקלען, וואָס זענען דאָ פאַבריצירט געוואָרן. דאָ
איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די באַרימטע בראָווגס בריסטלעך,
דורהאמס פעטס און שמאַלץ, דורהאַמס פידעלעך צו קאָנסערוון,
דורהאַמס גערויכערטע פליישן, דורהאַמס שעפּסן פיסלעך און
דאָס קינסטלעכע באַמיסטיקונג.

זיי זענען אַריין אין דער גרויסער דורהאַם געביידע. דאָרט
האָבן שוין געוואַרט נאָך עטלעכע באַזוכער. אַ העפלעכער אויפ־
זעער האָט זיי אַלע צוזאַמען געפירט איבער די געביידעס און
געזען זיי אָנגעוויזן אַלע ערטער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס
איז געווען צוליב רעקלאַמע. דזשייקאָב האָב איינגערוימט זיינע
געסט, אַז מ׳וועט זיי נישט ווייזן אַ האָר מער, ווי די פאברי־

קאַנטן פֿרלויבן. אַ ווינדע האָט זיי אַרויפֿגעצויגן אויף אַ זעקסטן שטאָק, אַ גרויסע צאָל חזרים האָט דאָרט געשטראָמט צום אָרט, פֿונוואַנען זיי האָבן שוין צוריק זיך קיינמאָל נישט אומגעקערט.

דאָס איז געווען אַ שמאָלע לאַנגע געביידע, מיט אַ גאַלעריע פֿאַר באַזוכער, אויף דער אַנדערער זייט אַקעגן די גאַלעריע האָט זיך געפֿונען אַן אייזערן ראָד מיט אַראָפּגעהאַנגענע רינגען פֿון צוואַנציק פֿוס די אומגעכונג. דאָס חזיר איז אַריינגעטריבן געוואָרן דורך אַ שמאָלע עפֿענונג, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ האַלב נאַקעטער נעגער, יעצט איז ער געשטאַנען ליידיק, ווייל די אַרבעטער האָבן גערייניקט דאָס ראָד, אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דאָס ראָד אָנגעהויבן דרייען און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אויפֿסניי. זיי האָבן געכאַפּט דאָס ערשטע חזיר, וואָס האָט זיך דערנענטערט לויט דער ריי, אָנגעהאָנגען עס אין די קייטן ביי די פֿיס, דער צווייטער עק פֿון די קייט האָבן זיי אָנגעהאָנגען ביי אַ רינג פֿון גרויסן ראָד, דאָס ראָד האָט זיך געטון אַ דריי און אַרויפֿגעצויגן דאָס חזיר אינדערהייך. דעמאָלט טוט אַ בליץ דער חליף ביים נעגער אין דער האַנט. עס הערט זיך אַ מוראַדיק קוויטשן. די באַזוכער זענען געוואָרן בלייך, די פֿרויען האָבן זיך צוריקגעצויגן איבערגעשראָקענע. דאָס ראָד האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס חזיר אויף אַ וועגעלע, וואָס לויפֿט אַליין אַראָפּ אונטן, דער חליף גיט נאָכאַמאָל אַ בליץ, נאָכאַמאָל הערט זיך דאָס מוראַדיקע געשריי, דאָס ראָד וואַרפֿט ווידער אַראָפּ דאָס חזיר אויפֿן וועגעלע און אַזוי כסדר אָן אַן אויפֿהער. עס דוכט זיך, אַז די ווענט וועלן איינפֿאַלן פֿון די מוראַדיקע קולות, אַן אימה פֿאַרן טויט באַפֿאַלט יעדן איינציקן באַזונדער. אַ ווײַלע הערשט אַ טויטע שטילקייט, די אַרבעטער רייניקן ווידער דאָס ראָד, אָבער עס דויערט נישט לאַנג און באַלד טראָגן זיך ווידער די מוראַדיקע קולות. אַ סך פֿון די באַזוכער ווילן שוין אַוועקגיין, די מענער לאַכן נערוועז, די פֿרויען זענען בלייך, איבערגעשראָקן, טרערן מאַכן פֿול ווייערע אויגן.

דאס אלץ האט געדויערט איין אויגנבליק. ס׳איז אפילו שווער געווען צו באהערשן די שטימונג, וואס ס׳האט דא ארומ־גענומען. מ׳האט געשאכטן מיט דער הילף פון מאשינען, וואס האבן אויסגעפירט די ארבעט מיט א מאטעמאטישער פינקט־לעכקייט. דאך האט יעדער איינציקער באזונדער זיך געמוזט א ווײַלע פארטראכטן וועגן גורל פון די דאזיקע אומשולדיקע באשעפענישן, וואס זענען אריינגעקומען אהער מיט אזא צוטרוי. אויפציטערנדיק אונטערן חלף האט זיך געזעען אין זיי עפעס מענטשלעכס. נישט ווילנדיק האט זיך געשטעלט פאר יעדן איינציקן די פראגע, וואס האבן די דאזיקע אומגליקלעכע באַ־שעפענישן געזינדיקט, וואס זיי דארפן אזוי פיל ליידן? די גאנצע בלוטיקע ארבעט איז אויפגעפירט געווארן מעכאניש, קאלטבלוטיק, אוממענטשלעך. אן שום פארברייטונג און אן טרערן, עפעס מוראדיקס, העסלעכס האט געשטעקט אין דעם אלעם. אסך פון די באזוכער האבן זיך צעוויינט, אבער די מאשינען זענען געגאנגען ווייטער. מ׳האט געטייט אן אויפהער! קיינער האט שוין נישט געלייגט קיין אכט אויף די באזוכער און נישט אויף די געפילן, וואס עס האבן זיי באהערשט. דאס אלץ האט געשאפן אבילד פון מעטשלעכע אכזריות, וויא פאר־ברעכן אויסגעפירט ערגעץ אין א ווילדעניש, אויף וואס קיינער האט זיך נישט אפגעשטעלט, נישט געצויגן דערפון די געהעריקע קאנסעקווענצן.

יעדער איינער פון די באזוכער איז נישט ווילנדיק באַ־הערשט געווען פון סענטימענטן. די געדאנקען זענען פול געווען מיט סימבאלן און פארגלייכונגען, אין זיינע אויגן האט כסדר אפגעקלינגען א רעוועריי, ווי פון אלע בהמות פון דער וועלט. נישט ווילנדיק האט זיך געשטעלט די פראגע: צי איז די בהמה נישט גאטס באשעפעניש, וואס זאל געפונען א תיקון פאר אירע ליידן? יעדערע בהמה איז באשטאנען א גאנץ באזונדערע באשע־פעניש, א ווייסע, א שווארצע, א רויטע, און טייל אפילו פלעקע־דיקע. א סך צווישן זיי זענען געווען נאך יונגע און א סך שוין אלטע, לאנגע און דארע, קורצע און פעטע. יעדערע באזונדער

האט געהאט איר שכל, איר בליק און געפיל פון ווירדע. יעדערע באזונדער האט זיך איבערגעגעבן איר זאך מיט גלויבן און צוטרוי. קיין איינע פון זיי האט נישט געטראכט וועגן דעם פינצטערן וואלקן, וואס הענגט איבער זיי, אז עס ערווארט זיי אזא שרעקלעכער גורל. פלוצלינג האט מען זי אנגעכאפט מיט א קייט ביי די פיס, און שוין זענען פארלוירן אירע אלע האפענונגען. זי איז פארלוירן, אויף אייביק! עס העלפט שוין נישט אפילו דאס שרייען, די פראטעסטן, קיינער לייגט נישט קיין אכט אויף אירע לעבענס פארלאנגען, אויף אירע געפילן. מ׳שניידט איבער דעם האלדז מיטן חלף און אלץ האט זיך געענדיקט. פון הייסן קעסל שלעפט מען זי ארויס מיט לאפאטעס און מ׳דערלאגגט זי אונטער א מאשין מיט א גרויסער צאל מעסער, די מעסער צע־שניידן זי און שליידערן ארויס די שטיקער אויף דער צווייטער זייט געביידע.

די שטיקער ווערן נאכאמאל אריינגעכאפט אין א מאשין און צוריק ארויסגעווארפן פון דארט צווישן צוויי שורות אר־בעטער, וואס זיצן אויף הויכע געזעסן. יעדער פירט אויס אן אנדערע ארבעט. איינער קראצט א פוס, א צווייטער שניידט אפ דעם קאפ, וואס פאלט באלד אריין אין א לאך פון דער פאד־לאגע. אן אנדערער שניידט אויף דעם בויך און באלד שניידט א צווייטער טיפער, א דריטער זעגט דורך די ביינער, א פערטער רייסט ארויס די אינגעווייידן און א פיפטער כאפט עס באלד צו און שליידערט דאס אלץ אריין אין אן אפן לאך פון דער פאדלאגע. איין שורה ארבעטער פירן אויס די אלע אר־בעטן אויף דער רעכטער זייט פון דער בהמה און די אנדערע שורה אויף דער לינקער זייט. לסוף טראגט מען זיי אראפ אויף פיר און צוואנציק שעה אין די ריזיקע אייז־קעלער. פריער נאך ווערט דאס פלייש אונטערגעזוכט פון אינספעקטאר. ער פארשט די לונגען, צי זיי זענען נישט אנגעשטעקט מיט שווינדזוכט. דער אינספעקטאר טראגט א בלא מונדיר מיט מעשענע קנעפלעך, ער איז זייער העפלעך, ענטפערט יעדן איינציקן אויף די געשטעלטע פראגן. בעת ער רעדט, פירט מען פאר־

ביי אומבאמערקט עטלעכע קראַנקע חזרים. אויף זיין ברוסט הענגט אַ זילבערנער מעדאַל, וואָס גיט אים צו אַ ווירדיקן אויסזעע.

יורגיס איז געגאַנגען פון געביידע צו געביידע און פול מיט שטוינונג געקוקט אויף דעם אַלעס. ער פלעגט אַמאָל אין די ליטווישע וועלדער אַליין טייטן חזרים, אָבער עס איז אים קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז הונדערט אַרבעטער זאָלן דארפן באַשעפטיקט זיין ביי איין חזיר. ער האט געקוקט פארגאַפט אויף די איינאָרדענונג און לגמרי נישט געלייגט קיין אכט אויף דער שרעקלעכער אומריינקייט, וואס ס'האָט דארט געהערשט. ס'האט אים אפילו פאַרדראָסן, ווען דער ציניש־ע־דזשייקאָב האט געוואָרפן עטלעכע בייסיקע באַמערקונגען, אויף דער אומגערעכטיקייט, וואָס עס האט געהערשט אויף דעם געביט, און בעת ער האט דערמאָנט וועגן די געהיימע קאמערן, וואו מ'האט מיט כעמישע מיטלען געהיילט דאס קאַלע געוואָרענע פלייש.

די באזוכער זענען געגאנגען אויף אַ צווייטן שטאָק, וואו מ'האָט באַארבעט דאס דראָב. ווייבער און מענער האָבן געוואשן די דראָבעס. דאס געשטאנק איז געווען מוראדיק גרויס. זיי זענען געגאנגען ווייטער, אין אַ צווייטער אָפטיילונג, וואו מ'האט צונויפגעקליבן די שטיקלעך פון וואס מ'האָט פאבריצירט שמאַלץ און זייף. דאס געשטאנק איז אויך דאָ געווען מוראדיק גרויס. זיי האבן נישט געקאָנט דאָ לאנג שטיין. אין אן אנדערע אָפטיילונג זענען די מענער פארנומען געווען ביים שפאַלטן די חזרים, וואס מ'האט נאר וואָס געברענגט פון די אייז קעלערס. דאָ האבן געארבעט די פלינקסטע ארבעטער פון שעכט-הויז, זיי האבן גענומען פיפצען סענט אַ שעה און נישט געטון קיין שום אנדערע ארבעט. די העקער זענען געווען געזונטע יונגען מיט שטאַרקע מוסקולן.

מיט אַ שטאָק נידעריקער האָט זיך געפונען די ריזיקע רויך-האלע, וואו ס'פלייש איז געדעמפט געוואָרן. דאָרט זענען געווען ריזיקע קאמערן פארמאכט מיט געטאָפלטע ריגלען, לעבן

די קאמערן האט מען געזאלצן דאס פלייש. אַלע קעלערן זענען פול געווען מיט פלייש. אין ריזיקע האלעס זענען געלעגן פידעלעך און פעסער, גערויכערטע בריסטלעך און פעטס זענען געווען איינגעוויקלט אין פאַרגימענט פאפיר, פארחתמעט און פארקלעבט מיט עטיקעטן. פונדאנען האט מען עס אוועקגעפירט אויף דער פראכט-סטאציע, וואו סזענען געשטאנען לאנגע רייען פראכט-וואַגאָנען.

אָט אזוי האבן די צוגערייזטע זיך באקענט מיט איין אָפּטיילונג פון די ריזיקע שעכט הייזער. זייער איבערראשונג איז געווען זייער גרויס. זיי זענען אוועק אויף אַ צווייטער זייט גאס, דאָרט, וואו מ׳האט יעדער שעה פון פיר ביז פינף הונדערט אָקסן פאַרטוישט אויף פלייש. די איינאָרדענונג איז שוין דאָרט געווען אַ גאנץ אנדערע. אלץ איז פאָרגעקומען אין אַ ריזיקער געביידע. אפשר צוואנציק שורות אָקסן זענען געווען אויסגעלייגט און לעבן זיי זענען געלאָפן ארבעטער מיט זייערע מעסער. דאס גאנצע בילד האט געמאכט אן איינדרוק פון אַ טעאטער מיט גאַלעריעס און באזוכער.

פון איין זייט, עטוואס העכער פון דער פאָדלאָגע האט זיך געצויגן אַ שמאָלער גאניק. דורך דעם גאניק האט מען געטריבן די בהמות, געשטאָכן זיי מיט שפיציקע שטעקנס זיי זאָלן גיכער לויפן. יעדערע בהמה, וואס האט זיך נאר ארויפבאקומען אויפן גאניק, איז איינגעקלעמט געוואָרן אין א באזונדערע מחיצה, וואו זי האט זיך שוין נישט געקאָנט באוועגן. די בהמה האט געקוויטשעט, געקלאפט מיט די קאָפּיטעס, אָבער באלד איז אָנגעקומען דער „פארטויבער". ער איז געשטאנען א ווײַלע, אָנגעווארט א גינסטיקע מינוט, כדי צו קאָנען מיט איין קלאַפּ מיטן האַמער זי פאַרטויבן. אַז איינע איז געפאַלן האָט ער זיך תיכף דערנענטערט צו אַ צווייטע. אַזוי איז עס געגאַנגען כסדר אָן אַן אויפהער. די בהמות האָבן זיך קאָנוואולסיעז געוואָרפן אויף זייער הילצערן טויטן בעט, אַרבעטער זענען געשטאַנען און אָנגעקייקלט קייטן ביי זייערע פיס, ארויפגעצויגן זיי אינדערהייך.

ווידער האָט זיך געעפנט דאָס טויער און מ׳האָט אַריינ־ געטריבן אַ פרישע סטאַדע. פון די שטעלער האָבן אַרויסגע־ שטראָמט מחנות בהמות. זיי זענען תיכף געשאָכטן געוואָרן און אַרויפגעצויגן אינדערהייך. דאָס אַלץ האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון, קיינמאָל שוין נישט צו פאַרגעסן. אַלע האָבן זיי געאַרבעט מיט אַ ווילדן אימפעט, ווי זיי וואלטן אַנטלאָפן פון עפעס שרעקלעכס. די אַרבעט איז געווען איינגעטיילט צווישן די אַרבעטער אויף אַזאַ אויפן, אַז יעדער איינער איז געשטאַ־ נען עטלעכע מינוט ביי דער בהמה און אויסגעפירט עטלעכע באַוועגונגען. צוערשט איז צוגעגאנגען דער „שוחט״, איבער־ געשניטן דעם האַלדז. אין באַוועג מיטן חלף און גיך ווי אַ בליץ און שוין איז ער געשטאַנען ביי אַ צווייטע, ביי אַ דריטע. און דאָרט פון די ערשטע געשאכטענע האָט געשטראָמט טייכן בלוט. די פאָדלאָגע איז פארגאָסן געוואָרן מיט בלוט ביז צו די קנאָכן. עטלעכע אַרבעטער זענען געשטאַנען מיט לאָפּאַטעס און גע־ שאַרט ס׳בלוט אין די לעכער פון די פאָדלאָגע.

עטלעכע מינוט האט געדויערט ביז ס׳בלוט איז אפגערו־ נען. באַלד האט מען אַראפגעשינדן די פעל, באקוקט צי זי איז נישט געלעכערט. דערנאך האט מען ארויסגענומען די דראבעס, צע־ שניטן דאס פלייש, באגאסן עס מיט הייס וואסער און אוועקגעטראגן אין די אייז קעלער. דארט האבן געהאנגען גאנצע רייען, וואו א סך פון זיי איז געווען געחתמעט מיטן ווארט „כשר״.

זיי זענען אריינגעקומען אין א הויף און געבלאנדזשעט צווישן א לאבארינט געביידעס, וואו, ס׳איז אויסגעארבעט געווארן אלץ, וואס ס׳איז נייטיק געווען פאר דער רי־ זיקער אונטערנעמונג. יעדערע זאך איז אויסגעארבעט געווארן אויפן ארט, אין איין געביידע האט מען אויסגעארבעט קעסלען און מאשינען, אין א צווייטע איז געווען איינגעארדנט די עלעק־ טרישע סטאציע, א סטאלאר ווארשטאט אויף פעסער און א שמי־ דעריי צו פאריכטן די קעסלען. עטוואס ווייטער האט זיך גע־ זען א געביידע, וואו מ׳האט צעלאזט דאס פעטס אויף שמאלץ, און אויסגעארבעט דערפון זייף. ס׳איז אויך געווען דארט א

פאבריק פון פידעלעך צום זייף. אין אן אנדערע געביידע האט מען געטרוקנט און געגארבט די פעל און אין גאר אן אנדע-רע האט מען צעמאלן די ביינער אויף קינסטלעך באמיסטיקונג. דאָ איז גאָרנישט פאַרלוירן געגאַנגען, פון די הערנער האט מען אויסגעאַרבעט שפילקעס צו די האָר, קעמלעך, קנעפלעך און קינסטלעכן העלפאַנט-ביין. פון די ביינער האט מען געמאַכט הענטלעך צו מעסער, צו ציין בערשטלעך, פייפעלעך. אפילו פון די קאָפּיטעס האָט מען געמאַכט קנעפלעך און פון איבערגעבלי-בענעם האָט מען געקאָכט לאָם. פון די פיס און פון די קנאכן האָט מען געצויגן פאַרשידענע כעמישע מאטעריאַלן: אייל, זשעלאַטין און פארשידענע שמירעכצער. עס זענען געווען דאָרט אפילו שפינערייען און קעם מאשינען צו צעקעמען די האָר פון די ווידלען. דאס אלץ איז פאבריצירט געווארן אין ספעציעלע געביידעס, לעבן די הויפט אנשטאלטן. לויט דער סטאטיסטיק, איז דא, זינט דער עפענונג פון שעכטהויז, גע-שחטן געווארן א פערטל מיליאָן בהמות.

דאס אלץ האט פארגעשטעלט מיט זיך די מעכטיקע קאָנ-צענטראציע פון ארבעט און קאפיטאל. דורהאם עט קאָמפּ האבן באשעפטיקט דרייסיק טויזנט ארבעטער. פון דארט האבן זיך דערנערט ביז א האלב מיליאן מענטשן.

די צוגערייזטע האבן פול מיט שטוינונג אויסגעהערט דאס אלץ. שווער איז זיי געווען צו באנעמען, אז איין לעבעדיקער בשר-ודם זאל הערשן מיט דעם אלעם. דזשייקאבס סקעפּטישע באמערקונגען זענען אויסגעקומען אין יורגיס אויגן נישט מער ווי נאר שפאט און חוזק. די אנשטאלטן האבן געעטעמט מיט וועלט קראפט. די פארשריפטן פאר די ארבעטער זענען געווען שטרענגע געזעצן, וועלכע ס'איז נישט דערלויבט געווען צו קריטיקירן און גרינגשעצן, פונקט ווי אלע נאטירלעכע געזעצן. יורגיס האט געהאלטן די מיטארבעט אין די דאזיקע אנשטאלטן פאר א ברכה פון גאט, פאר וואס מ'מוז דערפאר דאנקבאר זיין, פונקט ווי פאר רעגן און זון.

ער איז צופרידן געווען, וואס ער האט זיך

באקענט מיט דער דאזיקער ריזיקער אונטערנעמונג־
נאך פאר דעם, ווי ער האט שוין געפונען ארבעט־
ס׳האט זיך אים געדוכטן, אז אָט יעצט נאָכן באקומען דאס
אַלץ, וואָלט דער געדאנק וועגן א נצחון ביים געפונען ארבעט
זיכער אין אים דערשטיקט געוואָרן. ער האט זיך געזעצן א צו־
געלאָזענער צו דעם אַלעם, א טייל פון אָט דער מעכטיקייט. ער
האָט געהאט דאס געפיל, ווי די וועלט וואָלט זיך פאר אים
געקימערט, גענומען אויף זיך די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר
זיין צוקונפט.

אין זיין נאַיווקייט איז אים קיינמאָל נישט געקומען
אויפן געדאַנק, אז ער איז נישט מער, ווי אן ארבעטער אין
בראָונס פאַבריק און בראון מיט דורהאַם זענען די פאַרביסנסטע
קאָנקורענטן — פיינד אויף לעבן און טויט. קאָנקורענטן לויט די
געזעצן, איינער דעם אנדערן קעגנזייטיק צו רויבירן.

פערטער קאַפּיטל.

צ׳מאָרגנס פּינקטלעך זיבן אַ זייגער אינדערפרי האט זיך יורגיס געשטעלט צו דער אַרבעט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, וואס מ׳האט אים געהאט פריער אָנגעוויזן און געשטאַנען דאָרט אומגעפער צוויי שעה. דער אויפזעער פון דער פאַבריק האט געמיינט, אז יורגיס וועט אַליין אַריינגיין, און דערפאר האט ער אים גאָרנישט געזאָגט. אָבער יורגיס האט געוואַרט ביז דער אויפזעער איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען, יענער האט אים דערזעען און באַלד אים אָנגעהויבן שעלטן, אונטער אַ רעגן קללות איז ער געפירט געוואָרן אָנטון די אַרבעטער מלבושים, און דאן איז ער אַריינגעפירט געוואָרן אין שעכטהויז.

די ארבעט, וואס יורגיס האט דאָ געהאַט אויסצופירן איז געווען [אַ] גאַנץ געוויינלעכע. ער האט זיך עס אויסגעלערנט אין משך פון פינף מינוט. מ׳האט אים דערלאנגט אַ בעזים אין דער האַנט אַריין, ווי אַ גאַסן קערער און אַזוי האט ער באַדארפט גיין טריט ביי טריט אונטער אַן אַרבעטער, וועלכער האט אַרויסגעריסן די אינגעווייידן פון די בהמות. יורגיס האָט באַדאַרפט מיטן בעזים אריינשאַרן די דאָזיקע אינגעווייידן אין אַן אָפן לאָך פון דער פאדלאגע און באלד פאַרמאכן ס׳זאל קיינער דאָרט נישט אריינפאַלן.

ווען ער איז אריין אין דער גרויסער געביידע, האט מען זיך נאר וואָס גענומען צו דער ערשטער בהמה. יורגיס

האָט זיך פעסט גענומען צו דער ארבעט. ס'איז געווען א בריענ־דער יולי טאָג. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן א ריח פון בלוט וואָס איז צעגאָסן געווען איבער דער פאָדלאָגע. אין דאָזיקן בלוט זענען די ארבעטער ארומגעקראָכן ביז איבער די קנאָכן. דאָס געשטאנק איז געווען מוראדיק גרויס, אָבער יורגיס האט עס אבסאלוט נישט געפילט. זיין הארץ האט געצי־טערט פון פרייד. ענדלעך האט ער געפונען ארבעט און אָנ־געהויבן פארדינען. א גאנצן טאָג האט ער אין געדאנק איבער־גערעכנט וויפל ער וועט פארדינען. ער האט באַקומען א לוין אין דער גרויס פון זיבעצן און א האַלבן סענט פאַר א שעה. דעם זעלביקן טאָג איז געווען א סך אַרבעט און ער האט גע־אַרבעט ביז זיבן אין אָוונט. פריידיק, מיט אַ גוטע בשורה און אַנדערהאַלבן דאָלאַר אין קעשענע, האט ער זיך אומגעקערט אַ היים.

דער פאָליציאַנט, וואס האט געדאַרפט שאַפן פאר זיי אַר־בעט, האט געפירט יאָנאַסן צו עטלעכע הערן, און איינער פון זיי האט אים צוגעזאָגט אַרבעט אויף ענדע צווייטע וואָך. מאַריע ווערטשינסקע האט מקנא געווען יורגיס ערפאָלג און אַליין אויך אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. אומעטום האט זי באַוויזן די ברוינע, קרעפטיקע הענט און פאר יעדן איינציקן איבערגעחזרט דאס זעלביקע וואָרט: — ארבעט. געגוג שווער איז איר אָנגעקומען אויסצולערנען זיך דאס ווארט אויף אויסענווייניק. מיט דעם וואָרט אויף די ליפן האט זי אַ גאנצן טאג דורכגעוואַנדערט סטאָקיערדס. זי איז געגאנגען פון געביידע צו געביידע, אָפגע־שטעלט יעדן דורכגייער אין שעכטהויז, סיי אַ ארבעטער און סיי אַן אויפזעער און פאר יעדן פון זיי איבערגעחזרט איר ענגליש ווארט: — ארבעט. זיי האבן געקוקט אויף איר מיט שטאַרע אויגן און איר אָנגענומען פאר משוגע. לסוף האט זי פארבלאָנדזשעט אין א הויף צו אַ קליין פאַבריקל, וואו ווייבער און מיידלעך זענען געזעסן ביי לאנגע טישן און געפאַקט דאס גערויכערטע פלייש אין בלעכענע פידעלעך.

זי איז געגאנגען פון שטוב צו שטוב, ביז זי איז צו־

געקומען צו אן אָרט, וואו מ׳האט געפאַרבט די פידעלעך און זיי באקלעבט מיט עטיקעטן. צום גליק האט זי זיך באלד באַגעגנט מיט די אויפזעערין. מאַריע האט נישט געוואוסט, ווי לייכט ס׳וועט איר זיין צו געפונען ארבעט מיט אירע קרעפּטיקע הענט. די אויפזעערין האט איר געהייסן קומען צומאָרגנס, מאַריע וועט דארפן פּרוּוון שמירן די בלעכענע פידעלעך. פאר דער דאָזיקער ארבעט האט מען געצאָלט צוויי דאָלאר טעגלעך. אַ צופרידענע האט זי זיך אומגעקערט אַהיים. זי האט געשריגן, געטאַנצט און מיט אירע קולות אויפגעוועקט פון שלאָף די ווירטנס יונגסטע קינד.

יאָ, אזוי פול גליק מיטאַמאָל? מער גליק האבן זיי שוין אפילו נישט דערוואַרט. איין מענטש אין דער פאַמיליע איז נאך געווען אַרבעטלאָז, דאס איז געווען דער אלטער אַנטאַנאַס. די מומע עלזע, האט יורגיס באַשלאָסן זאל בלייבן ביי דער שטוב ווירטשאַפט, אָנע וועט איר צוהעלפן: — אָנע דארף נישט ארבעטן — האט יורגיס געזאגט — זי איז שוין נישט קיין מיידל אז זי זאל עס מוזן טון, און איך אלס מאַן וועל עס נישט דערלויבן. די קינדער וועלן אויך נישט ארבעטן. יורגיס האט געהערט, אז אין אַמעריקע זענען פאַראַן אומזיסטע שולן, ער האט באַשלאָסן, אז די קינדער זאלן זיי באַזוכן. ער האט לגמרי נישט געלייגט קיין אכט אויף דעם, וואס די גייסטלעכע האבן פאַרבאָטן צו באַזוכן די אומזיסטע שולן. ער האט אויך געוואָלט אז די מומע עלזעס קינדער זאלן זיך לערנען צוגלייך מיט אלע קינדער. דאס עלטסטע יונגל סטאַניסלאַוואָס איז אלט געווען דרייצן יאָר, ער איז נאך געווען שוואך און נישט אנטוויקלט. יורגיס האט באַשלאָסן, אז סטאַניסלאַוואָס זאל זיך לערנען ענגליש און ווערן אַ קלוגער מענטש.

אָן אַרבעט איז נאָר געבליבן דער זיידע אַנטאַנאַס. יורגיס האָט אפילו חשק געהאַט אים אויך נישט צו לאָזן אַרבעטן. אויף זיינע אלטע יאָר, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך. דער אַלטער האָט לגמרי נישט געוואָלט הערן דערפון, ער האָט זיך נאָך געהאַלטן פאַר פעיק צו דער אַרבעט, ווי יעדער אַנדע-

רער. קיין אַמעריקע איז ער געקומען אַ מוטיקער און קרע־ טיקער, זיכער, אַז ער וועט נישט דאַרפן פאַלן דעם זון צו לאַסט. יורגיס האט אפילו שטאַרק געצווייפלט אין זיין ערפאָלג, שעדווילאַס האָט פאַרזיכערט, אַז ס'איז אומזיסט דעם אַלטנס זוכן, נוייל ער וועט סיי ווי אין ערגעץ נישט באַקומען קיין ארבעט. די פאבריקאנטן באזייטיקן זאגאר די וועלכע זענען אלט געווארן ביי דער ארבעט. ס'קאן נישט זיין קיין רייד, אז זיי זאָלן באלד צונעמען אלטע. יאָ, אזא ארבעט־סיסטעם האט געהערשט אין אמעריקע פאר יעדן אייניציקן אָן אויסנאם, דער אלטער האט געוואנדערט פון פאבריקן צו פאבריק, א פארמאטערטער זיך אומגעקערט א היים און אויסגעהערט די ערפאלגרייכע אי־ בערלעבענישן פון די איבעריקע. ער האט געשמייכלט, פול מיט האפענונג, טאמער וועט ער נאך אויך עפעס געפונען.

דער ערפאלג ביים באקועמן ארבעט האט זיי צוגעגעבן מוט צו טראכטן וועגן אן אייגענע היים. ביינאכט האבן זיי זיך פארזאמלט אויף די טרעפ אויף א באראטונג. יורגיס האט זיי איבערגעגעבן גאר וויכטיק נייעס. גייענדיק באגינען צו דער ארבעט האט ער באמערקט צוויי יונגלעך טראגן רעקלאם־צעט־ לען. די דאזיקע שיין באפארבטע שטיקלעך פאפיר האבן גע־ צויגן אויף זיך זיין אויפמערקזאמקייט. ער האט געבעטן אזא איין רעקלאם־צעטל און עס גאנץ פלייסיק באהאלטן אונטערן העמד. שפעטער האט ער זיך פונאנדערגערעדט מיט א מענטש, יענער האט עס אים איבערגעלייענט און קלאר געמאכט אין דער גאנצער זאך. דעמאלט איז אין יורגיס מוח געקומען א גאר מאָדנער געדאנק.

ער האט ארויסגעצויגן פון אונטערן העמד דאס לאנגע שטיק פאפיר, וואס איז באשטאנען אן אמת קונסט־ווערק. אין מיטן איז אויסגעמאָלט געווען א ניי שיין הייזל. דער דאך איז געווען פון פורפור קאָליר מיט גאלדענע קאנטורן. די ווענט זענען געווען באזילבערט און די טיר און פענצטער געמאָלט אויף רויט. דאס הייזל איז געווען אן איין שטאקיגס, מיט א פאדערהייזל פון פראגט און געצייכנטע אראַבעסקן אויף ביי־

רע זייטן. אלץ וואס איז נייטיק געווען האט זיך געפונען אינעווייניק, אפילו פארהענגלעך בײ די פענצטער און א האַמאַק אין פאדערהייזל. לעבן הייזל איז אויסגעמאלט געווען א בילדל, וואס האט פארגעשטעלט א יונג פּאָרל, פעסט צוגעטוליעט צו זיך. פון דער אנדערער זייט האט זיך געזעען א וויגעלע איבערגעדעקט מיט א ווייס שטיקל מושלין. כדי דאס בילדל זאל שטארק ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט איז איבערן בילדל געווען אפּגעדרוקט אן אויפשריפט אויף פּויליש, ליטוויש און דייטש: דאָם! נאמאי! העים!

— צו וואס צאלט איר דירה געלט? — איז געשטאנען א פראגע אין דעם פיין געמאלטן פּאפּיר — פארוואס טראכט איר נישט וועגן אן אייגענע היים? צי ווייסטו, מענטש, אז קאנסט האבן אן אייגן הויז פאר א סך ביליקער, ווי עס קאסט דיך דירה געלט? טויזנטער אזוינע הייזער האבן מיר שוין אויפגעבויט, זיי זענען באוואוינט דורך גליקלעכע פאמיליעס. מיט לאקריץ זיסע ווערטער איז אויסגערעכנט געווען דאס פארגעניגן פון א פאמיליע צו וואוינען אין אזא הייזל, וואו מ׳באדארף שוין קיינמאל נישט צאלן קיין דירה געלט.

די פּאַמיליע האָט לאַנג געשטודירט דאָס פּאַפּיר, וואָס אנע האט האָט זיי פּאָרגעלייענט. דאָס הייזל איז באשטאַנען פון פיר צימערן מיט אַ קעלער. צוזאַמען מיטן גרונט האָט עס באַדאַרפט קאָסטן פיפצען הונדערט דאָלאַר. דריי הונדערט דאָלאַר האָבן זיי באַדאַרפט תיכּף איינצאָלן און דאָס איבעריקע אויף ראַטעס, צו צוועלף דאָלאַר אַ חודש. די סומע איז טאַקע געווען מוראדיק גרויס, אָבער זיי האָבן זיך דאָך געפונען אין אַמעריקע, אין אַ לאַנד, וואו מענטשן האָבן גערעדט וועגן אַזא סומע אָן פּחד. זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז זיי וועלן דאַרפן צאלן ניין דאָלאר אַ חודש בלויז דירה געלט, וויבאלד די די צוועלף קעפּיקע פאמיליע וועט זיך נישט וועלן שטופּן אין איין אָדער צוויי צימערן. דאָס דירה-געלט וועלן זיי מוזן צאָלן כּסדר און עס וועט קיינמאָל דערצו קיין סוף נישט נעמען.

זיי האָבן אָנגעהויבן אויסרעכענען וויפל געלט ס'איז זיי-
פארבליבן. די מומע עלזע האט נאך געהאַט עפעס פון איר
געלט, יורגיס האט נאך פארמאגט אַ קלייניקייט און ווער-
טשינסקע האט נאך געהאַט אין זאָק גאנצע פופצען דאָלאר. דער
זיידע אַנטאַנאַס האט נאך געהאט עפעס פון פארקויפטן גרונט.
דאס אַלץ צוזאמען איז שוין גענוג געווען צו באצאָלן די איינ-
מאליקע סומע. ווען די ראטעס האבן זיי שוין געקאנט זיין
גאנץ רויק, זיי האבן דאָך שוין געפונען ארבעט. זעלבסטפאר-
שטענדלעך, אז די גאנצע זאך האט נאך באדארפט ווערן
גרונדלעך אויסגעפארשט. וויבאלד זיי זאלן טאקע דערויף איינ-
גיין איז גלייכער וואס גיכער. זאלן דען זיי נישט דערווייל
קיין דירה-געלט? און ווי שלעכט זיי זענען איינגעארדנט פאר
זייערע שווערע אויסגעהארעוועטע גראשנס. אמת טאקע אז אזא
מענטש ווי יורגיס, וועלכער האט שוין געארבעט אמאל מיט
א מחנה ארבעטער ביים בויען אַ באן ליניע און געשארט די
לייז אויפן געלעגער, האט נאך געקאנט, ווי ס'איז דורכקומען,
אבער אָנע, פאר איר האט מען באדארפט טראכטן וועגן א ליי-
טישע וואוינונג, און טאקע וואס גיכער. יורגיס האט גערעדט
מיט זיכערקייט, ווי א מענטש, וואס פארדינט א דאלאר מיט
פינף און זעכציק סענט א טאג. ס'איז אים שווער געווען צו
פארשטיין, פארוואס די מענטשן אין דער געגנט, כאטש זיי
פארדינען אזוי פיל און דאך וואוינען זיי אזוי ארעם.

צומארגנס איז ווערטשינסקע אוועק אין דער פאבריק.
די אויפזעערין האט איר אפגעשיקט צו איינעם פון די ארבעטער
צו לערנען זיך פארבן די פידעלעך. נאך דער ארבעט האט
זי זיך אומגעקערט א היים א צופרידענע. אויפן וועג האט זי
געטראפן אָנען, זי איז געגאנגען צוזאמען מיט דער שטיפ-
מאמע דערוויסן זיך עפעס וועגן דער נייער היים. ביינאכט האבן
די ווייבער אפגעגעבן א באריכט פאר די מענער. אלץ האט
זיך ארויסגעוויזן פונקט ווי ס'איז אנגעוויזן געווען אין רע-
קלאם-פאפיר. זיי אליין, אָנע מיט די שטיפמאמע האבן וואס
אן אמת די הייזלעך נישט געזען, אבער דער אגענט האט זיי

פארזיכערט, אז דאס וועט זיין פאר זיי א גוט געשעפט, ער מיינט נישט זיך, נאר זייער טובה. ער אליין וועט דאך נישט האבן דערפון קיין איין פרוטה ריוח. ער איז דאך נישט מער ווי אן אגענט אין א געזעלשאפט, וואס פארנעמט זיך מיט בויען הייזער. צועהשט האט ער מ׳כלומרשט געצווייפלט צו ס׳איז נאך בכלל דא א הייזל צו פארקויפן. אויף די הייזער זענען געווען בעלנים פון אלע עקן לאנד. גאנץ מעגלעך, אז די געזעלשאפט האט שוין פארקויפט דאס לעצטע הייזל.

די מומע עלזע האט זיך דערשראקן הערנדיק די לעצטע ווערטער. דער אגענט האט באמערקט איר פארצווייפלונג און נאך א ווײלע ערנסט טראכטן פארגעלייגט זיין גרייטקייט שוין צו טעלעפאנירן אין דער געזעלשאפט מ׳זאל קודם-כל רעזערווירן פאר זיי א הייזל. דאס געשעפט איז געשלאסן געווארן. דעם נאענטסטן זונטאג האבן זיי באדארפט פארן באקוקן זייער נייע היים.

דאס איז פארגעקומען דאנערשטאג. די ארבעט ביי בראון אין דער פאבריק איז אין די לעצטע טעג פון דער וואך געגאנגען אין פולן ברען. יורגיס האט פארדינט א דאלאר פינף און זעכציק סענט א טאג. דאס האט געהייסן צען און א האלבן דאלאר א וואך אדער פינף און פערציק דאלאר א חודש. יורגיסן איז עס אפילו שווער געווען צו בארעכענען, ווייל ביי דעם האט מען זיך שוין געמוזט באנוצן מיט אנען, זי איז געווען זייער פלינק צו די חשבונות. מאריע און יאנאס זענען גרייט געווען צו צאלן זעכצן דאלאר א חודש. אפילו דער זיידע אנטאנאס האט זיך אויך מתחיב געווען צו צאלן, ווייבאלד ער וועט נאר באקומען ארבעט, און דאס איז גאנץ מעגלעך געווען, אז שוין מארגן. א חוץ דעם האט יאנאס און מאריע נאך באדארפט צו געבן א דריטל צו די ראטעס, אויף אזא אופן וואלט נאר יורגיסן אויסגעקומען צו צאלן אכט דאלאר א חודש. אויף חיונה וואלט זיי נאך פארבליבן פינף און אכציק דאלאר אפילו דער אלטער אנטאנאס זאל נישט געפונען קיין ארבעט, וואלט זיי נאך אויך געבליבן פינף און זיבעציק. דאס וואלט

גאנץ זיכער געגוג געווען אויסצוהאלטן א שטוב מיט צוועלף מיילער.

זונטאג באגינען, א שעה נאך פאר דער בשטימטער צייט זענען זיי אוועק באקוקן דאס הייזל. דעם אדרעס האבן זיי געהאט אנגעשריבן אויף א שטיקל פאפיר, וואס זיי האבן געוויזן פון צייט צו צייט די דורכגייער, די דריי קילאמעטער וועג איז אויסגעקומען אין זייערע אויגן גענוג לאנג. ענדלעך זענען זיי אנגעקומען אויפן ארט. אומגעפער א האלבע שעה האבן זיי געווארט אויפן אגענט. ער איז געווען א זייער אנגענעמער, פריילעכער מאן, ער האט גערעדט מיט א פליסיקן ליטוויש און ס׳איז אים גאנץ לייכט געווען זיך דורכצושמועסן מיט די קויפער. ער האט זיי צוגעפירט צום ארט. דאס הייזל, וואס ער האט זיי געוויזן איז געווען א הילצערנס, געוויינלעך געבויט אן שום ארכיטעקטישע באפיצונגען. אנען האט ארומגענומען א געפיל פון פרייד. ס׳איז באמת ענלעך געווען צו יענעם הייזל, וואס זיי האבן געזעען אויפן רעקלאם־פאפיר. ס׳האט נאר געהאט אן אנדערן קאליר און ס׳האט זיך אונטערשיידט מיט דער גרויס. ס׳איז געווען פריש געפארבט אין געמאכט א גאנץ נישקשהדיקן איינדרוק: — אלץ איז ביי — האט דער אגענט פארזיכערט. ער האט גערעדט כסדר אן אן הפסקה, זיי האבן אפילו נישט געהאט דאס געלעגנהייט צו שטעלן פראגן. תחילת זענען זיי אפילו געווען צוגעגרייט א סך צו פרעגן אבער יעצט זענען די פראגן זיי ארויסגעפלויגן פון קאפ אדער ס׳האט זיי גאר פארפעלט מוט ארויסצוזאגן. די איבעריקע הייזלעך, וואס זענען געשטאנען דאלעבן האבן אויסגעזעען אלט, קיינער האט נאך אין זיי נישט געוואוינט, דאס איז זיי געווארן אויפפאלנד און זיי האבן אנגענומען דרייסטקייט וועגן דעם צו פרעגן דעם אגענט. און יענער האט זיי געענטפערט: די הייזלעך זענען שוין פארקויפט, די קויפער וועלן זיך א ליאדע טאג אין זיי ארייננציען. זיי האבן שוין נישט געוואגט מער צו פרעגן, דאס וואלט געהייסן אז זיי צווייפלען אין זיין ערלעכקייט.

מענטשן פון זייער שטאנד זענען תמיד נידערגעשלאגן און דרך-ארצדיק צו מענטשן פון דער העכערער געזעלשאפט.

אינעווייניק אין הייזל, מיט צוויי פוס נידעריקער פון דער פּאָדלאגע, איז געווען אַ קעלערל. די געביידע איז באַשטאנען פון א בלויזן פארטער, וואוהין מ׳איז אריינגעגאנגען אויף טרעפּ פון זעקס פוס אין דערהייך. לעבן בוידעם איז נאך געווען אַ צימערל. דאס געסל איז געווען אומבאלויכטן און נישט ברוקירט. דורך די פענצטער האט זיך געזעען גאנצע שורות אזוינע הייזלעך, שיטער צעווארפן איבער דער געגנט.

די ווענט אין אלע פיר צימערן זענען געווען ווייס. דער קעלער איז געווען אָן א פּאָדלאגע און נישט אויסגעווייסט. דער אגענט האט זיי געגעבן צו פארשטיין, אז תמיד מאכט מען אזוי, כדי די קויפער זאלן עס קאנען פארענדיקן לויט זייער אייגענעם געשמאק. דאס בוידעם-שטיבל איז נאך אויך נישט געווען פארענדיקט. דאס דאזיקע שטיבל האבן זיי געטראכט צו פארדונגען עמעצן, אבער ס׳איז נאך אויך דאָרט נישט געווען קיין פּאָדלאגע. מ׳האט געמוזט גיין אויף די בעלקיס און אויף שטיקער צעווארפענע ברעטער. א דאנק די פלינקייט פון אגענט איז זייער באגייסטערונג נישט אָפּגעקילט געווארן אויף א האָר. ס׳האט אים ממש פארפעלט ווערטער אויף אויסצודריקן אַלע גוטע מעלות פון דער וואוינונג. ער האט געשיט פון זיך שטראמען ווערטער געוויזן זיי אלע קלייניקייטן, די שלעסער, די קייטלעך ביי די פענצטער, דעם זליוו מיטן קראַן אין דערהייך, ביי וועלכן מ׳האט געטון אַ דריי און ס׳האט באלד געפלאָסן וואַסער. דאס לעצטע האט זיך שוין אפילו די מומע עלזע נישט פּאָרגעשטעלט אין דער פאנטאזיע. נאָכן באַווייזן די אלע שיינע זאכן איז שוין פשוט אוממעגלעך געווען אַרויסצוזאָגן די געזעענע חסרונות.

אָבער זיי זענען געווען מענטשן פון דאָרף, אינסטינקטיוו

נאָך באַהאַלטן מיטן געלט. אומזיסט האט דער אַגענט זיי צוגערעדט שוין צופאַרענדיקן דאס געשעפט, זיי האבן געענטפערט, אַז זי מוזן נאָך וואַרטן, באַראַטן זיך און גוט אַדורכטראַכטן און דאס פאַרלאַנגט אַ ביסל צייט. זיי האבן זיך אומגעקערט אַהיים, אַ גאַנצן טאָג געחשבונט און דיסקוסירט. ביים אָנגעמען אַ באַשלוס זענען פאָרגעקומען שאַרפע קאַמפן. טייל זענען געווען פאַר און טייל קעגן. ווײַבאַלד ס'האט זיך שוין יאָ איינגעגעבן וועלכן ס'איז פון זיי איבערצוציגן, האט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די באַווייזן זענען נאָך שטאַרק ספקותדיק אין די אויגן פון איבערגעצייגטן.

אַז זיי זענען שוין ענדלעך דערגאַנגען צו אַ סוף און מ'האט געקאָנט מיינען, אַז דאס קויפן ס'הויז איז שוין אַ באַשטימטע זאַך, איז אָנגעקומען שעדווילאַס און צעקלאַפּט זייערע אַלע פּלענער. שעדווילאַס איז לחלוטין געווען דאַגעגן צו קויפן דאס הייזל. ער האט אָנגעהויבן דערציילן שוידערלעכע געשיכטעס וועגן מענטשן, וואס זענען רויִנירט געוואָרן פון די דאָזיקע שווינדלער ביים קויפן הייזער. נישט מער, ווי זיי פאַרלירן זייערע אָפּגעשפּאַרטע גראָשנס, פאַרלירן זיכער. דאס הייזל איז פון בוידעם-שטיבל ביז צום קעלער דורכאויס גאָרנישט ווערט. באַזונדער ברענגען די באַדינגונגען אַריין אין גרויס ספק. די געזעלשאַפט פאַרלאַנגט צו שליסן אַ קאָנטראַקט און ביי דעם קאָנטראַקט וועלן זיי זיכער ווערן אָפּגענאַרט, ווײַל וואס ווייסן זיי, וואס ס'שרײַבט אין אַ קאָנטראַקט? דאס גאַנצע עסק איז נישט מער ווי אַ שווינדל פון וועלכן מ'באַדאַרף זיך באַצייטנס אָפּזאָגן:

— יאָ, נאָר צאָלן דירה געלט? — האט יורגיס אַרייַנגעמישט — אַוודאי, אַוודאי, האט שעדווילאַס געענטפערט: — און דאס איז שוין נישט קיין שווינדל? — האט יורגיס נאָכאַמאָל געפרעגט — די אָרעמע ווערן תמיד באַשווינדלט. נאָך אַ האַלבע שעהדיקן שמועס האט זיך זי געדוכטן, ווי זיי שטיין ביים ראַנד פון אָפּגרונט, וואוהין זיי דאַרפן זיך אַלע אַרײַנוואַרפן. אַז שעדווילאַס האט זיך ענדלעך געזעגנט האָט גענומען ז'אס

ווארט יאָנאַס. ער האט פאָרגעשטעלט די סיבה פון שעדווילאס פעסעמיזם, לויט אים האט זיך עס גענומען רערפון, וואס דער האנדל מיט די דעליקאַטעסן איז אים לעצטנס שלעכט אוועקגעגאנגען. נאך דער דאָזיקער אנטדעקונג האט זייער טראכטן אָנגענומען אַ נייע ריכטונג.

ביים אָננעמען אַ באשלוס האט אויך אַ סך גורם געווען דאס, וואס זיי האָבן שוין לענגער נישט געקאָנט פארבלייבן אין דער יעצטיקער דירה. זיי האבן זיך געמוזט אומבאדינגט ארויסציען. וויבאלד זיי זאָלן זיך אָפּזאגן פון קויפן אַ הויז, מוזן זיי ווידער צאָלן ניין דאָלאר אַ חודש דירה געלט און דאס האט זיך זיי אויסגעוויזן זייער שווער. אַ וואָך צייט האבן זיי זיך געראַנגלט מיט אָט דער פראַגע, ביז יורגיס האט לסוף אלץ גענומען אויף זיין אייגענע אחריות.

יאָנאַס האט באַקומען ארבעט אין דורהאַמס פאבריק ביים שטופן אַ וועגעלע. יורגיס האט אין שעכטהויז געארבעט ביז שפעט אין דער נאכט. מיט יעדן טאָג האט ער באקומען אלץ מער שכל, ער האט פארשטאנען, אז ער איז דער ראש פון דער פאמיליע און ער זעלבסט באדארף באזייטיקן אלע שוועריקייטן, די איבעריקע אין דער פאמיליע קאנען טאקע טעותן, אָבער נישט יורגיס. ער וועט זיי שוין אלע ווייזן, ווי אזוי מ׳נעמט זיך צו אזא טאט. ער וועט ארבעטן טאָג און נאכט, אָן אָפּרו, ביז דאס הייזל וועט ווערן באצאָלט, ביז זיי וועלן האבן אן אייגן ווינקל. די דאָזיקע ווערטער האט ער איבערגעחזרט פאר אלע אין מ׳האט זיך באשלאָסן. יעצט איז נאך נייטיק געווען צו באקוקן נאָך אזוינע הייזלעך, אבער זיי האבן נישט געוואוסט, וואו זיי צו זוכן. זיי האבן נאר געזעען יענץ איינע הייזל, וואס ס׳איז זיי זייער שטארק געפעלן געוואָרן מער ווי אלע אנדערע. יעדעס מאל, ווען זיי האבן נאר געחלומט וועגן אן אייגענע היים. האט זיך יענץ הייזל געשטעלט פאר זייערע אויגן.

זיי האבן אויסגעזוכט דעם אַגענט און אים מ׳יטגעטיילט, אז זיי זענען גרייט צו קויפן דאָס הויז. זיי האבן געוואוסט,

איז מ׳באַדאַרף זיין גאַנץ פאָרזיכטיק. אין מסחר גענאַרן אַלע, אָבער דאָך האָבן זיי זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם איינפלוס מיט וואָס עס האָט זיי באַהערשט דער אַגענט. זיין ערשטער בשורה ביים באַגעגענען זיך מיט זיי איז געווען, אַז צוליב זייער ספקן איז שיער דאָס הייזל פאַרקויפט געוואָרן, שפּעטער נאָכן דערוויסן זיך, אַז זיי זענען נאָך געקומען צו דער ריכטיקער צייט, האָבן זיי אָפּגעזיפצט מיט פאַרלייכטערונג. ער האָט זיי געהייסן קומען צומאָרגנס, און די פּאַפּירן וועלן שוין זיין צוגעגרייט. יורגיס האָט געוואוסט, אַז מיט אַזוינע פּאַפּירן דאַרף מען זיין שטאַרק פאָרזיכטיק. דאָך האָט ער אַליין זיך נישט געקאָנט פאַרנעמען מיט דעם ענין, אוממעגלעך איז געווען פאַר אים באַפרייט צו ווערן פון דער אַרבעט אויף איין טאָג. ער האָט נאָך געקאָנט פאַרלירן די שטעלע, ווען ער זאָל עס נאָר בלויז פאָדערן: דעמאָלט האָט ער איבערגעגעבן די גאַנצע זאַך די ווייבער און שעדווילאַסן, וועלכער האָט צוגעזאָגט מיט זיי מיט צוגיין. אַ גאַנצן אָוונט פריער האָט יורגיס זיי געגעבן צו פאַרשטיין די ערנסטקייט פון דער יעצטיקער מינוט די ווייבער האָבן אַרויסגענומען דאָס געלט פון זייערע באַהעלטענישן, מ׳האָט עס צונויפגעלייגט אין איין בייטעלע און די מומע עלזע האָט עס איינגענייט אין איר קלייד. צומאָרגנס באַגינען האָבן זיי זיך געלאָזט און וועג אַריין. יורגיס האָט זיי באַגלייט אַ שטיק וועג און געוואָרנט פאַר די פאַרשידענע געפאַרן. די ווייבער זענען בלייך געוואָרן פאַר שרעק. אפילו שעדווילאַס, דער געניטער סוחר איז דורכגעגאַנגען אַ שוידער איבערן לייב. די ערנסטקייט איז געווען געוואַלטיק גרויס, דער אַגענט האָט זיי געוויזן די צוגעגרייטע פּאַפּירן, וואָס זענען געווען אויסגעשריבן ביזן לעצטן פּונקט, ער האָט זיי געבעטן זעצן און לייענען דעם קאָנטראַקט. ס׳איז זיי אפילו אָנגעקומען גאַנץ שווער. דער אַגענט איז בעת מעשה געזעסן און געקלאַפּט מיט די פינגער אָן שרייב-טיש, די מומע עלזע איז אַזוי דורכגענומען געווען מיט דער מינוט, אַז טראָפּנס שווייס האָבן זיך איר געשטעלט אויפן שטערן. זיי

האבן מורא געהאַט. צי דאס בלויזע לייענען דעם קאָנטראַקט איז שוין נישט אַ בולטער באַווייז, אז זיי צווייפלען אין דעם אַגענטס ערלעכקייט ?

דזייקאָב האט נעלייענט ווייטער, באלד האט זיך ארויסגעוויזן, אז זייער ספק אין זיין ערליכקייט איז געווען גאנץ בארעכטיקט. מאדנע משונהדיקע געדאנקען האבן געבלאנדזשעט אין זיין מוח. דאסאיז לגמרי נישט געווען קיין קויף-אקט. ס׳איז דארט געווען געשריבן וועגן פראָצענטער און אַרענדע. פאַרשידענע פונקטן זענען צוליב זייער טיף יורידישן סטיל אים שווער געווען צו פאַרשטיין, אָבער דער פונקט וועגן פראָצענטער דאָס איז קלאָר געווען ווי די זון. געשריבן האָט דאָרט, אַז די געזעלשאַפט איז גרייט צו ערפילן דעם אָפמאַך, דאָס צוגעזאָגטע הויז אָוועקצוגעבן. נאָר בתנאי: די קויפער זענען זיך מתחיב אַ חוץ די איינמאָליקע סומע דריי הונדערט דאָלאַר צו צאָלן אַ חודשדיקן פראָצענט פון צוועלף דאָלאַר, אין אַ צייט פון אַכט יאָר מיט פיר חדשים.

שעדווילאַס האָט אראָפגערוקט די ברילן און קוים אַרויסגעשטאַמלט אַ פראגע. דער אַגענט האט גאנץ העפלעך געענטפערט, אַז דאס איז נישט מער, ווי א פארמעלע זייט פון קאָנטראַקט. עס הייסט תמיד אזוי, אז דאס הויז איז אפגעגעבן אין אַרענדע, אבער פאקטיש געהערט עס צום קויפער. ער האט זיי געוואלט ווייזן א פונקט אויף דער אנדערער זייט פאפיר, אבער שעדווילאַס האט נישט געקאנט אזוי לייכט איבערגיין איבער דעם ווארט „ציננזן". ער האט עס איבערגעחזרט פאר מומע עלזע, זי האט זיך מורא׳דיק איבערגעשראָקן. דאס הייסט, אז ביין יאָר וועלן זיי נישט קאנען זאגן דאס הויז איז אונזער! דער אגענט האט אנגעהויבן אויפסניי זיי קלאָר מאכן. אבער ס׳האט גארנישט געהאָלפן. און די מומע עלזעס אוירן האבן נאך געקלונגען יזרגיס לעצטע ווערטער ביים געזעגענען:

— זייט פארזיכטיק. ווייבאלד עס וועט עפעס נישט זיין אין ארדענונג, געב נישט קיין געלט, נאר גיי צו אן אדוואקאט.

עלזע האָט פֿאַרבראַכט מיט די הענט, געזעסן אויף דער שטול ווי פֿאַרחלשט, ביז זי האָט זיך לסוף באַהערשט. אויף אַן ענטפֿער: זי וויל זיך אָנפֿרעגן ביי אַן אַדוואָקאַט אַן עצה. דזשייקאָב האָט איבערגעזעצט פֿאַר אַגענט איר ענטפֿער. זי האָט געמיינט, אַז דער אַגענט וועט זיך דערצערנען, אָבער צו איר גרויס פֿאַרוואונדערונג האָט ער זיך ווייטער באַצויגן מיט דער זעלבער העפֿלעכקייט. ער האָט פֿאָרגעלייגט זיינס אַן אַדוואָקאַט, אָבער זיי האָבן עס אים אָפּגעזאָגט. זיי זענען געגאַנגען אַליין. לאַנג האָבן זיי געזוכט אַזאַ אַדוואָקאַט, וואָס זאָל נישט זיין באַפֿריינדעט מיטן אַגענט. אָבער ווי גרויס עס איז געווען זייער פֿאַרזאָרגטקייט, ווען דער ענדלעך אויסגעזוכטער אַדוואָקאַט האָט באַלד ביי זייער אַריינקומען אין ביוראָ אַריין אָנגערופֿן דעם אַגענט ביים נאָמען.

יעצט האָבן זיי שוין געהאַלטן אַלץ פֿאַר פֿאַרשפּילט. זיי זענען געזעסן, ווי באַשולדיקטע, אָנוואַרטנדיק דעם אורטייל. דער אַדוואָקאַט האָט דורכגעלייענט דעם קאָנטראַקט פֿון אויבן ביז אונטן און ערקלערט שעדווילאַסי, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג. דער אָפּמאַך איז אַזוי געשריבן ווי אַלע אַנדערע אָפּמאַכן, דריי הונדערט דאָלאַר קאַסע געלט און ס׳איבעריקע אויף ראַטעס צו צוועלף דאָלאַר אַ חודש ביז ס׳וועט אָפּגעצאָלט זיין די סומע, פֿופֿצן הונדערט דאָלאַר.

— איז טאַקע אַלץ אין בעסטן אָרדנונג? קויפֿט מען טאַקע פֿאַר דעם געלט דאָס הויז, די ערד, אַלץ?

— פֿאַרשטייט זיך — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפֿערט און פֿאָרגעלייענט די וויכטיקסטע פּונקטן פֿון קאָנטראַקט.

— איז טאַקע אַלץ אין אָרדענונג? ס׳איז גאָרנישט דאָ דערביי קיין שווינדל? דאָס זענען דאָך אָרעמע מענטשן, אַ גראָשן איז דאָך ביי זיי אַ פֿאַרמעגנס. וויבאַלד סוועט נאָר עפּעס זיין נישט פּונקטלעך געשריבן, זענען זיי דאָך פֿאַרלוירן.

שעדווילאַס האָט מיט זיין ציטערדיקע שטימע געשטעלט אַ פֿראַגע נאָך אַ פֿראַגע. די ווייבער האָבן געפּאַטשט יעטוועד,

אויסדרוק אויף זיין פנים. זיי האבן נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, וואס ער האט גערעדט, זיי האָבן נאר געוואוסט אַז אלץ איז אָפּהענגיק אין זיינע ווערטער. די פראגן האָבן זיך אויסגעשעפּט. יעצט האט מען באַדארף באשליסן איינס פון ביידע, אדער איבעררייסן די אונטערהאַנדלונגען אדער אונטערשרייבן דעם אָפּמאך. די מומע עלזע האט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דזשייקאָב האט זי איבערגעפּרעגט צו זי וויל אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך, אבער די מומע האט געשלוכצט אָן אויפהער. וואָס ווייסט זי און וואס קאָן זי זאגן. פונוואַנען איז זי זיכער, אז דער אַדוואָקאַט האט געזאָגט דעם אמת. אפשר נעמט ער אויך אַן אָנטייל אין דעם שווינדל קעגן זיי? זי איז בלינד אין דעם גאַנצן ענין, זי זעעט נאר, אַז די גאנצע וועלט האט זיך פארמאָסטן אַקעגן הילפלאָזע, אָרעמע מענטשן, יעצט איז שוין אלץ פאַרפאַלן. אַלעמענס אויגן זענען פון דער מינוט געווענדט געווען צו איר, אַלע האבן אנגעוואַרט איר באשלוס. מיט פארוויינטע אויגן האט זי אָנגעהויבן זוכן דאס איינגענייטע געלט אין קלייד. זי האט אַרויסגענומען דאס בייטעלע, אויפגעבונדן עס אין קעגנווארט פון אלע. אָנע איז געזעסן אין אַ ווינקל פון צימער און פיבערדיק געציטערט. זי האָט געוואלט מיטן גאנצן כוח ארויסשרייען, רופן די שטיפמאמע, נישט לאָזן אונטערשרייבן, אבער עפּעס האט איר געשטיקט אין האלז און איר נישט געלאזט אַרויסבאַקומען אַ וואָרט.

די מומע עלזע האט אַרויסגעלייגט דאס געלט אויפן טיש. דער אגענט האָט איבערגעציילט און אַריינגעשאַרט אין קעשענע. דערנאך האט ער אַרויסגעגעבן אַ קוויטונג און אונטערגערוקט דעם קאָנטראַקט אונטערצושרייבן, און די מומע האט אונטערגעשריבן.

דער אגענט האט לייכט אָפּגעטעמט, העפלעך ווי תמיד געדריקט יעדן איינציקן די האנט. דער אדוואָקאט האט פאַרלאנגט פאר זיין טרחה אַ דאָלאַר, דאס האט ווידער ארויסגערופן אַ חילוקי דעות ביי די קויפער. זיי האבן באצאלט דעם אדוואָ-

קאַט און זיך אומגעקערט אַהיים. די מומע עלזע האָט איינגעוויקלט דעם קאָנטראַקט און באַהאַלטן! זי איז געווען אַזוי פאַרמאַטערט פון די איינדריקן און פּחד, אַז זי האָט זיך געמוזט אַ ביסל אָפּרוען אויפן וועג.

האַלב לעבעדיק זענען זיי ענדלעך אָנגעקומען אַהיים. ביינאַכט איז יורגיס געקומען און זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען געוואָרן אָפּגענאַרט און רואינירט. ער האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געשאָלטן ווי אַ משוגענער. לסוף האָט ער געכאַפּט דעם קאָנטראַקט און געלאָפן אויף הילסטעד-סטריט. ער האָט אויפגעוועקט שעדווילאַס פון דער וויעטשערע און ביידע זענען זיי אַוועק צו אַן אַנדערן אַדוואָקאַט.

אַז זיי זענען אַריינגעקומען אין דער קאַנצעלאַריע, איז דער אַדוואָקאַט אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט אַן איבערגעשראָקענער פאַר יורגיס אויסזען. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ משוגענעם. די האָר זענען אים געשטאַנען קאַפּויר און די אויגן זענען אים געווען פאַרלאָפן מיט בלוט. שעדווילאַס האָט אים קלאָר געמאַכט אין דער זאַך. דער אַדוואָקאַט האָט אָנגעהויבן לייענען דעם קאָנטראַקט, יורגיס האָט אינגאַנצן געציטערט, געמוזט זיך אָפּהאַלטן ביים שרייב-טישל. איין אָדער צוויי מאָל האָט דער אַדוואָקאַט עפּעס געפרעגט שעדווילאַסן. יורגיס האָט עס נישט פאַרשטאַנען, ער האָט געקוקט אויפן אַדוואָקאַט, יענער האָט געשמייכלט. יורגיס האָט באַמערקט זיין שמייכלען און לייכטער אָפּגעעטעמט. דער אַדוואָקאַט האָט עפּעס געזאָגט צו שעדווילאַסן און יורגיס האָט באַלד געפרעגט, וואָס ער מיינט. דאָס האַרץ האָט אים אויפגעהערט אַזוי האַסטיק קלאַפּן.

— נו! — האָט ער אַרויסגעשריגן.

— ער זאָגט, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג.

— אין אָרדענונג?

— יאָ, אין בעסטן אָרדענונג.

יורגיס איז אנידערגעפאלן אויף דער שטול, ס'איז אים שטארק לייכטער געווארן אויפן הארץ.

— ביסט איינגאנצן זיכער? — האט ער נאכאמאל געפרעגט שעדוויל'אסין.

די דאזיקע פארזיכערונג האט ער געוואלט הערן כסדר און און אויפהער יא זיי האבן שוין געקויפט דאס הויז, באמת געקויפט, עס געהערט שוין צו זיי. זיי באדארפן נאר צאלן דעם חודש אפצאל און אלץ וועט זיין אין ארדענונג. יורגיס האט פארשטעלט דאס פנים מיט די הענט, ער האט געפילט, אז טרערן מאכן פול זיינע אויגן. ס'האט זיך אים געדוכטן, אז ער איז געווארן נאריש ווי א קינד. ער איז געווען זייער איבערגעשראקן, דער העלד האט זיך נישט געקאנט אויפשטעלן פון דער שטול. דער אדוואקאט האט אים געגעבן צו פארשטיין, אז דאס ווארט „צינזן" איז נאר צוליב פארמעלקייט, דאס הייסט אזוי לאנג ארענדע, ווילאנג די לעצטע ראטע איז נישט באצאלט. זיי דארפן נאר צאלן, דאס הייזל קאנען זיי האלטן פאר זייער אן אייגנטום.

יורגיס איז זייער דאנקבאר געווען דעם אדוואקאט, מיט פארגעניגן האט ער־אים באצאלט דעם האלבן דאלאר האנא־ראר דערנאך איז ער געגאנגען א היים איבערגעבן די שטוב מענטשן די פרייל'עכע בשורה. אין שטוב האט ער געטראפן אגעגן א פאר חלשטע, די קינדער האבן געשריגן, א שרעקלעכער טומל האט געהערשט אין הויז. זיי האבן געמיינט, אז יורגיס איז אוועק מימתן דעם אגענט, ס'איז זיי בייטיק געווען עטלעכע שעה, אז אלץ זאל זיך איינשטילן.

אין דער נאכט איז שוין אוממעגלעך געווען צו שלאפן. יורגיס האט זיך כסדר איבערגעוועקט. ער האט געהערט דאס שטילע געוויין פון אנעגן און פון די מומע עלזע, וואס האט זיך געטראגן פון שכנותדיקן צימערל.

פינפטער קאַפּיטל

זיי האָבן געקויפט אַ הויז און נישט געקאָנט גלייבן, אַז ס׳איז אמת, אַז זיי קאָנען זיך יעדער מינוט אַריינציִען אין זייער אייגענער דירה. זיי זענען גאָרנישט פעיק געווען צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן זייער הערלעך הייזל און ווי אַזוי זיי וועלן זיך דאָרט איינאָרדענען. נאָך אין דריי טעג אַרום האָט זיך באַדאַרפט ענדיקן דאָס צאָלן וואָכן געלט פאַר דער דירה בײַ אַניעלי פאָן. זיי האָבן נישט פאַרלוירן קיין אומזיסטע צייט, נאָר געגרייט זיך איבערצוציִען.

ווער עס וויל עפּעס קויפן אין סטאָקיערדס, דער דאַרף נישט פאַרלירן קיין סך צייט אויף זוכן. ס׳איז גענוג אַרויסצוגיין אין גאַס און אַ בליק צו טון אויף די שילדן און באַלד דערוויסט מען זיך, וואו עפּעס צו קויפן. דו ווילסט רויכערן? זייער פיין, טאָמאַס יאַפּערסאָן פאַרקויפט פינף פּראָצענטיקע ציגאַרן, דאָס זענען די איינציקע ציגאַרן, וואָס זענען ווערט צוטראָגן דעם נאָמען ציגאַר. און ווײַבאַלד האָסט שוין צופיל גערויכערט, טאָ וואַרט, תּיכּף באַקומסטו דאָס באַרימטע מיטל, וואָס דער שטאַרקסטער רויכערער, וועט נאָך צען מאָל באַנוצן לגמרי נישט פילן קיין נויטווענדיקייט צו רויכערן. דער ערפאָלג איז געזיכערט. די דאָזיקע געוועלבן האָבן אַ סך פאַרלייכטערט די מענטשן דעם וועג צו זייער ציל. פאַר די צוגערייצטע איז עלץ לייכט געווען איינצוקויפן.

ערגעץ אין אַ געוועלבל האָבן זיי געפונען אַ בילדל, וואָס

האט פאַרגעשטעלט צוויי פײגעלעך, בויענדיק אַ נעסט. מאַריץ האט געבעטן אַ שכנה קלאָר צו מאכן פאר איר די ווערטער, וואס זענען געווען אונטערגעשריבן אונטערן דאָזיקן בילדל: — „קויף פעדערן צו דיין נעסט“ — האבן באַדייט די אונטן געשריבענע ווערטער. דאס איז געווען אַ רעקלאַמע פון אַ געוועלב, וואס האט געקאָנט צושטעלן בעטציג פארן גאנצן בני־בית, פאר אזא לעכערלעכע סומע פון פינף און זיבעציק דאָלאר. וויכטיק איז געווען דאס, וואס ס'איז נישט נייטיק געווען דאס גאנצע געלט, מ'האט געקאנט געבן עפעס און ס'איבעריקע אויף אויסצאָלן, צו עטלעכע דאָלאר אַ חודש. זיי האבן זיך נאך אויך געבייטיקט אין עטלעכע שטיקלעך מעבל. דער קאַפּיטאַל איז וואס אַמאָל געוואָרן מאָגערער, די זאָרג האט זיי ביינאכט פארטריבן דעם שלאָף פון די אויגן. דאס קויפן אויף ראַטעס איז געווען פאר זיי די איינציקע רעטונג.

אָבער אין דער צייט זענען נאך אָנגעקומען שעהן, וואס זענען געווען פול מיט פחד. געשען איז דאס דעמאָלט, בעת די מומע עלזע האט באדארפט אונטערשרייבן די קניות. דערפאר האבן זיי זיך אָבער דערוואָרט אויף דעם גליקלעכן אָוונט, ווען זיי האבן שוין ענדלעך געקאָנט מיטטיילן יורגיסן די וויכטיקע בשורה, אז דאס מעבל איז שוין אויפן אָרט און אפילו אריינגעשטעלט. אין שלאָף צימער זענען געשטאנען דריי שטיקלעך מעבל און אין עס־צימער פיר, און עס־טיש מיט דריי שטולן, און אַ שיסל אויסגעמאָלט מיט טויטע רויזן. ביים אויספאקן דאס געפעס האט זיך צעבראָכן עטלעכע כלים, אבער אָנע האט זיך באַמיט זיי אויסצוטוישן. פון געוועלב האט מען באַדארפט שיקן דריי יויך־וואַזעס, אבער מ'האט נאר געשיקט צוויי. יורגיס איז געווען זיכער, אז מ'האט אים שוין פריש אפּגענארט. צומאָרגנס האט זיך דאס גאנצע בני־בית איבערגעצויגן אין זייער אייגן הייזל. די מענער זענען געקומען פון דער ארבעט, געגעסן נאך אויף דער אלטער דירה. דערנאָך האבן זיי זיך גענומען צום איבערטראָגן די זאכן אויף דער נייער דירה.

צוויי מאל האט יורגיס דורכגעמאכט דעם וועג באַלאַדנט מיט זאַכן. איין אין אנדערע שטאָט וואָלט מען אים זיכער אַרעס־טירט ביי אזעלכע ביינאכטיקע שפּאַצירן, אָבער דא ווייזט אויס איז שוין דער פּאָליציאַנט געווען צוגעוויינט צו אזעלכעס, און ער האט זיך בלויז באַפרידיקט מיט די לאָקאַנישע אויסריידן. שווער צו באשרייבן, וואס פאר א שיינקייט ס׳האט אַראָפּגע־שוועבט פון זייער ניי הייזל, פון זייער ניי איינגעשטעלט מעבל, אפילו ביים שוואכן לאָמפּן ליכטיקייט. יאָ, זיי האבן א הויז, אַן אייגן ווינקל, כמעט אזוי שיין, ווי דאס הייזל אוי׳ן דעם רעקלאַם באפיר.

אָנע האָט געטאַנצט פאַר פרייד. צוזאַמען מיט מאריע האָבן זיי אַרומגעפירט יורגיסן אומעטום. זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַלע שטולן און געבעטן יורגיסן זעצן. איין שטול האָט אָנגעהויבן קרעכצן אונטער יורגיס וואָגיקייט. די ווייבער האָבן זיך צעשריגן פון גרויס פחד. דאָס גאַנצע בני בית איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס.

דער טאָג איז געווען א פרעכטיקער. כאָטש אַלע האָבן זיך געפילט אומגעוויינלעך פארמאַטערט, איז יורגיס געזעסן מיט אָנען האַנט אין האַנט נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט און מיט תענוג בליקן אַרומגענומען יעדער זאך באזונדער. זיי האָבן באַ־שלאָסן חתונה צו האָבן דעמאָלט, ווען אַלץ וועט שוין זיין איינגעאָרדנט און דערווייל האָט זיך אָפּגעשפּאָרט א קליינע סומע געלט.

און אָט איז שוין גרייט די נעסט. דאָרט איז דאָס קליי־נע צימערל. א וואָלקן פון אומאויפהערלעכע באגייסטערונג האט אַרומגענומען דאס קליינע הייזל פון אונזערע צוגערייזטע. זיי האבן געהאט ווינציק געלט צו קויפן אַלע פארשידענע קלייני־קייטן. דערווייל האבן זיי זיך באנוגנט מיטן איינקויפן די וויכ־טיקסטע זאכן. זיי האבן געקויפט ביינאכט, כדי יורגיס זאל זיין דערביי, אָן אונטערשיד סיי ביים קויפן א זאלץ־מעסטעלע, סיי א האלב טוץ גלעזער צו צען סענט יעדעס גלאָז. שבת ביינאכט האבן זיי זיך אומגעקערט א היים מיט א פולן קויש, זיי האבן

צעלייגט די זאכן אויפן טיש און זיי באוואונדערט. די קינדער
האבן געקלעטערט אויף די שטולן, געריסן זיך אין זערהייך.
זיי האבן געברענגט שמאַלץ, מילך, אַ רייב־בערשטל, שיכלעך
פאַרן יונגל, בוימאייל, אַ העמערל מיט טשוועקעס. די טשווע־
קעס האָבן גענוצט אַריינצוהאַקן אין די ווענט פון שלאָף־צי־
מער און פון דער קיך, כדי אויפצוהענגען פאַרשידענע זאַכן.
ביי יעדן טשוואָק אַריינקלאַפּן האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס גאַנצע
בני־בית און באַטראַכט וועלכעס אָרט ס׳איז מער צוגעפּאַסט.

יורגיס האָט געפּרוווט דאס העמערל, און זיך אַ קלאַפּ
געטון אין אַ פינגער, ער האָט געהאַט טענות צו אָנעל. פאַרוואָס
זי האט נישט געלאָזט אויסגעבן פיפצן סענט מערער אויף אַ
גרעסער העמערל. דאַן האָט אָנע אָנגעהויבן אַליין אַריינצו־
קלאַפּן די טשוועקעס, אָבער אויך זי האָט זיך אַ קלאַפּ געטון
מיטן העמערל אין קליינטשינקן פינגערל, זי האָט אַגעשריי
געטון פון ווייטיק. יורגיס האָט געכאַפּט דעם צעקלאַפּטן פינגער
און אָנגעהויבן קושן.

ער האָט געברענגט אויף די פּלייצעס אַ גרויסן קאַסטן און
ער האָט אַרויסגעשיקט יאָנאַסן נאָך אַזאַ קאַסטן. צומאָרגנס
האָבן זיי באַדאַרפט מאַכן פון די קאַסטנס שענקלעך און פּול־
קעס. די נייע נעסט האָט אויך נישט פאַרמאָגט אַזוי פיל בעטן
און בעטצייג פאַר אַזאַ גרויסע פאַמיליע. מ׳האָט געמוזט דעם
עס־טיש איבערטראָגן אין קיך אַריין און דאָס עס־צימער איז
פאַרטוישט געוואָרן אויף אַ שלאָף־צימער פאַר דער מומע על־
זע מיט אירע קינדער. אין צווייטן צימער איז געשלאָפן אָנע
מיט מאַריע אויף אַ בשותּפותדיקן מאַטראַץ און אין דריטן די
מאַנסלייט מיטן עלטסטן יונגל. דערווייל האָבן זיי געמוזט שלאָפן
אויף דער פּאָדלאָגע. ס׳איז זיי געווען געגוג הארט, די מומע
האָט זיי באַדארפט לאַנג וועקן, איידער זיי זענען אויפגעשטא־
נען. זי האָט צוגעגרייט פאר זיי שווארצע קאַווע, הייסע קיש־
קעלעך און געבעקס, דערנאָך האָט זי זיי פאַרפּאַקט דאָס מי־
טאָג, עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט שמאַלץ, פוטער האָט שוין אויס־

געמאכט צו טייער. זי האָט זיי צוגעלייגט צו דעם א שטיקל צי־בעלע, קעז, און די מענער זענען אוועק צו דער ארבעט.

יעצט האָט יורגיס דערפילט, אז ער ארבעט. צום ערשטן מאָל האט אים די אַרבעט איינגאנצן פארשלונגען. תחילת, בעת ער האָט געקוקט פון דער גאלעריע אויף די מענטשן, וואָס האָבן געארבעט אין די שעכטהייזער, האָט ער לגמרי נישט באוואונדערט זייער פלינקייט, זיי האָבן געארבעט ווי מאשינען. אָבער, אז ער האָט זיך ארייַנבאקומען צווישן זיי, האָט ער ערשט דערזעען, אז דאָס איז א בלוטיקע ארבעט. פלוצלינג איז פאר אים אלץ קלאר געווארן. ער האָט א בליק געטון אין דער „אינערליכקייט".

דאָס געאייל, מיט וועלכן מ'האָט זיך גע־נומען דאָ צו דער ערשטער בהמה, האט פאר־שלונגען די גאַנצע מענטשלעכע ענערגיע און ס'האָט שוין אַזוי געדויערט ביז ס'האָט זיך אָפּגערופן די מיטאָג סירענען, און דערנאָך פון האלב איינס ביז איין גאָט ווייסט ווען! יורגיס האָט ביסלעכווייז אנגעהויבן ארייַנדרינגען אין אַלע פארבאָרגנ־קייטן. ער האָט געזעען, אז פאר אויפזעער זענען צוגענומען געווארן די שטאַרקסטע מענער, אָבער זיי האָבן זיך נישט לאנג געהאלטן. די ארבעטער האָבן געמוזט אַרבעטן אונטער זייער אויפזיכט און זיי האבן געשאָלטן ווי די משוגענע. דאָ האָט עס געהייסן? „אָנגעטריבן מיט דער סטאַדע". וויבאלד ס'האָט איינער פון די אַרבעטער נישט אויסגעהאַלטן — אָ, דאָס אין געווען א קלייניקייט. דאָרט, אונטער די טירן זענען געשטאַנען הונדערטער און געבעטלט ארבעט!

אָבער דאָס האָט יורגיסן נישט געארט, פאַרקערט, ס'האט אים נאָך פארשאַפט אַ געוויסן גענוס, דאָס, וואס ער איז נישט געשטאַנען ליידיק, ווי ביי זיין אַמאָליקער ארבעט. ער האט געבלאַזן צופרידן, בעת ער איז מיט אַ געאייל דורכגעלאָפן די ברויטע האלע און פון צייט צו צייט געווארפן אַ בליק אויף זיין אויפזעער. די ארבעט איז טאקע נישט געווען אזא אָנגענעמע, אָבער זי איז געווען נוצלעך. אַזא מענטש ווי יורגיס האט

נישט געקאָנט פארלאנגען מער, ווי באקומען א נוצלעכע ארבעט און ווערן גוט באלוינט.

יאָ, יורגיס האָט וועגן דעם אַלעם געטראכט. ער האט אפילו ארויסגעזאָגט זיין מיינונג פאר די אַרומיקע, אָבער ער האָט באמערקט, אז זיי זענען אומצופרידן מיט זיינע אָנשויאונגען. די מערהייט ארבעטער האט געקוקט אויף דעם פון א גאנץ אַנדערן שטאנדפונקט. יורגיסן האט עס שטארק געוואונדערט זעענדיק ווי די מערסטעטייל פון זיי באציִען זיך צו זייער ארבעט מיט גרויס פאַראכטונג. זיי האבן געהאסט די אויפזעער און די באַלעבאטים. זיי האבן געהאסט דאס ארט, די שטאָט. זיי האבן אַפילו געהאסט די ווייבער און קינדער פון די אויפזעער און פון די באלעבאטים, נישט געקאנט זיי ממש פארטראָגן, ווי באשעפעניש, פון גיהנם. זיי האבן געשאלטן אלץ, וואָס ס׳איז זיי געקומען אין די אויגן. און, אז יורגיס האט זיי געפרעגט די סיבה פון זייער צאָרנדיקייט האבן זיי אים אנגעקוקט פארדעכטיק און געענטפערט:

— וואָס קאנען מיר דיר ענטפערן. וויבאלד וועסט דא בלייבן, וועסטו שוין אליין זעען!

יורגיס האט געהערט עפעס וועגן פראפעסיאָנעלע פאַריינען, אבער ער האט נישט געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס. מ׳האט אים געגעבן צו פארשטיין, אז די ארבעטער פאראייניקן זיך, כדי ארויסצוקעמפן פאר זיך בעסערע רעכט: יורגיס האט געפרעגט וואס פארא רעכט דאס זענען עס. ער האט געפרעגט הכנהדיק, ווי א מענטש, וועלכער האט ווירקלעך נישט קיין אַנונג וועגן אנדערע רעכט, סיידן די רעכט צו זוכן ארבעט און אויספירן באפעלן. די חברים האָבן ביי די דאָזיקע פראגן פארלוירן דאס געדולד און אים אנגערופן אייזל. איינמאָל איז געקומען צו אים אַ דעלעגאַט פון פליישער פאריין און געפאָדערט פון אים זיך צו פארשרייבן פאר א מיטגליד. אז ער האט זיך דערוואוסט, אז ס׳איז פארבונדן מיט אויסגאבן, האט ער זיך לגמרי דערפון אפגעזאגט. דער דעלעגאט, א אירלענדער, וועלכער האט נישט פארשטאנען קיין איין ווארט

ליטוויש האט זיך שטארק אויפגערעגט און אנגעהויבן יורגיסן
דראָען. לסוף איז אבער אויך ביי יורגיסן געפּלאַצט דאס גע-
דולד. ער האט ערקלערט, אז איין איראלענדער איז ווינציק צו
נעמען אים מיט כּוח אין פּאַריין אַריין.
אָבער ביסלעכווייז האט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואס
פּאר אן אויפגאַבן עפּ האט דער פּאַריין. ס'האט זיך געהאַנדלט
אַ סוף צו מאַכן צו יענעם אופן „טרייבן ביי דער ארבעט". די
ארבעטער האבן געקעמפט פאר פארלייכטערונגען, אַ סך פון זיי
איז אוממעגלעך געווען איבערצוטראָגן אזא שווערע ארבעט.
די דאָזיקע פּראגן זענען פאר יורגיסן לגמרי נאך געווען פּרעמד. ער
אליין האט די ארבעט געקאָנט אויספירן און לויט זיין מיינונג
האבן אויך אנדערע באדארפט קאָנען, וויבאלד זיי קאָנען נישט,
זענען זיי טויגניכטסן, זאָלן זיי זוכן ארבעט ערגעץ אנדערש.
יורגיס האט נישט געשטודירט קיין ביכער, דאס וואָרט „לעסע-
פּער" וואָלט אים אפילו שווער געווען ארויסצוזאָגן. ער איז
שוין צופּיל פּאַרפּאָלגט געוואָרן פון דער וועלט און דאס האט
אים באוויזן, אז יעדער מענטש דארף קעמפן נאר פאר זיך.
יורגיס האט זיך נישט איבערגענומען פון די אלע איבער-
גאַנגס אידעען. צייטנווייז האט אים געפּייניקט דער געדאנק,
פּארוואס זיין אָרעמער, אלטער פאטער מוז זיך שלעפּן פון
איין פאבריק-טויער צום אנדערן און זוכן ארבעט. דער אלטער
אַנטאַנאַס האט געארבעט פון די פריסטע יאָרן אָן. אז ער איז אלט
געוואָרן צוועלף יאָר איז ער אנטלאָפן פון שטוב. דער פאָטער
האט אים איינמאָל צעשלאָגן פאר באגערן צו לערנען. ער איז
געווען אַ זייער פּעיקער יאט. מ'האט אים געקאָנט אָנטרויען די
פאראַנטוואָרטלעכסטע ארבעט און לגמרי נישט לייגן קיין אכט, ווי
אזוי ער פירט זי אויס. יעצט האט ער ארומגעוואנדערט א דערשלאָ-
גענער און צעבראכענער און נישט געפונען קיין ווינקל פאר
זיין קערפּער, אויף דער גרויסער וועלט. ער האט אויסגע-
זען ווי אן אלטער, קראנקער הונט, וועלכער קאָן שוין נישט
דינען קיין שום באלעבאס. טאקע אמת, אז ער האט געהאט
אַ היים, אַ זון, וואס איז גרייט געווען פאר אים צו זאָרגן-

אבער א חוץ אלעם איז אויך יורגיסן פון צו צייט געקומען אויפן געדאנק, אז עס באדארף זיין אנדערש.

אַנטאַנאַס רודקוס האט געזוכט ארבעט אין אלע פאבריקן. גאנץ באגינען איז ער שוין צוזאמען מיט מחנות ארבעטער געשטאנען ביי די טויערן פון די פאבריקן און געווארט מ׳זאל זיי רופן. זיי זענען געשטאנען אזוי לאנג ביז דער פאָליציאנט האט זיי אוועקגעטריבן. ער איז געגאנגען אין די געוועלבן, שפייכלער, אבער פון אומעטום האט מען אים געטריבן און נאך באַגלייט מיט קללות. קיינער האט נישט געוואלט מיט אים רעדן. דאס אלץ האט געוועקט ביי יורגיסן נייע טענות צו דער וועלט ארדענונג. אבער נאך גרעסער איז געווען זיין אנטוישונג, ווען דער אלטער האט שוין יאָ געפונען ארבעט. איינמאל אין אן אוונט האט ער א צופרידענער זיך אומגעקערט א היים מיט דער גליקלעכער בשורה: אין דורהאמס פאבריק האט ער זיך באגעגנט מיט א מאן, וואס איז גרייט געווען פאר א דריטל פון דעם לוין, וואס ער וועט באקומען, צו שאפן פאר אים ארבעט. אַנטאנאס האט אים געפרעגט, צי ער איז דער אויפזעער פון דער פאבריק, אבער יענער האט אים געענטפערט, אז ס׳ארף אים לגמרי נישט אָנגיין ווער ער איז, ער וועט אים געבן א שטעלע און ערלעדיקט.

יורגיס האט שוין דא געהאט עטלעכע פריינט, ער איז אוועק זיי פרעגן וועגן דער זאך. איינער פון זיי איז געווען טאמאָשיוס קשלעיקי, ער האט אמאָל געארבעט אין שעכטהויז ביים וויקלען די פעל. דאס איז געווען זייער אַ פלינקער פארשוין, ער האט אויסגעהערט יורגיסן אָן אַ ברעקל שטוינונג. דער דאזיקער אופן פון אויסנוצן די ארבעטער איז דא געווען א טאג טעגלעכע דערשיינונג. יאָ, דער פארשוין, וואס האט צוגעזאגט אַנטאַנאַסי די ארבעט, דאס איז געווען דער אויפזעער אליין. אויף אַזאַ אויפן האבן זיי פארגרעסערט זייערע פארדינסטן. די אויפזעער האבן אויסגענוצט די ארבעטער און די ארבעטער האבן זיך אויסגענוצט איינער דעם אנדערן. טאַמאָשיוס האט אן אויפגערעגטער אנטדעקט פאר יורגיסן דעם גאנצן שווינדל. למשל

אין דורהאַמס פאבריק: דער באַלעבאָס האט געטון אַלץ, כדי צו קאנען אויספרעסן וואס מער ריוח, ער האט לגמרי נישט גע-זארגט פאר די ארבעטער.

אַ גרויסע צאָל אויפזעער, עלטערע און יונגערע האבן גע-טריבן די אונטערטעניקע, אויסגעפרעסט פון זיי וואָס מער ארבעט. אפילו די, וואס האבן פארנומען גלייכע שטעלעס האבן זיך אויך קעגנזייטיק געהאסט. די פאבריק איז ענלעך געווען צו אַ הייסן קעסל, פול מיט האס, אייפערזוכט און פארדאכט. פארוואס איז עס אזוי געווען? ווער קאן געבן אַן ענטפער? די דאזיקע מנהגים זענען נאך פארבליבן פון אַלטן דורהאַם. דאס איז געווען אַ ירושה, וואס סעלף-מעד-מען האט צוזאמען מיט מיליאָנען איבערגעלאזט פאר זיין זון.

יורגיס וואלט זיך אַליין דערוואוסט דאס אַלץ, אבער דע-מאלט, ווען ער וואלט לענגער געארבעט אין די שעכטהייזער. ער האט געהערט צו דער קאטעגאָריע ארבעטער, וואס האבן שוין אויסגעפירט די נידעריקסטע ארבעטן. אונטער זיי איז שוין קיינער נישט געווען, זיי זענען שוין נישט ביכולת גע-ווען קיינעם אויסצונוצן. אבער נאך אַ געוויסע צייט האט זיך יעדער אָנגעשטעקט מיט דער אַטמאָספער, זיי האבן געטון דאס זעלבע, וואס אנדערע. יורגיס איז דאָ אהערגעקומען, כדי צו זיין נייטיק, ער האט געוואלט אַוואנסירן, ווערן אַ גוטער אר-בעטער. אבער באלד האט ער באמערקט זיין טעות. אין סטאָקיערדס האט קיינער נישט אַוואנסירט. וויבאלד ס'האט יאָ עמעצער געהאט וואָ גוטע שטעלע, איז עס געווען בלויז אַ צו-פאַל. געאַוואנסירט האבן די לומפן. דער פארשוין, וואס האט גע-שיקט דעם אויפזעער צו יורגיס פאטער וועט בן ספק אַוואנ-סירן, ווער ס'האט געפּראָוואצירט, געמסרט אנדערע ארבעטער, דער האט געהאט ערפאָלג, אבער דער, וואס האט ערלעך אויסגעפירט זיין ארבעט, דעם האט מען געטריבן און ווען ער איז שוין לסוף געפאַלן פון די כוחות, האט מען אים אַרויסגעוואָרפן.

יורגיס איז נאך געווען נאַיוו, בעת ער איז אַריינגע-

טראָטן אַרבעטן אין שעכטהויז. ער האט נישט געקאָנט גלייבן די אַלע מוראדיקע אמתן, וואס ער האט זיך דאָ קעצט אָנגע-הע־ט. ווער האט דאס אים דערציילט? טאָמאַשיוס? יאָ, ער האט געהערט צו די אומצופרידענע. זיין לײדיקע צייט האט ער פאַרברענגט מיטן גרימפּלען אויפן פידל. ער האט געשפּילט אַ גאַנצע נאַכט ביז זונגען-אויפגאַנג. פאַר אים איז געווען אומבאַ-גרייפלעך די ברכה פון אַרבעט. ער איז געווען אַ שוואַכער, תמיד אונטערשטעליק אין דעם גרויסן געיעג פון לעבן. פון דעם האט זיך גענומען זיין פאַרביטערונג. פאַר יורגיסן האט ביסלעכווייז אַלץ אָנגעהויבן קלאָר ווערן. ער האט געשעצט דעם אַלטן פאָטער אַליין צו זוכן אַרבעט אָן שום פאַרמיטלונג. אָבער דער אַלטער האט שוין פאַרלוירן די האָפענונג און זיין געדולד.

ווילנדיק דורכאויס אַרבעטן אָן אונטערשיד ביי וואס ס'זאָל נישט זיין, איז ער צוּמאָרגנס אַוועק אויף יענעם אָרט און אויסגעזוכט דעם מענטש, וואס האט אים צוגעזאָגט אַר-בעט. ער האט אים צוגעזאָגט אַ דריטל פון זיין לוין און נאָך דעם זעלביקן טאָג האט ער באַקומען אַ שטעלע אין דורהאַמס קעלערס. די ערשטע וואָך לוין האט ער געמוזט אויסגעבן אויף שווערע וואַרעמע שטיוול. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין וואַשן די פּאָדלאָגע מיט שווערע נאַסע טיכער. אַ חוץ דעם, וואס דאָרט איז געווען שרעקלעך קאַלט, פינצטער און פייכט, איז די אַר-בעט גופא פאַר אים געווען אומגעוויינלעך שווער. באַזונדער איז שלעכט געווען זומער. יורגיס האט זיך איבערצייגט, אַז זיינע חברים זענען געווען גערעכט. אין צוויי טעג אַרום האט זיך שוין דער אַלטער אומגעקערט אַ היים מיט פאַרביטערונג, פול מיט האַס צום פאַבריקאַנט. מ'האָט אים געהייסן רייניקן די קאַנאַלן.

די פאַמיליע האט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים און מיט שטילונג אויסגעהערט זיינע דערציילונגען. זיי האָבן נישט געוואוסט, וואס צו טון. צוערשט זענען זיי געווען זיכער, אַז ער וועט אַרבעטן ביים פּאַקן ס'פלייש אין די פידעלעך.

ס׳פלייש איז געלעגן אין גרויסע פעסער דורכגעשיט מיט פאר־שידענע כעמישע מאטעריאלן. די ארבעטער האָבן ארויסגעצויגן פון דאָרט ס׳פלייש מיט גרויסע גאָפּלען, געלאָדנט אויף וועגעלעך און צוגעפירט צו אַ קעסל. דער אלטער אַנטאַנאַס האט באדארפט די פארבליבענע שטיקלעך ארייַנקערן אין אַ לאָך פון דער פּאָדלאָגע. אָבער א חוץ דעם איז נאך געווען איין גרויסער קאַנאַל, פון וועלכן דער אלטער האט באדארפט יעדערע עטלעכע טעג ארויסקלויבן די אָנגעזאמלטע שטיקלעך פלייש און לאדעווען אויף וועגעלעך. דאס איז שוין געווען איבער זיינע כּוחות.

דערנאך האט מאַריע און יאָנאַס אָנגעהויבן דערציילן זייערע איבערלעבענישן. מאַריע האט געאַרבעט ביי איינעם פון די אומאפהענגיקע פאַבריקאנטן. זי האט ממש טריומפירט בעת זי האט געפונען ארבעט. איינמאָל האט זי זיך אומגעקערט אַ היים מיט נאָך אַ מיידל, וואס האט געאַרבעט צוזאַמען מיט איר. זי איז געווען אַ קליינטשיגקע, אַ שוואַכינקע. זי האט געהייסן יאַדוויגע מאַרטשינקוס, זי האט דערציילט פאר מאַריען ווי אזוי זי האט געפונען ארבעט. פאר איר האט פארנומען די שטעלע אַ איר־לענדערין, יענע האט געאַרבעט אין דער פאַבריק אומגעפער פופצן יאָר. זי האָט געהייסן מערי דעניס, עמעצער האט זי פאַרגוואַלטיקט און זי האט געבוירן אַ קינד. ס׳קינד איז געווען אַ קאַ־ליקע, תמיד געקרענקט אויף עפּילעפּסיע, אָבער מערי האט עס זייער ליב געהאט, דאס איז געווען דאס איינציקע באַשעפעניש צו וועלכן זי איז געווען צוגעבונדן. זי האט געוואוינט אין איין צימערל אויף הילסטעד־סטריט, אין אירלענדער קוואַרטאַל. זי איז קראַנק געווען אויף שווינדזוכט, גאַנצע טעג געהוסט. לסוף איז זי שוין לגמרי געפאַלן פון די כּוחות. קומענדיק אַ קראַנקע צו דער ארבעט, האט מען איר אָפּגעזאָגט די שטעלע.

יאַדוויגע האט באַרעכטיקט די אויפזעערינס טאַט. ס׳האט נישט געהאט קיין זינען צו האַלטן אַ קראַנקע ארבעטערין.

מ'האט זיך גארנישט גערעכנט דערמיט, וואס מאַריע האט געאַרבעט אין דער פאבריק אַזא לאנגע צייט. גאנץ געמאלט, אז די אויפזעערין האט עס צומאל נישט געוואוסט. מער האט שוין יאַדוויגע גארנישט געהערט פון דער אָרעמער מערי. זי האט זיך געוואלט אפילו מיט איר זעען, אבער זי איז אליין פלוצלינג קראנק געוואָרן, שוין אַ לאנגע צייט, ווי ס'טוט איר ווײ אַ זייט. איבעריקנס איז עס אַ צו שווערע ארבעט פאר פרויען, צו האלטן אַ גאנצן טאָג פערצן פונטיקע פושקעס אין דער האנט.

יאָ, ס'איז א מערקווירדיקער צופאל. אפילו יאָנאַס האָט באקומען זיין שטעלע א דאנק דאס אומגליק פון א צווייטן. יאָנאס האט באדארפט איבערפירן אויף א וועגעלע די זייטלעך ברוסט פון איין אָפּטיילונג אין דער אנדערער, פון די רויכער־האלע אין שפייכלער. די וועגעלעך זענען געווען אייזערנע, שווער באלאָדנט מיט זעכציק אזוינע בריסטלעך, צוזאמען האט עס געהאט ביז א פערטל טאָן די וואָג. אויף די נאסע משופּעדיקע פאדלאגע איז עס אים גענוג שווער אנגעקומען. דער אויפזעער איז נאכגעגאנגען טריט נאך טריט און אים פארפאלגט מיט זיינע בליקן, געשאלטן פאר דער קלענסטער פארזוימונג. די אויסלענדער, וועלכע האבן נישט פארשטאנען די באַפעלן און קללות אויף ענגליש, האט מען געשטופּט און געשטויסן. זיי זענען באהאנדלט געווארן ערגער ווי די הינט. די וועגעלעך האָבן געמוזט לויפן מיטן גרעסטן אימפּעט. אַן ארבעטער, וואס האָט געארבעט פאר יאָנאסן איז צוגעדריקט געווארן צו דער וואנט פון אזא באלאָדנט וועגעלע און אומגעקומען אויפן אָרט.

דאס אלץ איז געווען זייער טרויעריק, אבער ס'איך נאך נישט געווען קיין פארגלייך צו דעם אלעם, וואס יורגיס האט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן. באלד אין ערשטן טאָג האט ער באמערקט מערקווירדיקע זאכן. ער האָט געזען די אכזריות ביים שעכטן קעלביקע קי. יעדער פון אייך ווייסט, אז ס'איז פארבאטן צו שחטן קעלביקע קי, נאענט פארן האבן ס'קאלב. איבעריקנס, וואס וואלט דאס אויסגעמאכט צו ווארטן עטלעכע טעג, ביז די קו וועט זיך אָפּקעלבן. אבער דא איז

געווען אַ שאָד פּאַשע פאר די אלע קעלביקע קי. מ׳האט זיי אויסגעמישט צוזאמען מיט אלע בהמות, וואס מ׳האט געפירט צו דער שחיטה. בשעת מ׳האט אונטערגעפירט אזא קו אונטערן חלף, האט מען א וואונק געטון צום אויפזעער און דער אויפזעער האט אוועקגעפירט דעם אינספּעקטאָר א ביסל אָן א זייט, און אנגעקניפּט מיט אים א שמועס. מ׳האט געשאָכטן די קו און אלץ פון אינעווייניק איז פארשוואונדן געווארן אין איין אויגנבליק. יורגיס האט עס תיכף ארייגעשארט אין א לאך פון דער פּאָדלאָגע. אונטן, אונטער דער פּאדלאגע זענען געשטאנען אנדערע ארבעטער, זיי האבן געכאפּט דאס אומצייטיקע קעלבל, צעשניטן עס, אויסגעמישט צוזאמען מיטן קאלב פלייש.

איינמאל האט זיך אַן ארבעטער אויגעגליטשט און צעבראָכען אַ פוס. אז זיי אלע האבן זיך שוין געהאט אפּגעפּארטיקט מיט דער לעצטער בהמה, האט יורגיס נאך דערהאלטן אַ באפעל צו בלייבן און אויספירן די ארבעט פארן קראנקן ארבעטער ס׳איז שוין געווען שפּעט, כמעט פינצטער. אלע אינספּעקטארן זענען שוין געהאט אהיים געגאנגען ס׳זענען פארבליבן עטלעכע ארבעטער. אין יענעם טאג האט מען געשאָכטן פיר טויזנט שטיק. דאס פלייש איז מיט שיפן איבערגעפירט געווארן אין אלע עקן וועלט. א סך פלייש איז געווען פון „מומיס״, פון בהמות מיט צעבראכענע פיס און צעקלאפּטע ושעבּרעס. מיט די דאזיקע בהמות האט מען זיך אָפּגעפּארטיקט אין דער שטיל און אין דער פינצטער, אין באזונדערע האלעס.

די רויקייט און שטילקייט מיט וואס די ארבעטער זענען צוגעטראָטן אויספירן די ארבעט, איז קענטיק געווען, אז דאס איז דא אַ טאג טעגלעכע זאך, עטלעכע שעה האט עס געדויערט און אלץ איז געווען פארטיק. יורגיס האט עס געזעען אוועקטראגן אין די אייז-קעלערס. וואו מ׳האט עס אויסגעמישט צוזאמען מיט די אנדערע פליישן. יענעם אָוונט האט ער זיך אומגעקערט צו היים א דערשלאגענער. ענדלעך האט ער אנגעהויבן פארשטיין, ווי גערעכט ס׳זענען געווען די, וואס האבן אויסגעלאכט זיין גלייבן אין אמעריקע.

זעקסטער קאַפּיטל

דורגיס און אַנע האָבן זיך געליבט. זיי האָבן לאַנג געוואַרט איינער אויפן אַנדערן, געוואַרט נאָענט פון צוויי יאָר. ער האָט אַליין באַטראַכט פון דעם שטאַנדפּונקט, צי ער וועט האָבן די מעגלעכקייט חתונה צו האָבן מיט אַנען צי נישט. זיין געדאַנק איז נאָר פאַרנומען געווען מיט דער איינער פראַגע: ער האָט מיטגענומען מיט זיך די גאַנצע פאַמיליע קיין אַמעריקע. פאַרוואָס? ווייל זיי זענען געווען נאָענט צו אַנען. ער האָט געקויפט יעדן הייזל. פאַרוואָס? כדי אַנע זאָל האָבן וואו צו וואוינען. אפילו דאָס וואָס ער האָט געליטן ביי דורהאַם אין דער פאַבריק, וואָלט אים אויך לגמרי נישט געאַרט, נאָר ווי באַלד דאָס וואָלט עפּעס פאַרלייכטערט די מעגלעכקייט חתונה צו האָבן מיט איר.

יאָ, וואָלט דאָס אַליין אָפּהענגיק געווען אין זיי, וואָלטן זיי שוין לאַנג חתונה געהאַט, אָבער די חתונה וואָלט געמוזט פאָרקומען אין די אַלטע צערעמאָניעס. און דאָס איז געווען די הויפּט שטערונג. וויבאַלד זיי האָבן עס נאָר איבערגעחזרט פאַר די עלטערע פון שטוב איז תיכף אַנטשטאַנען אַ בהלה. די מומע עלזע האָט באַשן אופן נישט געקאָנט אויף דעם איינגיין: — וואָס — האָט זי געשריגן — חתונה האָבן ווי עפּעס אַ גאַסן שנאָרער? אַ בזיון, דאָס נישט.

די מומע עלזע איז געווען געבונדן מיט די אַלטע טראַדיציעס. זי האָט געשטאַמט פון דער העכערער געזעלשאַפט,

געווען צוגעוווינט צום גרויסן אָנשטעל און געהאַט אַ מעגלעכ-
קייט צו ווערן אַ גרויסע דאַמע. אָבער אין שטוב איז נאָך גע-
ווען ביין טעכטער און צומאָל נישט איין יונגל. דאָך איז זי
פאַרבליבן ביי די טראַדיציעס. זי האָט בשום אופן נישט דער-
לאָזט, אָפּצוזאָגן זיך פון זייערע אַלטע מנהגים אפילו דאַן, ווען
זיי זענען אַראָפּגעפאַלן ביז צו געוויינלעכע אַרבעטער. דער
בלויזער געדאַנק, אַז אָנע וועט זיך באַין ברירה וועלן אָפּ-
זאָגן פון אַ חתונה צערמאָניע, האָט ביי איר צוגרויבט דעם
שלאָף ביינאַכט.

אומזיסט האָט יורגיס און אָנע איר געגעבן צו פאַר-
שטיין, אַז זיי האָבן דאָ ווינציק פריינט און די וואָס זיי וועלן
שוין יאָ בעטן, וועלן זיי נאָך שפּעטער באַרעדן. די מומע עלזע
איז נישט געווען ביי דער מיינונג, מ'זאָל אָפּקומען מיט וואָס
ס'איז. זי האָט געהאַלטן, אַז פון אָפּגעשפּאָרטן געלט האָט מען
סיי ווי קיינמאָל נישט קיין נוצן. כדי אויסצופירן ס'איריקע
האָט זי זיך גענומען צו הילף דעם זיידן אַנטאַנאַס. אַ באַהאַלטע-
נער פחד האָט געפּייניקט ביידעס נשמות, זיי האָבן געזען, אַז
די קינדער וועלן אין בייען לאַנד סוף כּל סוף זיך אָפּקערן פון
די אַלטע מנהגים. באַלד דעם ערשטן זונטאָג זענען זיי אוועק
אין קלויסטער אריין צו די תּפילות. נישט געקוקט אויף דעם
וואָס ביי דער מומע איז דער קאַפּיטאַל שטאַרק איינגעמאָגערט
געוואָרן, האָט זי נאָך אוועקגעריסן פון דאָרט אַ האַלבן דאָלאַר,
געקויפט אַ בית-לחם פיגורל און עטלעכע גיפּסענע הייליקע.
זייענדיק פון די גאָר פרומע האָט זי געהאַלטן, אַז אויף אַזוינע
זאַכן קאַרגט מען נישט קיין געלט, דאָס ברענגט ברכה און מזל
און באַשיינט יעדער שטוב.

זיי זענען געווען זיכער, אַז דאָס געלט, וואָס עס וועט
זיי קאָסטן דאָס חתונה-מאָלצייט וועלן זיי צוריק אָפּנעמען. זיי
האָבן זיך נאָר געניייטיקט אין קאַפּיטאַל. נאָך נישט אַזוי לאַנג
האָבן זיי געוואוינט אין דער געגנט, אַז זיי זאָלן שוין קאָנען
געניסן פון קרעדיט. קוים וואָס זיי האָבן געהאַט די דרייסטקייט
עפּעס צו באָרגן ביי שעדווילאַסין. יעדן אָוונט האָט יורגיס און

אָנע אויסגערעכנט די אויסגאַבן אויף אַזאַ מאַלצייט און צו זיי האָבן שוין אַ מעגלעכקייט צו דעם. ווינציקער ווי פאַר צוויי הונדערט דאָלאַר האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ לייטישע חתונה. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן שוין געקאָנט גאַנץ זיכער אריינרעכענען דאָס פאַרדינסט פון יאַנואַר און מאַרץ, האָט נאָך סיי ווי באַדאַרפט דויערן פינף חדשים, ביז זיי וואָלטן אָנגעקליבן דאָס נייטיקע געלט.

אָנע האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זוכן אַרבעט. זי האָט געמיינט, אַז טאָמער וועלן זיי אויף אַזאַ אופן קאָנען חתונה האָבן מיט אַ צוויי חדשים פריער. ביסלעכווייז האָט זי זיך צוגעוווינט צו דעם געדאַנק, אָבער פּלוצלינג איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צערונען זייערע אַלע האָפענונגען.

אין אַ הייזל, עטוואָס ווייטער פון זיי, האָט געוואוינט אַ פאַמיליע פון ליטע. דאָרט איז געווען אַן אַלטע אַלמנה מיט אַ דערוואַקסענעם זון. זי האָט געהייסן מאַיאַושקין. ביידע פאַמיליעס האָבן זיך באַלד נאָענט באַפריינדעט. איינמאָל אין אַן אָוונט איז די באָבע מיט איר זון געקומען צו יורגיסן צו גאַסט. די באָבע האָט דערציילט מעשיות פון וואָס דאָס בלוט אין די אָדערן איז געוואָרן פאַרגליווערט. זי איז אַלט געווען אַכציק יאָר, געווען קליין און פאַרינצלט. בעת זי האָט דערציילט די געשיכטע מיט איר מויל אָן ציין, האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אַלטע מכשפה. די באָבע האָט לאַנגע יאָרן געלעבט אין דחקות, געווען איינגעלעבט מיט דער אָרעמקייט, אַז ס׳האָט איר שוין לגמרי נישט געאַרט. זי האָט גערעדט וועגן הונגער, קראַנקהייט און שטאַרבן, ווי אַנדערע רעדן וועגן יום-טובים און שמחות.

פאַמעלעך האָט זי אָנטפּלעקט פאַר זיי אירע ליידן. צו ערשט האָט זי זיי דערציילט פון איר הייזל, וואָס זי האָט געקויפט פאַר ביי און ס׳איז גאָר אַלט, עס שטייט שוין אומגעפער פופצן יאָר. ס׳איז נאָר געווען ניי געפאַרבט, אָבער אויך מיט אַזאַ געמיינע פאַרב, אַז מ׳האָט עס געמוזט פון צייט צו צייט אויפפרישן.

דאָס הייזל האט אויפגעגעבן אַ געזעלשאַפט, וואס פאַרנעמט זיך מיט באַשווינדלען די אָרעמע פאַר דעם הייזל האט זי באַצאָלט פופצן הונדערט דאָלאַר און דער געזעל־שאַפט קאָסט עס קוים פינף הונדערט. יאָ, די באָבע האָט עס גוט געוואוסט. איר זון געהערט צו אַ פּאָ־ליטישער פאַרטיי, צוזאַמען מיט אַן אַרבעטער, וואָס אַרבעט אין אַזאַ געזעלשאַפט. זיי קויפן דאָס ביליקסטע, דאָס געמיינסטע, בויען אַזוינע הייזער גאַנצע טוצן, זאָרגנדיק נאָר פאַרן אויסער־לעכן אויסזען. די באָבע האָט פאַרזיכערט יורגיסן, אַז זיי וועלן נאָך האָבן געגנוג עגמת נפש פון זייער הייזל, זי ווייסט עס פון איר אייגענער ערפאַרונג. זי מיטן זון האָבן געקויפט דאָס הייזל אויף די זעלבע באַדינגונגען, אָבער זיי האָבן „אָפּגעפריי־ערט די געזעלשאַפט”, איר זון איז אַ באַוואוסטזיניקער אַרבע־טער, פאַרדינט הונדערט דאָלאַר אַ חודש. ער איז געווען גענוג קלוג און נישט חתונה געהאַט, הערפאַר האָבן זיי געהאַט די מעגלעכקייט עס צו באַצאָלן.

די באָבע מאַיאַושקין האָט באַמערקט, אַז די לעצטע ווער־טער האָבן געמאַכט אויף איריע פריינט אַ שלעכטן איינדרוק. זיי האָבן נישט געקאַנט פאַרשטיין, וואָס הייסט דאָס אַזוינס „אָפּפרייערן די געזעלשאַפט”. און די באָבע האָט זיי קלאָר געמאַכט אין דער זאַך.

די הייזער ווערן פאַרקויפט צו ביליקע פרייזן, אָבער די געזעלשאַפט רעכנט באַלד אויס, אַז די אָרעמע קויפער וועלן נישט קאָנען צאָלן די פאַרפליכטנדע ראַטעס. וויבאַלד זיי האָבן נאָר אויסגעמיטן איין ראַטע, האָט מען ביי זיי צוגענומען דאָס הויז און דאָס, וואָס זיי האבן שוין געהאַט איינגעצאָלט. דאָס הויז ווערט באַלד פאַרקויפט צו אַ צווייטן. די באָבע האט אויפ־געהויבן איריע הענט צום הימל: — זיי זענען גנבים, רוצחים, וויפל האבן זיי שוין אַזוי געטאָן! אין דעם הויז האבן שוין געוואוינט פיר פאַמיליעס, זיי האבן נישט געקאַנט צאָלן די ראַטעס און זיך געמוזט אַרויסציען.

צוערשט האבן דארט געוואוינט דייטשן. זיי האבן דעמאלט

באַוואוינט גאַנץ סטאָקיערדס. די פאַבריקאַנטן האָבן זיי אָראָפּגע-
בראַנגט פון יענער זייט אָקעאַן, זיי זענען געווען גוטע אַרבעטער.
דערנאָך, אַז דער אַרבעטס-לוין איז געפאַלן, האָבן די דייטשן
אויסגעוואַנדערט און זייער אָרט האָבן פאַרנומען אירלענדער.
זעקס אָדער זיבן יאָר איז סטאָקיערדס געווען ריין אירלענדיש.
נאָך היינט זענען דאָרט פאַראַן עטלעכע דייטשע קאָלאָניעס,
אָבער די מערסטעטייל האָבן אויסגעוואַנדערט נאָכן גרויסן
שטרייק. נאָך זיי זענען אָנגעקומען בעמער און נאָך די בעמער
פוילישע. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט
פון דער עמיגראַציע פאַלט אויפן אַלטן דורהאַם, ער האָט צוגע-
שוואוירן אָנצושטאָפּן סטאָקיערדס מיט אַזוי פול מענטשן, אַז די
אַרבעטער זאָלן שוין לגמרי נישט טראַכטן וועגן שטרייקן.

ער האָט צעשיקט אַגענטן איבער אַלע שטעט פון אייראָ-
פּע. די אַגענטן האָבן דערציילט וועגן די גרויסע לוינען און
גוטער באַהאַנדלונג אין טשיקאַגאָר שעכטהויז. די אַרבעטער
זענען געקומען מחנות־ווייז. דער אַלטער דורהאַם האָט זיי אַזוי
אויסגענוצט, אַז זענען ביסלעכווייז געפאַלן פון די כּחות און
אַז זיי האָבן שוין פאַר אים נישט געטויגט, האָט ער געשיקט נאָך
אַנדערע, די פוילישע, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען אין די
טויזנטער האָבן אַרויסגעשטופּט פונדאַנען די ליטווינער און די ליט-
ווינער די סלאָוועך. וויבאַלד ס׳וואָלט געווען נאָך נידעריקער אַרבע-
טער ווי די סלאָוואַקן, וואָלט זיי אויך דער אַלטער דורהאַם אַנטדעקט
און אַריינגעצויגן צו זיך. דאָס איז אים גאַנץ לייכט אָנגעקומען.
די פאַרדינסטן זענען טאַקע געווען גרויס, אָבער דאָס לעבנס-
מיטל שרעקלעך טייער. זיי זענען געפאַנגען געוואָרן ווי מייז
אין א שטייג. און אין די דאָזיקע מייז האָט מען זיך געניי-
טיקט וואָס מער. אָבער ס׳וועט נישט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן. ס׳וועט
קומען דער טאָג פון נקמה. דאָס אַרבעטער פאָלק וועט זיך
אָרגאַניזירן און פאַרטיליקן די אונטערנעמער. די באָבע מאַיאוש-
קען איז געווען אַ סאָציאַליסטן, איין זון איז פאַרשיקט געוואָרן
אין קאַלטן סיביר, די אַלטע אַליין האָט אין די יונגע יאָרן גע-
האַלטן אַגיטאַציע רעפּעראַטן.

פאַמעלעך האָט די באָבע מאַיאַושקין זיך איבערגעוואָרפן מיטן שמועס צו דער געשיכטע וועגן הייזל. די דייטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעצויגן די ערשטע, זענען געווען גאַנץ ערלעכע מענטשן, אָבער די פאַמיליע איז געווען א צו גרויסע. דער פאָטער איז געווען א סאָלידער מענטש, געאַרבעט שווער און מיט גרויס מאַטערניש איז אים געלונגען אָפצוצאָלן מער ווי א העלפט. אָבער פלוצלינג איז געשען אַן אומגליק. א סופיט אין דורהאַמס פאַבריק איז אַראָפגעפאַלן און אים געטייט אויפן אָרט. די יתומים האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה און דאס הייזל האט צוגענומען א אירלענדישע פאמיליע.

דער פאָטער פון דער פאמיליע איז געווען אַ שכור. געשלאגן די קינדער, גאנצע נאכט האבן זיך נאר געהערט געשרייען, ער האָט נישט געצאַלט די ראטעס צו דער צייט. אבער דאך האָט די געזעלשאפט מורא געהאט אויסצונוצן די געלעגנהייט. זיי האָבן פשוט מורא געהאַט. די פאַמיליע לאַפערט האט געהערט צו א קלוב, וואו ס׳זענען געווען אנגעשלאָסן אלע שלעגער און קעשענע גנבים פון דער געגנט. ווער ס׳האט געהערט צו דעם קלוב איז שוין קיינמאָל נישט געוואָרן באַצאלהט.

איינמאל האט מען דעם אלטן לאפערט געכאפט ביים גנבענען אַ קו. זיי האבן זי געמטיתט און פארקויפט ס׳פלייש. דערפאר האָט ער באקומען סך הכל דריי טאָג תפיסה און אז ער איז געווארן באפרייט, האט ער צומאל נישט פארלוירן זיין שטעלע אין שעכטהויז. ער האָט אנגעהויבן טרונקען, געווארן לגמרי אומפעיק צו דער אַרבעט. אַ זון האט אים אויסגעהאלטן אַ קיילעכדיק יאָר, דערנאך איז ער געווארן קראנק אויף שווינדזוכט.

דאָס הויז איז בכלל נישט מזלדיק. יעדעס מאָל איז דא עמעצער קראנק געווארן אויף שווינדזוכט. פארוואס? אויף דעם האט קיינער נישט געקאָנט געבן אן ענטפער. טייל האבן געזאגט, אז דאס איז דערפאר, ווייל מ׳האט אָנגעהויבן בויען ס׳הויז מולד-צייט, אזוינע אומגליקלעכע הייזער זענען פאראן אין סטאָקיערדס א סך. טייל האבן נאר מורא

געהאט פאר איין צימער, ווער ס'איז געשלאפן אין דעם צימער, דער האָט זיך שוין געקאָנט האלטן פאר אן אָפּגעשטאָרבענעם. צו ערשט איז געשטארבן אַ אירלענדער, דערנאך איז ביי א בעמי־שע פאמיליע אוועקגעשטארבן אַ קינד. מ'קאָן נישט וויסן גענוי ווער ס'איז שולדיק, צי די וואוינונגען, צי עפּעס אנדערש. די קינדער, וואס האבן געארבעט אין די שעפּטהייזער האבן געקאנט שטארבן פון פארשידענע אנדערע קראנקהייטן... צו יענער צייט האט נאך נישט עקזעסטירט דאס קינדער געזעץ. וואס זאל פארווערן צו ארבעטן קינדער יונגער פון זעכצן יאר — צוואס דארף מען אזא געזעץ־האבן זיי געפרעגט. זיי האבן שוין געהאט בדעה צו שיקן דעם קליינעם סטאניסלאָוואַס צו דער ארבעט און די אלטע האָט זיי בארויקט, ס'איז נאך דא אַ מיטל, מ'קאן פעלשן די יארן.

דאס געזעץ איז נישט געוועזן מער ווי אַ טויט פּאפיר. גאנצע פאמיליעס האבן זיך געמוזט ערנערן פון די קינדערס פארדינסטן. די מענער זענען באזייטיקט געוואָרן פון דער ארבעט און זייערע אַרבעטן האבן אויסגעפירט די קינדער. מיט יעדן טאָג זענען צוגעקומען מער מאָדערנע מאשינען, ביי וועלכע ס'האבן געקאנט ארבעטן קינדער פאר א דריטל פון לוין.

די אלטע מאַיאַושקין האט ווייטער געצויגן די געשיכטע פון זייער הויז. ביי דער פאמיליע, וואס האט דארט געוואוינט לעצטנס איז אָ־געשטאָרבן ס'ווייב. דאס איז געשעען שוין נאך פיר יאר וואוינען אין דעם הויז. זי האט יעדעס יאָר געבוירן אַ צווילינג. נאָך איר טויט האט דער מאן געמוזט גיין צו דער ארבעט און די קינדער זענען געבליבן אָן שום אויפזוכט.

און איינמאָל האט ער גאנצע דריי טעג זיך נישט אומ־געקערט פון דער ארבעט. אויפן פערטן טאג האט מען זיך ערשט דערוואוסט, אז ער איז געשטארבן. א ווילדער אקס האט זיך אויף אים געווארפן און געטייט אויפן אָרט. די יתומים האט מען באזייטיקט פון דער דירה און נאך אין דערזעלבער וואך האט די געזעלשאפט פארקויפט דאס הויז צו אנדערע.

יאָ, אַזוי האָט די אַלטע מאַיאָושקין אַנטפּלעקט פאַר זיי מוראַדיקע געשיכטעס פון זייער הייזל, אָבער צום ערגסטן איז געווען דעמאָלט, בעת זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער קניה.

— זאָגט איר, אַז צוועלף דאָלאַר אַ חודש? איר מיינט אַוודאי אַן די ציגזן?

זיי האָבן געקוקט אויף איר שטאַר:

— וואָס פאַראַ צינזן! — האָבן זיי אַלע צוזאַמען אויסגעשריגן. מיר דאַרפן נישט צאָלן קיין שום צינזן מיר דאַרפן נאָר צאָלן צוועלף דאָלאַר אַ חודש און ערלעדיקט.

די אַלטע האָט זיך צעלאַכט.

— איר זענט פונקט ווי אַלע אַנדערע. איר ווערט באַשווינדלט פון די רייכע, לעבעדיקערהייט געפּייניקט. טראַכט איר, אַז זיי וואָלטן אייך פאַרקויפט אַ הויז אָן צינזן. ווייזט מיר נאָר אייער קאָנטראַקט!

די מומע עלזע איז מיט אַ ציטערדיק האַרץ צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אַרויסגענומען פון דאָרט דאָס באַפּיר, וואָס האָט זיי שוין פאַרשאַפט אַזוי פיל צער. אַלע זענען זיי געזעסן אומבאַוועגלעך, בעת די אַלטע, וועלכע האָט געקאָנט ענגליש, האָט געלייענט דאָס פּאַפּיר אין איין אָטעם.

— יאָ — האָט זי אויסגערופן — דאָ שטייט אַזוי בפירוש, זיבן פּראָצענט צינזן אַ יאָר.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט יורגיס געפרעגט, שטיל שעפּטשנדיק.

— דאָס הייסט — האָט די אַלטע מאַיאָושקין געענטפערט — אַז אין קומענדיקן חודש דאַרפט איר אַ חוץ די צוועלף דאָלאַר געבן נאָך אַכט דאָלאַר מיט פערציק סענט.

ווידער אַ טויטע שטילייקט. ס'האָט זיך געדוכטן, ווי אַ מוראַדיק געשפּענסט וואָלט זיך געשטעלט לעבן זיי. זיי האָבן געפילט, ווי זיי זינקען וואָס אַמאָל טיפער און טיפער אין אַן אומענדלעכן אָפּגרונט. אין איין אויגנבליק האָבן זיי פאַר-

שטאַנען, אַז זיי וועלן פֿאַרפֿאָלגט פֿון גורל, אַז דאָס אומגליק רוט אויף זייערע קעפּ. די גאַנצע האָפֿענונג זייערע איז זיך צעפֿאַלן ווי אַ קאָרטן־הייזל. די אַלטע האָט גערעדט ווייטער און ווייטער. אָ, ווי באַגעריק זיי זענען געווען, אַז זי זאָל שוין אויפֿהערן! איר קול איז ענדלעך געווען צום געשריי פֿון אַ ראָב.

יורגיס איז געזעסן מיט צונויפֿגעבײַלטע פֿויסטן. טראָפּנס שווייס האָבן זיך אים געשטעלט אויפֿן שטערן, אָנען האָט עפּעס געדריקט אין האַלז, אַז זי איז שיִער דערשטיקט געוואָרן. די מומע עלזע האָט שטיל געזיפֿצט: ווי צו אונז, ווי צו אונז. די באָבע מאַיאַושקין איז געזעסן צווישן זיי ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט. יאָ, זיי האָבן באַדאַרפֿט דאָס אַלץ פֿריִער וויסן. מ׳האָט זיך באַמיט, אַז זיי זאָלן עס נישט באַמערקן. אָבער דאָס איז דאָך בפֿירוש געשריבן אין אָפּמאַך, זיי האָבן באַדאַרפֿט זײַן פֿאָרזיכטיק.

ענדלעך האָבן זיך די געסט געזעגנט און אוועקגעגאַנגען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געוויינט. די קינדער האָבן זיך איבערגעוועקט, זיי האָבן געזען, אַז ס׳איז פֿאָרגעקומען עפּעס אומגעווײנלעכס און זיי האָבן אויך אָנגעהויבן וויינען.

צומאָרגנס גאַנץ באַגינען האָבן זיי אַלע געמוזט גיין צו דער אַרבעט. די פֿאַבריק איז נישט מחויב געווען אָפּצושטעלן זיך צוליב זייערע לײַדן. זיבן אַ זייגער אינדערפֿרי איז שוין אָנען מיט דער שטיפֿמאַמע געשטאַנען בײַם אַגענטס טיר.

ער האָט באַשטעטיקט אַלע ווערטער, וואָס ס׳האָט געזאָגט די באָבע מאַיאַושקין. ער האָט זיי נאָכאַמאָל פֿאַרזיכערט, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדנונג, צינזן וועלן זיי טאַקע מוזן צאָלן. די מומע עלזע האָט זיך ביטער צעוויינט, געמאַכט אים פֿאָרוואורפֿן. פֿאַרן פֿענצטער אויף דער גאַס, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט מענטשן. דער אַגענט איז געווען העפֿלעך ווי תּמיד. ער האָט זיי נישט געזאָגט וועגן די פּראָצענטער, ווײַל ער איז געווען נאָך זיכער, אַז זיי ווייסן עס אַליין, אַז מ׳דאַרף צאָלן צינזן.

מיט צעבראָכענע הערצער האָבן זיי זיך אומגעקערט

אַ היים, מיטאג צייט איז אָנע אַוועק אין שעכטהויז דערציילן פאַר יורגיסן, וואס דער אַגענט האָט געזאָגט. יורגיס האט אויסגעהערט אירע אַלע ווערטער. ער האט געזעען, אז דער שיקזאַל האט זיך פאַרמאָסטן אויף זיי און מ׳מוז אַלץ רויק אויפנעמען: — יאָ, כ׳וועל מוזן שווערער אַרבעטן — דאס איז געווען זיין שטענדיקער ענטפער, און אויך יעצט האט ער דאס זעלבע איבערגעחזרט.

יעצט איז שוין נייטיק געווען, אז אויך אָנע זאָל זוכן עפּעס אַן אַרבעט. די מומע עלזע האט באַשלאָסן אז איר קליינער סטאַניסלאָוואס זאָל גיין ארבעטן. ס׳איז נישט געווען פּאַסיק, אז די גאנצע לאַסט זאָל פאַלן אויף יורגיס פּלייצע. אָנע מוז אויך טון, וואס ס׳איז נאָר מעגלעך. אמת טאַקע, אז יורגיס האט מיט אַ צייט צוריק לגמרי נישט געוואָלט טראכטן וועגן דעם, אָבער יעצט האט ער צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און פאַמעלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: — נו, יאָ, ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, יעדער מוז זיך מקריב זיין.

ביינאכט האט זיך מאַריע אומגעקערט אַ היים. זי האט דערציילט וועגן אַ מיידל, וואס איז גרייט צו שאַפן אַ שטעלע פאר אָנען. ס׳איז אָבער נייטיק געווען איר עפּעס צו שענקען. ווער ס׳האט געוואָלט אַ שטעלע האט געמוזט קומען צו איר מיט צען דאָלאר אין דער האנט. יורגיס האט שוין געקוקט אויף דעם אַלעם מיט גלייכגילטיקקייט. ער האט נאָר געפרעגט, וויפל זי וועט פאַרדינען. אָנע האט אויפגעזוכט יענץ מיידל און אָנגעהויבן מיט איר אונטערהאַנדלונגען. זי האט געקאָנט אָננעמען אַ שטעלע צו נייען די בלאָזן צו די בריסטלעך. פאר דעם האט זי געקאָנט באַקומען פון אַכט ביז צען דאָלאר אַ וואָך.

די גאַנצע פאַמילע האט זיך פארזאַמלט אויף אַ באַראטונג. ס׳איז זיי נאָר געגאַנגען אין דעם, וואָס אָנע האט באַדאַרפט אַרבעטן אין אַ קעלער, און דאס איז יורגיסן נישט זייער געפעלן. די ארבעט איז אָבער געווען אַ לייכטע, וועגן בעסערע איז דערווייל קיין רייד נישט געווען. און אָנע איז מיט צען

דאָלאַר, וואָס האָבן איר שטאַרק געבריט אין דער האַנט, צום צווייטן מאָל אַוועק צו די אויפזעערין.

די מומע עלזע איז אַוועק מיט סטאַניסלאָוואַסין צו אַ גייסטלעכן. זי האָט אַרויסבאַקומען פון אים אַ באַשטעטיקונג, אַז ער איז עלטער מיט צוויי יאָר. מיט דער דאָזיקער באַשטעטיקונג האָט דער קליינער סטאַניסלאָוואַס שוין געקאָנט זיך אַוועקלאָזן אין דער ברייטער וועלט זוכן גליק. אַ צופאַל האט גורם געווען אַז אין דערזעלבער צייט האט דורהאַם אַריינגעשטעלט אַ נייע מאַשין און, אַז דער פּאָליציאַנט, וואָס האט זיך פאַרנומען מיטן מעקלען אַרבעטער פאר דורהאַם האט דערזען סטאַניסלאָוואַסין און זיין באַשטעטיקונג, האט ער זיך האַרציק צעלאַכט און אים תיכף אָפּגעשיקט אין דער פאַבריק.

סטאַניסלאָוואַס איז געגאַנגען אין א לאַנגען קארידאר, אויסגעמיטן טרעפ, ביז ער איז ענדלעך אנגעקומען אין אַ גרויסער האלע. וואס איז געווען באלויכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן. דארט איז געשטאנען די נייע מאשין, וואס האט אָנגעפילט דאס שמאלץ און די פידעלעך. דאס שמאלץ גופא איז אויסגעארבעט געווארן מיט א שטאק העכער און דורך דינע רערלעך געפלאסן אונטן, גלייך אין די פידעלעך. די רערלעך זענען געווען פון פארשידנארטיקן דיק. אז ס׳פידעלע איז אנגעפילט געווארן מיט דער נייטיקער צאל שמאלץ, האט זיך עס אויטאמאטיש פארמאכט. די הערלעכע מאשין האט זיך באוועגט כסדר, ביז אלע פידעלעך זענען געווארן פול. צוויי מענטשן זענען גענוג געווען אויף צו באדינען די מאשין, אנצופילן עטלעכע הונדערט פידעלעך אין משך פון איין שעה. איינער האט באדארפט דאס ליידיקע פידעלע אונטערשטעלן אויפן ריכטיקן ארט אונטערן רערל, און דער צווייטער, אוועקנעמען דאס פידעלע און אוועקשטעלן אויף דער פאדלאגע.

סטאַניסלאָוואַס איז געשטאנען עטלעכע מינוט צצטומלט און נישט געוואוסט, וואס צו טון. באלד האט זיך דערנעענטערט אים א פארשוין און געפרעגט, וואס ער פארלאנגט:

— ארבעט — האט סטאַניסלאָוואַס אפגעענטפערט.

— ווי אלט ביסטו?
— זעכצן.

איין אדער צוויי מאל אין יאר איז געקומען דער רעגירונגס אינספעקטאר און אויסגעפרעגט די קינדער זייער עלטער. די אונטערנעמער האבן זיך באמיט ווי ווייט מעגלעך זיך צו צופאסן צו די געזעצן. אן אויפזעער האט צוגענומען ביי סטאַניסלאָוואַסין די באשטעטיקונג און אים אפגעשיקט אין ביורא. דערנאך האט ער אים געוויזן, ווי אזוי צו צונעמען דאס פידעלע און וואו עס אוועקשטעלן. אויף דעם אופן האט דער קליינער סטאַניסלאָוואַס באקומען אן ארט אויף דער וועלט, זיין גורל איז שוין געווען באשטימט ביז צום שטארבן. א שעה נאך א שעה, א טאג נאך א טאג, א יאר נאך א יאר האט ער באדאפט פון זיבן אינדערפרי ביז צוועלף מיטאג און פון האלב איינס ביז זעקס פארנאכט שטיין אויפן זעלבן ארט און אויספירן די זעלבע באוועגונגען.

זומער וועט דאס צעווארעמטע שמאלץ דרייען זיינע נאז לעכער. ווינטער וועלן אים די פידעלעך צוגעפרוירן ווערן צו די פינגער. א האלב יאר וועט ער ביינאכט גיין צו דער ארבעט און ביינאכט זיך אומקערן א היים. ער וועט לגמרי פארגעסן, ווי אזוי די זון זעעט אויס אין א וואכן טאג. פאדער דאזיקער ארבעט וועט ער יעדער וואך ברענגען דריי דאָלאר. פאר אזא לוין ארבעטן אין די פראייניגטע שטאטן איין מיט דריי פערטל מיליאן קינער.

יורגיס און אָנע זענען נאך געווען יונג. זייער האפענונג איז נאך אינגאנצן נישט געווארן פארלאשן. זיי זענען געזעסן און גערעכנט ווייטער. פון סטאַניסלאָוואַס פארדינסט האט געקלעקט אויף די צינזן און ס'איז נאך עפעס פארבליבן. יא, ס'איז נישט געווען ערגער ווי פריער. דערצו איז דאס יונגעל געווען צופרידן פון דער ארבעט. אים האט געפרייט דער געדאנק, אז ער וועט פארדינען א סך געלט און א חוץ דעם איז ער צופרידן געווען פון אָנען מיט יורגיסן, דאס פארליבטע פארל.

זיבעטער קאַפּיטל

דער זומער איז זיי אַדורך אין שווערע אַרבעט, אָבער אויפן הערבסט האָבן זיי שוין געהאט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל געלט, אז ס׳האט שוין געקלעקט אויף איינצואָרדענען פאר יורגיסן און אָנע די חתונה, מיט אַלע צערמאָניעס לויט די אַלטע מנהגים. ענדע דעצעמבער האָבן זיי געדונגען אַ גרויסע זייל, פארבעטן אלע באַקאנטע, זיי זענען געקומען אלע, פארברענגט, געוויילט זיך און באַשווערט די פאמיליע מיט אַ חוב פון הונדערט דאָלאר.

דאס איז געווען אַ ביטערע האַרצרייסנדיקע אנטוישונג. די פאמיליע איז אַריינגעפאלן אין גרויס פארצווייפלונג. דאס איז געשעען דעמאָלט, ווען די הערצער ביים יונגען פּאָרל האָבן זיך געריסן צום ליבן, צום לעבן. זייער צוזאמענלעבן האט זיך אָנגעהויבן נישט מזלדיק. יורגיס און אָנע האבן זיך שטארק ליב געהאט, אָבער זיי זענען געווען אַזוי פארהאָרעוועט, אז זיי האָבן נישט געהאט אַ מינוט פרייע צייט פאר זיך. ס׳האט זיך זיי געדוכטן, אז די גאנצע וועלט שרייט צו זיי: ליבט אייך! ליבט אייך! און אייביקע וואונד האט געגנאָגט גייערע הערצער. אַ ווייטיק האט זיך מיטגעריסן ביי יעדן זיפץ. אָ, ווי גליקלעך זיי זענען געווען, אז זיי האָבן שוין ענדלעך דערגרייכט זייער ציל. איז דען אַ וואונדער, אז זיי האבן געגאַרט נאך איין פרייער מינוט פאר זייער ליבע. זי האט זיך אנטוויקלט, ווי די בלום אין פרילינג. און

פלוצלינג האט צוגערוקט דער ווינטער און אָפּגעפרוירן אַלץ. זיי האבן געפרעגט זיך אַליין, צי איז די וועלט שוין געווען ווען אזוי אומרחמנותדיק צו אַן אויפבליענדע ליבע, ווי אַט יעצט צו זיי?

באַלד צומאָרגנס נאָך דער חתונה, האט זיי דער נויט גלייך מיט די ערשטע טאָג שטראַלן פאַרטריבן צו דער ארבעט. אַנע האט זיך קוים געהאלטן אויף די פיס, אבער זי האט מורא געהאט נישט צו פארלירן איר שטעלע, דעמאָלט וואָלטן אַלע שוין געווען פארלוירן. און זי וואָלט זיכער פארלוירן איר שטעלע, ווייבאַלד זי וואָלט זיך אין היינטיקן טאג נישט געשטעלט צו דער ארבעט. אַלע האבן געמוזט גיין צו דער ארבעט. אפילו דער קליינער סטאַניסלאָוואַס, וואס איז קראַנק געווארן פון עסן צופיל פלייש אויפן נעכטיקן מאָלצייט, האט זיך אויך גאנץ באגינען געמוזט שטעלן צו דער ארבעט. א גאנצן טאג איז ער געשטאנען א צעטומלטער ביי דער מאשין, געוואשן די קלעבעדיקע, פארשלאָפענע אויגן מיט קאלט וואסער. ס'האט אבער ווייניק וואס געהאָלפן. דער שלאָף איז געווען שטארקער און דער אויפזעער האט אים צוויי מאָל געמוזט וועקן.

זיי האבן זיך גענייטיקט אין א וואך צייט, כדי זיך אומצוקערן צום נארמאלן צושטאנד. דאס הייזל האט זיי אויך נישט געגעבן קיין איין מינוט רו. יורגיסן האט שרעקלעך געפייניקט דאס געוויסן אקעגן אָנען. זי איז געווען א שוואכינקע, נישט פעיק צו אזא שווער לעבן. יורגיס האט דאס אַלץ אדורכגעטראכט, מאָדנע געדאנקען האבן געעגבערט זיין מוח. אז ער איז פארמאטערט געווארן פון צופיל טראכטן, איז ער אוועק אין שעכהויז, כדי מיט די שווערע ארבעט צו פארטרייבן אַלע מחשבות. איר איבערגעגעבנקייט צו אים האט איבערגעשטיגן אַלע גרענעצן. דער בלויזער געדאנק, אז זי געהערט שוין יעצט אים, האט אויף אים אנגעווארפן א פחד. אָ ער האט דאך אויף איר אזוי לאנג געווארט און יעצט, אז זי האט שוין געהערט צו אים, האט זיך אים געדוכטן, אז ער בא-

עולהט איר. ניין ער האט זיך נישט פארדינט אויף אזא איבער־געגעבנקייט פון איר. ער האט געוואלט זיין פאר איר ווי צום בעסטן, באמיט זיך צו זיין נאָכגיביק ביי אלע קליייניקקייטן.

ער האט אויפגעהערט שעלטן ווי אמאל, ווען זיי זענען נאָר נישט נאכגעקומען זיינס אַ פארלאנג. באלד זענען זיינע אויגן פייכט געווארן פון טרערן, זי האט געקוקט אויף אים מיט איר תחנינההדיקן בליק. אַ שטענדיקע זארג האט גענאגט זיין נשמה. ער האט געמוזט טראכטן פאר זיין ווייב, קעמפן פאר איר צווישן די אלע געפארן, וואס זיי האט באדראָט. אָנע האט געהערט אים אליין, יעדער פאלשער טריט האט איר געקאנט חלילה אומברענגען. ער האט געמוזט דאס דאזיקע שוואכע באשעפעניש באשיצן מיט זיינע שטארקע הענט, פארהיטן איר פון דער וועלט. יעצט האט ער שוין דערקענט דעם תמצית פון דער וועלט. ער האט געזעען, אז די וועלט איז אַמלחמה פון אלע אקעגן אַלע. דער שוואכער פאַלט. נישטא אויף דער וועלט קיין רחמנות און איבערגעגעבנקייט. דער רייכער נוצט אויס דעם ארעמען צו זיינע צוועקן מאכט פון אים א מאַשין. די סוחרים שטעלן אויס זייערע שויבן־פענצטער מיט אפגענארטע סחורות, כדי אונז צו פארחשקן. די הייזער זענען פארקלעבט מיט ליגנערישע רעקלאמעס, די גרויסע פאבריקן, וואו דו ארבעטער ארבעסט, נענארט דיך און די גאנצע וועלט. קוק אויף דעם אלעם ארום דיר: דאס איז אלץ איין גרויסער ליגנט.

יורגיס האט ענדלעך אנגעהויבן פארשטיין דאס אלץ. ער האס געזעען, אז אין דער העסלעכער מלחמה, וויל יעדע־רער אים פארטיליקן ער האט זיך צוגעשוואוירן צו באשיצן אָנען פון אלע געפארן. אבער מיט אַ וואָך שפעטער איז שוין אנגעקומען אויף זיי אן אומגליק. אין אַ דערצמבער טאָג האט אָנגעהויבן גיסן אַ שטאַרקער רעגן. אָנע האט נישט געהאט קיין קאלאָשן און נישט קיין רעגגמאנטל. ס'איז געווען

אוממעגלעך צו גיין צו פוס. יורגיס האט איר צוגעפירט צו אַ טראַמוויי.

די טראמוויי געזעלשאַפט האט נאר געוואוסט אַרויסצו־דרייסן וואס מער געלט פון דער באפעלקערונג. אז די פאסאזשירן האבן פארלאנגט דעם בילעט פארן איינ־צאלן האבן זיי זיך געכעסט. זייער פאראדדענונג איז געווען צו ערשט צו צאלן און דערנאך ארויסצוגעבן דעם בילעט. שפעטער האבן זיי ארויסגעגעבן נאך אַ שטרענגענע פארארדע־נונג. דעם קאנדוקטאר איז געווען פארבאטן אליין ארויס־צוגעבן דעם בילעט, ינאר דער פאסאזשיר האט באדארפט פריער איינצאלן און דערנאך אליין פאדערן אַ בילעט. אָנע האט שוין געהאט עפעס געהערט וועגן דעם, אז מ׳באדארף פאדערן א בילעט. איבער זיי איז געווען אומבאהאלפן, געקוקט תמעוואטע אין געווארט, אז דער קאנדוקטאר זאל איר אליין געבן א בילעט. ערשט פארן אויסשטייגן האט זי פארלאנגט דעם בילעט. זעלבסטפארשטענעלעך, אז דער קאנדוקטאר האט איר אפגעזאגט אַ ווילע איז זי שטיין געבליבן און נישט געוואוסט וואס צו טון. זי האט אנגעהויבן צו אים רעדן אויף ליטוויש, אבער ער האט נישט פארשטאנען איין ווארט, נאר באפוילן איר אויסצושטייגן, בינו לבינו האט מען אנגעהויבן פארן. אָנע האט זיך צעוויינט. ביי דער צווייטער סטאציע איז זי אויסגעשטיגן, אבער זי האט נישט געהאט מער געלט צו פאָרן צוריק. אַ גאנצן וועג ביז צום שעכטהויז האט זי געמוזט גיין צופוס, זי איז דורכגענעצט געוואָרן ביזן העמד. אַ גאנצן טאָג האט זי פארברענגט נאסערהייט אין דעם פייכטן, קאלטן קעלער, אַ קאלטער שוידער האט דורכגענומען איר לייב. ביינאכט האט זי זיך אומגעקערט אַ היים מיט א ווייטיק און רוקן.

צוויי וואכן האט זי אַ קראַנקע און צעבראָכענע יעדן באַ־גינען פארלאזט דאס בעט און געגאנגען צו דער אַרבעט, די אויפזעערן איז געווען צו איר אומגעווייגלעך שטרענג. זי האט געטראַכט, אז אָנע סימולירט אומישנע אַ קרענק, ווייל זי האט נישט באקומען אורלויב צומארגנס, דעם טאג נאָך איר

חתונה. אָנען האט זיך געדוכטן, אז איר רשעות צו די ארבעטער מיידלעך האט זיך גענומען פון דעם, ווייל זי האט נישט געקאנט פארטראגן דאס, וואס זיי קריגן יאָ חתנים, האבן חתונה, בעת זי אליין איז נאך געווען אַ מיאוסע אלטע מויד.

אבער ס׳זענען נאך געשען אנדערע פארפאלן, וואס האבן פארשאפט דער פאמיליע גרויסע ליידן. די קינדער האבן נישט געוואוסט, אַז אין זייער הויז איז נישטא קיין קאנאליזאציע, אַז דער מיסט-גרוב איז שוין פיפצן יאר נישט געריייניקט. פונוואנען האבן זיי געקאנט וויסן. אז די בלאָלעכע מילך, וואס זיי האבן געקויפט אין רוג גאס, איז געמישט געווען מיט וואסער און סאָדע, מיט פארשידענע אנדערע געמישטע פראַש-קעס. אז די קינדער פלעגן קראנק ווערן אין ליטאָ, האט די מומע עלזע אליין צונויפגעמישט פארשידענע קרייטעכצער און זיי געהיילט. דאָ האבן זיי געמוזט אָנקומען אין דער אפטייק צו קויפן די אלע זאפטן, אבער צו איז זיי כאָטש איינמאָל געקומען אויפן געדאנק, אז דאס אלץ איז געפעלשט. פון וואנען האָבן זיי געקאנט וויסן, אַז די טיי, קאַווע צוקער און מעל, אז דאָס אלץ איז געמישט מיט פארשידענע אנדערע קרייטעכ-צער. אַפילו די ארבעס זענען געווען געמישט מיט זאלץ און די מאַרמאלאד מיט אַנילין. און ווען זיי וואלטן אפילו יאָ געוואוסט, וואלטן זיי סיי ווי בעסערע סחורה אין ערגעץ נישט געפונען.

ס׳האט אָנגערוקט אַ שווערער ווינטער. זיי האבן געמוזט קויפן ווארעמע מלבושים און בעטצייג, אָבער פאר וייערע אפ-געשפאָרטע גראָשנס האט מען ייי ארייגעלייגט די געמיינסטע זאכן. קיין בעסערע סחורות האָט מען דאָ נישט באקומען אַפילו פאר געלט. יאָ, זיי זענען געוואָרן באשווינדלט אויף יעדן טריט און שריט.

שעדווילאָס אַ פריינט, אַ יונגער פאַרשוין, וואס איז נאָר וואס געקומען קיין אַמעריקע, האָט פאר זיי געשילדערט, ווי אזוי מ׳באשווינדלט אין אמעריקע די צוגערייזטע. אַן אויסלענ-דער איז געקומען אין אַ יווילער-געשעפט קויפן אַ וועקזייגער.

דער קרעמער האט אים געוויזן צוויי זייגערס, ביידע פון דערזעלבער ווערט. פאַרן ערשטן האט ער פארלאנגט צ דאָלאר און פארן אנדערן א דאָלאר פופציק, ווען דער קויפער האט געפרעגט, וואס פאר אַן אונטערשיד ס׳איז פון ערשטן ביזן אנדערן, דעמאָלט האט דער סוחר אָנגעצויגן איין זייגער אויף דער גאנצער ספרענזינבע און דעם אנדערן נאָר אויף א העלפט און זיי אוועקגעשטעלט אויף פראבע. פארשטייט זיך, אז דער, וואס איז געווען אנגעצויגן אינגאנצן, פאר אַ דאָלאר פופציק איז בעגאנגען לענגער, ווי דער אנדערער, וואס איז געווען אָנגעצויגן אויף א העלפט פאר איין דאָלאַר. דער קויפער האט נאך צוגעגעבן, אז ער האט אַ הארטן שלאָף, אז ער מוז האבן א בעסערן זייגער, וואס זאל לענגער גיין און ער האט טאקע געקויפט דעם טייערן.

קיין שום דיכטער האט זיכער נאך נישט געשילדערט די ליידן פון אַ פאמיליע אין אַמעריקע, וואס׳איז אזוי ביטער, גרויזאַם און נידערגעשלאָגן, וועגן יענעם פחד פאר אָרעמקייט, וואָס נעמט אוועק יעדער ווירדע און אַפילו דעם פּאַטאָס. ניין, מיט די ליידן באַשעפטיקטן זיך די דיכטער נישט גערן. אין דער העכערע געזעלשאפט רעכנט מען זיך נישט וועגן דעם. וואס פאר אַן ערפאלג וואָלט מישטיינסגעזאגט ערוואַרט, אַ דיכטער פון זיינע לעזער, אז ער זאָל שילדערן פאר זיי, ווי אזוי אַן ארעמע פאמיליע פלאָגט זיך מיט די וואנצן אין שטוב. ווען ער זאל שילדערן די ליידן און דערשלאָגנקייט פון א פאַמיליע אויף דעם געביט? ווי אזוי די דאָזיקע ארעמעלייט געבן אויס דעם לעצטן גראשן, כדי פון זיי פטור צו ווערן.

שטאַרק געליטן פון דער אָרעמקייט האָט אויך דער אַלטער אַנטאַנאַס. דער ווינטער איז אָנגעקומען. דער אַלטער האט געאַרבעט אין א קאַלטן פייכטן קעלער, וואו מ׳האָט געזעצן די פאַרע, וואָס איז געלאָפן פון מויל. די שפיצן פון די פינגער זענען אים געוואָרן געפרוירן. וואָס א טאָג האָט ער שטאַרקער געהוסט, געמאַכט אוממעגלעך די אנדערע ארבעטער צוזאַמען מיט אים צו אַרבעטן. די כעמישע פליסיקייטן, וואָס זענען געווען צעגאָסן

אויף דער ערד האבן אויסגעגאסן לעכער אין זיינע שטיוול. מוראדיקע געשווירן האבן אויסגעצויגן אויף זיינע פיס. תחילת האט ער נישט געוואוסט פונוואנען זיי האבן זיך גענומען, צי פון די טייכן בלוט אויף דער פאדלאגע, צי פון א בלוט פאר־גיפטיקונג. ער האט געפרעגט די איבעריקע ארבעטער, זיי האבן געקוקט אויף די אנגשוואלענע פיס, גלייכגילטיק א באַ־וועג געטון מיט דער האנט און געענטפערט, אז ס'איז דא א געוויינלעכע זאך, יעדער קריגט עס דא פריער צי שפעטער. די געשווירן וועלן זיך שוין נישט אויסהיילן, וויבאלד דער אלטער וועט באצייטנס נישט פארלאזן די ארבעט, וועלן אים ארפפאלן די פינגער פון די פיס.

אנטאנאס האט נישט געוואלט פארלאזן די ארבעט. ער האט גוט געוואוסט אין וואס פאר א צושטאנד די פאמיליע גע־פינט זיך, ווי שווער ס'וועט אים זיין צו געפונען אן אנדערע שטעלע. ער האט ארומגעוויקלט די פיס מיט שמאטעס, גע־הוסט, ביז ער איז אין א געוויסן טאג לגמרי געפאלן פון די כחות. מ'האט אים איבערגעטראגן אויף א טרוקן ארט און אוועקגעלייגט אויף דער פאדלאגע.

ביינאכט האבן צוויי ארבעטער אים אפגעפירט אין שטוב אריין און אוועקגעלייגט אויפן בעט. יעדן טאג האט ער גע־פרוווט אויפשטיין מיט א ווילן צו גיין צו דער ארבעט. אבער ס'איז געווען אוממעגלעך. ער האט געהוסט טאג און נאכט, געווארן איינגעדארט ווי א שקעלעט.

איינמאל ביינאכט האט ער באקומען א שטארקן בלוט־שטורץ. בלוט האט שטראמענווייז געפלאסן פון זיין מויל. דאס איבער־געשראקענע בני־בית האט געברענגט א דאקטאר. ער האט בא־טראכט דעם קראנקן, פארלאנגט א דאלאר און ערקלערט, אז ער איז האפענונגסלאז. ער האט עס געזאגט שטיל, אז דער אלטער זאל עס נישט דערהערן, ווייל ער איז נאך געווען ביי דער האפענונג, אז היינט מארגן וועט ער בעזזנס ווערן און צוריק זיך אומקערן צו דער ארבעט.

אין דער פאבריק האט מען נאך קיינעם נישט געהאט

צוגענומען אויף זיין ארט. יורגיס האט זיך באמיט, אז די דאזיקע ידיעה וועגן זיין ליידיקער שטעלע זאל זיך דער אלטער דערוויסן. דער אלטער האט הייליק געגלייבט אין דעם. די בלוט-שטורצן האבן זיך אלץ כסדר איבערגעחזרט. און איינמאל אין א פרימארגן האבן זיי אים שוין געפונען פארשטייפט און קאלט. די לאגע איז געווען א געפערלעכע. די מומע עלזע האט געשריגן, פארבראכן מיט די הענט. ס'האט צומאל נישט געקאנט זיין קיין ריידן וועגן א לייטישע לויה. זיי האבן געדונגען א וועגעלע פאַר די ווייבער מיט די קינדער צוזאַמען. יורגיס האט זיך א גאַנצן טאָג מושה געוואָרן מיטן אָנטרייבער, ענדלעך איז ער מושה נעוואָרן אין קעגנוואַרט פון עדות. ער האָט מורא געהאַט, אז ער זאָל ווידער נישט ווערן אָפּגענאַרט. פינף און צוואַנציק יאָ האט דער אלטער געלעבט צוזאַמען מיט זיין זון אין די ליטווישע וועלדער. שווער איז זיי געווען זיך יעצט צו צושיידן. פאַר יורגיסן איז עס געווען א דערלייזונג, ראַטעווענדיק זיך פון רוינע, האָט ער געמוזט אלץ איינאָרדנען מיט שפּאָרזאמקייט, ווייל סיי ווי וואָלט ער נישט געהאט קיין צייט אויף ערינערונגען און טרויער.

* * *

דער מוראדיקער ווינטער האט זיך אריינגעריסן. זומער אין וואַלד רייסן זיך די ביימער צו ליכטיקייט, צו זון. די ביימער, וואס דערפילן נישט די זון, פארדאַרן, דערנאך ווען עס קומען אָן די הערבסט ווינטן, ווען אלץ ווערט איבערגעדעקט מיט ווייסן שניי, ברעכן זיך די פארדאַרטע צווייגן און פאלן אויף דער ערד.

דאסזעלבע איז געשעען מיט די מענטשן אין סטאָקיערדס. אין דער דאזיקער געגנט האט מען זיך געגרייט צום ווינטער, ווי צו א מוראדיקן קאַמף. די שוואכע האבן נישט אויסגע-

האַלטן, געפאלן מחנותוויז. אַ גאַנץ יאָר זענען זיי באַשטאַנען קליינע שרייפּעלעך פון איין גרויסער מאַשין. ווינטער איז געקומען די צייט, אַז די קאַליע געוואָרענע שרייפּעלעך זאָלן פּאַרטוישט ווערן דורך אַנדערע, דורך פרישע. לונגען אָנצינדונג און אינפלוענציע האָט זיך אָנגעלייגט אויף הונדערטער איינוואוינער. די שווינדזיכטיקע האָבן אויסגעהויכט די לעצטע טעג פון זייער לעבן. אַ קאַלטער ווינטער כּוֹל מיט שניי און אייז איז געקומען, ווי אַ מלאך־המות, און צוגענומען די קראַנקע מיט די שוואַכע. פריער צו שפּעטער איז געקומען די צייט, אַז דער שוואַכער זאָלן פאַלן ביי דער אַרבעט. ס'האָט פאַרפעלט צייט אויף וויינען, אויף שאלות, אויף עקספּערטיזעס. אַרבעטס פּלעצער זענען אָפּגעליידיקט געוואָרן פאַר אַנדערע. פרישע הענט האָבן אין די טויזנטער זיך געריסן נאָך אַרבעט. יעדן טאָג האָט אַ המון הונגעריקע אַרבעטלאָזע באַלאַגערט די שעכטהייזער און געבעטלט אַרבעט. זיי האָבן געקעמפט צווישן זיך ווען אַ פּלאַץ, נישט אָפּגעשראָקן זיך פאַר דער פראָסט און נישט פאַרן שניי, זיי זענען געקומען צוויי שעה נאָך פאַר זונען אויפגאַנג, אַ שעה פאַרן אָנהייבן די אַרבעט אין די שעכטהייזער. ביי טייל פון זיי איז אָפּגעפרוירן געוואָרן אַ האַנט, אַ פוס, דאָס פּנים און אַ סך זענען אומגעקומען אויף דער גאַס פון דער שטאַרקער קעלט, אָבער דאָך האָבן זיי געוואַרט. וואָו האָבן זיי דען געהאַט צוגיין?

דורהאַם האָט געמאָלדן דורך דער פּרעסע, אַז ער דאַרף צוויי הונדערט מענטשן צו האַקן אייז. באַלד האָבן מחנות היימלאָזע בעטלער געשטראָמט אין לאַנגע רייען. אומגעפער פינף הונדערט מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַר די שעכטהייזער, זיי האָבן זיך געשטויסן, געשטופּט, געשלאָגן איינער אויפן אַנדערן, כּדי זיך אַביסל צו דערוואַרעמען. לסוף איז אָנגעקומען פּאָליציי, פאַרמאַכט די טירן און זיי זענען פאַרבליבן אויף דער פראָסט אונטערן פרייען הימל. צוזאָרגנס צוגלייך מיט די ערשטע טאָג שטראַלן זענען זיי זיך שוין צונויפגעקומען גאַנצע דריי טויזנט. די גאַנצע פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די

פיס, זיי האבן אָפּגעהאלטן דעם צופלוס פון מענטשן. ענדלעך האבן זיך באוויזן די אויפזעער, זיי האָבן אויסגעקליבן צוואנציק די שטאַרקסטע פּאַרשוינען, יענע נייטיקע צוויי הונדערט. דאס איז נאר געווען א צופעליקער דרוק בעלער.

דער טייך האט זיך געפונען אויף מזרח. פינף וויארסט, ווייט פון דער שטאט. מוראדיקע ווינדן האבן געבלאָזן פון יענער זייט. טיילמאל ביינאכט האט דער טערמאמעטער דער־גרייכט דרייסיק גראד פראסט אונטער נול. דער שניי האט באשיט די גאסן אויף א שטאק דערהייך, די גאסן זענען געווען אומגעברוקירט, מיט טאלן און בערגער. זומער בעת א רעגן, איז מען געקראכן אין א בלאָטע ביז די קני. ווינטער פאר זונען אויפגאנג און נאָך זונען אונטערגאנג, איז אוממעגלעך געווען צו גיין, זיי האבן ארויפגעצויגן אויף זיך, וואס זיי האבן נאר געקאנט. אבער אין די גרויסע פרעסט האָט דאָס אלץ ווינציק־וואס געהאלפן. טייל זענען פאַרמאטערט געווארן פון גיין, זיי האבן זיך צוגעלייגט א ביסל אויפן שניי און שוין איינגעשלאָפן אויף אייביק.

שלעכט איז געווען די מאנסלייט, אבער נאָך ערגער די פרויען מיט די קינדער. טייל פון זיי זענען געפארן צו דער ארבעט אויף א טראַמוויי, אבער דער, וואס האט פארדינט סך־הכל פינף סענט אַ שעה, ווי למשל דער קליינער סטאַניסלאָ־וואַס, דער האט זיך נישט געקאנט פארגינען צו צאָלן פאר פיר קילאָמעטער וועג. די קינדער זענען געקומען אין שעכטהויז אריין צו דער ארבעט פארוויקלט אין שמאַטעס, אז מ׳האט זיי לגמרי נישט ארויסגעזען. א סך פון זיי זענען אומגעקומען פון די פראָסט.

איינמאל אין א פעברואַר באגינען איז סטאניסלאָוואַס אַ חבר געקומען צו דער ארבעט מיט אַ שעה שפעטער. דאס ארעמע יונגל האט זיך פון גרויס ווייטיק שטארק צעוויינט. די ארבעטער האבן אראפּגעצויגן פון אים די שמאטעס, איינ־געריבן די אוירן, וועלכע ער האט שוין לגמרי נישט געשפירט.

ס'איז שוין אבער געווען צו שפעט, די אוירן זענען אים אראפגעפאלן.

סטאַניסלאָוואס האט זיך צוגעקוקט צו דעם בילד און ער האט זיך שטארק איבערגערשראָקן. פון דער מינוט אָן, איז ער אריינגעפאלען אין אַ קרענקלעכער מורא פאר דער קעלט. באגינען פארן גיין צו דער ארבעט האט ער געשריגן און געוויינט. ס'האבן נישט געהאָלפן אלע איינרעדענישן פון די שטוב מענטשן, זיי האבן נאך באקומען אַ פחד, אז ס'יונגל זאל חלילה נישט אריינפאלן אין אַ קאנוואולסיע. לסוף איז באשלאסן געווארן, אז יורגיס זאל אים פירן צו דער ארבעט. אפט, ווען ס'איז געפאלן אַ גרויסער שניי האט אים יורגיס געטראגן אויף די פלייצעס. ביינאכט איז ער געזעסן פארן טויער פון שעכטהויז און געוואַרט, אז יורגיס זאל אים צוריק פירן אַ היים. דאָס שעכטהויז איז נישט געווען אומעטום באַהייצט. די ארבע־טער האבן אין די בלויזע העמדער געמוזט לויפן פון די ווארעמע האלעס אין די קאלטע קארידאָרן. דאס בלוט איז זיי געוואָרן פארגליווערט אויף די הענט. אז מ'האט זיך אנגע־לענט ביי א וואנט און געוואלט צוריק אוועקגיין, איז שוין די הויט געבליבן קלעבן. די ארבעטער האבן געוויקלט די פיס אין פאַפיר און אין אלטע זעק, אבער ס'בלוט האט אומעטום אריינגעדרונגען און געווארן פאַרפרוירן. טיילמאל, ווען דער אויפזעער איז נישט געווען האבן זיי אריינגעשטעקט די פיס אין די ווארעמע אינגעווייידן פון די בהמות אָדער אין די הייסע קעסלען וואסער, כדי זיך כאטש עטוואס צו דערווארעמען.

צום ערגסטן איז שוין אבער געווען מיט די, וואָס האבן געארבעט מיטן מעסער. זיי האָבן נישט געקאָנט טראגן הענטשקעס. די הענט זענען ביי זיי געוואָרן בלאָ, פארשטייפט פון די קעלט, האבן זיי פארלוירן אין זיי די קראפט און דעמאלט זענען פארגעקומען די גרעסטע אומגליקן. די פארע פון הייסן וואסער און פון ווארעמען בלוט האט אָנגעפילט די

לופט. אין די האלע איז געווארן ממש פינצטער, די אַרבעטער זענען ווילד געלאָפן מיט די שארפע מעסער און זייערע פארפרוירענע הענט. יאָ, ס'איז טאקע צו באַוואונדערן, ווי אזוי ס'זענען נישט געשאכטן געווארן מער מענטשן ווי בהמות.

אבער דאס אלץ וואלט נאך געוועז ווי ס'איז צו דערליידן, ווען ס'וואלט לכל הפחות געווען אן אָרט וואו צו עסן. יורגיס האט באדארפט אָדער עסן אין געשטאנק אין שעכטהויז אדער לויטן ביישפיל פון אלע אנדערע אָנהייבן באזוכן די שענקן, וואָס האָבן מיט גרויס גאַסטפריינדלעכקייט געעפנט די טירן פאר די אָרעמע אַרבעטער. אויף אייטשלענד סטריט, אויף מעריב זייט פון די שעכטהייזער האט זיך געפונען אַ שענק לעבן א שענק. די גאס האט זיך גערופן דאָס „שענקן געסל". אויף דרום האט זיך געצויגן די זיבן און פערציקסטע סטריט, וואו פון איין רוג צום אנדערן האָט זיך געפונען אומגעפער צו זעקס שענקן.

עטוואס ווייטער האָט זיך געזעצן די גרויסע לײַם פאבריק מיט די צוויי הונדערט שענקן דאַלעבן. גרויסע שילדן האָבן געמאָלדן די פאַרשידענע מאכלים: היינט — ארבעס מיט קרויט! קרויט מיט פראַנקפורטער קישקעלעך! קום אריין דאָ! ארבעס מיט שעפסנס. די שילדן זענען נעוועז געשריבן אויף עטלעכע שפראך: די שענקן גופא האבן געהאט פארשידענע נעמען: „פאמיליען גליק". „קלוב פאַר לאנדסלייט". "פאַלאַץ פון פרייד". פארכשופט לאַנד". "פארשכורטע ליבע". הערלעכער חלים. אלע האבן זיי געהערט צו איין פאַריין. זייהאָבן באַזאָרגט די ארבעטער מיט אַ געלעגער, אַ וואַרעם שטיבל, אַ טישל, פריינד, מיט וועמען צו רעדן און פארברענגען. דאס אלץ האבן זיי באַקומען מיט אַ תנאי, אז זיי זאלן טרונקען. ווער ס'האט נישט געוואלט טרונקען דעם האט מען תיכף געוויזן די אנדערע זייט טיר, וויבאלד ער האט זיך איינגעקשנט.

דעמאָלט איז ער שוין זיכער ארויסגעגאנגען מיט אַ צע־קלאפטן קאָפּ.

אבער ס׳איז קיינמאל נישט געקומען צו קיין געשלעג. די ארבעטער האבן גערן אויסגעפירט די תקנות און געטרונקען. זיי זענען געווען זיכער, אז עפּעס געניסן זיי אומזיסט, טרונקען זענען זיי געווען פארפליכטעט נאר איין גלעזעלע, און צו דעם גלעזעלע האבן זיי באקומען אַ ווארעמען צובייס אומזיסט. אבער זעלטן ווען ס׳האט זיך געענדיקט מיט איין גלעזעלע, ס׳האט זיך שוין תמיד אָפּגעזוכט אַ פריינט, וואָס האָט מכבד געווען מיט נאָך איינם, אים האט מען באדארפט צוריק אפּענטפערן מיט אַ דריטס און פאר זיך אויף לחיים מיט אַ פערטס. דאָס האט דאָך גארנישט געקאָנט קאַליע מאַכן, פארקערט, אומקערנדיק זיך צוריק צו דער ארבעט, האט מען שוין נישט געפילט אזוי ווייט די קעלט, די לאנגווייליקע ארבעט האט שוין נישט געווירקט אזוי שלעכט. אין קאָפּ זענען געקומען בעסערע מחשבות וועגן דער צוקונפט.

ביינאכט גייענדיק פון דער ארבעט האבן זיי זיך ווידער שלעכט געפילט און ווידער געמוזט אַריינגיין עפּעס טרונקען, כדי זיך עטוואס צו דערווארעמען. טייל האבן פארשפּעטיקט אינדערהיים דאס מיטאג אדער לגמרי נישט געגאנגען אַ היים עסן. ס׳ווייב איז געזעסן אין שטוב, אומזיסט געווארט, ביז זי האט לסוף אנגעהויבן גיין אין שענק אריין צוזאמען מיטן מאַן. אַ סטמאָל פלעגן זיי אויך מיטנעמען די קינדער. אָט אויף דעם אופן זענען גאנצע פאמיליעס אריינגעפאלן אין שכרות. די פאבריקאנטן האבן געצאָלט דאס שכירות מיט טשעקן. אלע באַמיונגען אויסצוצאָלן דעם לוין מיט קאסע געלט זענען געבליבן אומערפאָלגרייך. און ווי איז געווען אמלייכסטן אויסצוטוישן אזא טשעק, וואו האט מען צום בעסטן געצאָלט פאר אָט דער העפלעכקייט?

יורגיס איז אין דער צייט פון מיטאָג קיינמאָל נישט געגאנגען טרונקען. אָבער האט עס אים שטרענג פארבאָטן. די אר־

בעטער האבן אים חושד געווען אין גאווה, געהאסט אים אין די שענקן. נאך דער ארבעט פלעגט ער אָפּטרעטן נאך סטאַניס־לאָוואַסין און באלד זיך אומקערן אַ היים. טיילמאָל פלעגט ער קומען מיט אַ שווער באַלאָדנטן זאק קוילן אויף די פּלייצעס. ער האט נאך צעהאקט האָלץ אויף פייער צו מאכן. אין שטוב איז געווען קאַלט, קוים וואס ס'האט זיי געקלעקט צו קויפן און אייזערן אייוועלע אין קיך־צימערל אריין. שלעכט איז גע־ווען דער מומע עלזע און די איבעריקע קינדער, וואס זענען פארבליבן אין שטוב און צוליב די קעלט נישט געקאָנט באַזוכן די שול.

ביינאכט האבן זיך אלע אויסגעזעצט ביים אייוועלע און אויף דער שויס געגעסן די וויעטשערע. יורגיס און יאָנאַס האבן אויסגערייכערט צוויי לולקעס טאַבאַק, פארלאָשן ס'פייער אין קיך צוליב שפּאָרזאַמקייט און זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער פּערינע. די פראָסט האָט זיך זיי געגעבן גוט צו שפּירן. זיי האבן קיינמאָל נישט אויסגעטון פון זיך די מלבושים, נאָר איבערגעדעקט זיך נאך, מיט וואס זיי האבן געקאָנט. די קינדער זענען געשלאָפן אלע צוזאמען אין איין בעטל און דאך איז זיי געווען שרעקלעך קאַלט. זיי האבן געוויינט, יעדער האט גע־וואָלט ליגן אין דערמיט.

דאס הייזל האט געהאט דינע ווענט. די פראָסט האט זיך אַריינגעריסן אין שטוב, ווי אַ גרויזאַם באַשעפעניש, ווי אַ בייזער גייסט. ביינאַכט האבן זיי געהערט דאס ווייען פון ווינט, גע־פילט די מוראדיקע שטילקייט, וואס האט געהערשט אַרום. די קעלט האט זיך אַריינגעריסן דורך אַלע לעכער און זיי אָנגע־כאפּט מיט די גרויזאַמע אייזפינגער. וואו זיי האבן זיך נאר נישט באהאַלטן פאר דעם דאזיקן געשפּענסט פון מענטשלעכע ליידן, האט עס דאך זיי אומעטום פארפאָלגט, אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ פּחד. אַ שעה נאָך אַ שעה זענען זיי אזוי געלעגן אַרומ־גענומען פון דער דאָזיקער קעלט. קיינער האט נישט געוואוסט פון זייער פּחד, נישט געהערט זייערע געשרייען נאך הילף,

נאך רחמנות. און ווי ס׳זענען נאר אויפגעגאַנגען די ערשטע פרימאָרגן שטראַלן האבן זיי פאַרלאָזט די שטוב און געגאנגען צו דער אַרבעט, וואס אמאָל שוואַכער און שוואַכער, נאענטער צו דער שעה, ווען דער בוים וועט זיי אפשאָקלען פון די צווייגן, ווי איינגעדאַרטע בלעטער.

אַכטער קאַפּיטל

דער דאָזיקער שווערער ווינטער האט אפילו נישט פאַרלאָשן די האפענונג אין זייערע הערצער. אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען ביי מאַריע די גרויסע לעבנס ענדערונג, וואס עס מאכט דורך כמעט יעדער איינציקער מענטש. אַ קרבן פון דער דאָזיקער ענדערונג איז געפאַלן טאַמאָשיוס קושלעיקי, דער כלי־זמר. מ'האָט חוזק געמאַכט פון זיי, קושלעיקי איז געווען אַ דאַרער, אַ קליינטשיקער, און מאַריע איז געווען אַ דיקע, קרעפטיקע פרוי, געקאָנט אים אויפהייבן מיט איין האנט. מעגלעך, אז איר דיקקייט האָט איב צו געצויגן מיט אזא מאַגנעטישע קראַפט, ווייל נאָך אויף דער חתונה האט ער נישט אַוועקגענומען פון איר זיין בליק. ערשש שפעטער ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז זי פאַרמאָגט באמת אַ קינדיש הארץ, האט ער זיך לגמרי אויפגעהערט שרעקן פאר איר גראָב קול און פאר די דיקע הענט.

ער האָט זיך צוגעוויינט יעדן זונטאג נאך מיטאג צו קומען צו איר צו גאַסט. זיי האָבן אים אויפגענומען אין קיך־צימערל. טאַמאָשיוס האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן אַלע, געהאַלטן דעם קאַפעלוש אויף זיין שויס און קוים אַרויסגעקוועטשט פון זיך זעקס ווערטער. ער איז געזעסן אזוי לאַנג, ביז יורגיס האט אים געטון אַ קלאַפּ אין דער פלייצע און גוטמוטיק צוגעגעבן:

— נו, ברודערל, טו עפעס אַ שפּיל.

דעמאָלט טוט זיך דאס פנים ביי קושלעיקי צעשטראַלן. ער נעמט ארויס דאָס פידעלע פון קעסטל און הייבט אָן שפּילן. זיין נשמה צעפלאַמט זיך און ער ווערט ריידעוודיק. ער קוקט אויף מאַריע, ווי אויף א הייליק בילד. איר פּנים איז באַגאָסן מיט א רויטקייט און די אויגן אראָפּגעלאָזט צו דער ערד. „אפילו די קינדער זענען געזעסן שטיל ווי פארכשופט. דער מו־מע עלזע האט זיך געקייקלט טרערן איבער די באַקן. די וואָלפּס זיכער געזאָגט, אז ס׳איז א זשעני, וואָס רייסט מיט דעם צושויער מיט זיך.

צוליב דער דאָזיקער פריינטשאַפט, האָט מאַריע געגאָסן פון קושלעיקי א סך טובות, טובות מאַטעריעלע. קושלעיקי האָט אַ סך פאַרדינט אויף שמחות. ער האָט גענומען אָנטייל אין זיי צוגלייך מיט אַלע אַנדערע געסט. זיי האָבן געקענט זיין גוטן כאַראַקטער, געוואוסט, אז וויבאַלד זיי וועלן אים נאר בעטן, וועט ער זיי שוין במילא צושפּילן צום טאַנצן.

איינמאָל האט קושלעיקי פאַרגעלייגט מאַריען, זי זאָל מיטגיין מיט אים אויף א שמחה. נישט ווילנדיק האט זי גע־געבן איר הסכמה, און פון דעמאָלט אָן איז שוין קושלעיקי קיינמאל נישט געגאַנגען אליין. פון די שמחות האט זיך מאַריע אומגעקערט א היים מיט לעקעך, ברויט מיט פּוטער פאר די קינדער. די גאַנצע צייט פון אזא פאַרוויילונג האט זי געמוזט טאַנצן אין א באַזונדער צימערל מיט עטלעכע מענער. אדער מיט עמעצן פון די נקבות, ווייל קושלעיקי איז געווען שרעקלעך אייפערזוכטיק, ס איז גענוג געווען, אז א יונגערמאַן זאָל ארומ־נעמען מאַריע ביי דער טאַליע און תיכף האט דער גאנצער אָר־קעסטער אויפגעהערט שפּילן.

פאַר אזא מענטש, וואס איז א גאנצע וואך געווען פאַרהאָ־רעוועט, איז דער זונטאָג באשאַנען דער איינציקער פאַרוויי־לונגס טאָג. די פאמיליע רודקוס איז געוועזן שטארק פאַראָרעמט און צופיל פאַרהאָרעוועט, זיי האָבן געהאט ווינציק באַקאַנטע, אין סטאָקיערדס, האט א מענטש נאר געקענט דעם שכן לעבן וועמען ער האט געוואוינט און דעם קרעמער, וואו ער האט

געקוילפּט. יעצט זענען זיי געוואָרן באַרייכערט מיט נאָך אַ מענטש, מיט וועמען ס'האָט זיך עטוואָס פאַרגרעסערט זייער באַקאַנטשאַפט. אַ גאַנצע וואָך האָט זיי אויסגעפּעלט צייט צו רעדן וועגן מאַריעס באַקאַנטע, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן, ווער ס'ליבט זיך און ווער ס'האָט פאַרראַטן, וועלכער מאַן ס'האָט געשלאָגן זיין ווייב, פאַרשפּילט זיין און איר געהאַלט, די מלבושים. טייל מענטשן האָבן דאָס געהאַלטן פאַר רכילות, אָבער ס'הייבט זיך נישט אָן, מ'האָט נאָר איבערגעחזרט דאָס, וואָס מ'האָט געהערט.

איינמאָל שבת ביינאַכט, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון אַ חתונה, האָט טאַמאַשיוס אַנגענומען דרייסקייט, אוועקגעשטעלט אויף דער גאַס זיין פּידעלע און ערקלערט זיך אין ליבע צו מאַריען. מאַריע האָט אים פעסט צוגעטוליעט צו זיך. אויף צומאָרגנס האָט זי מיט טרערן אין די אויגן דערציילט פאַר אַלע איר גליק. לויט איר איז טאַמאַשיוס געווען דער שענסטער מענטש. פון דער מינוט אָן האָט ער זיך שוין נישט געניייטיקט אין די טענער פון זיין פּידעלע צו צוציען צו זיך איר בליק. גאַנצע שעהן זענען זיי געזעסן אין קיך, פעסט צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן.

זיי האָבן באַשלאָסן, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען פרילינג־צייט. פאַרן יונגען פּאָרל איז באַשטימט געוואָרן דאָס בוידעם־שטיבעל. טאַמאַשיוס האָט שיין פאַרדינט און יורגיס האָט ביסלעכווייז אומגעקערט מאַריען די חובות. נישט לאַנג האָט באַדאַרפט דויערן און זיי וואָלטן שוין געהאַט אַזוי פיל, וויפיל ס'איז געווען נייטיק אָנצוהייבן אַ ניי לעבן. אָבער מאַריע האָט געהאַט אַ רחמנות'דיק האַרץ, זי האָט געוואָלט מיטהעלפן דער גאַנצער פאַמיליע. אין דער צייט האָט זי זיך זייער איינגעאײַנט ביים מאַלן די פּושקעס.

זי האָט באַקומען זיבעצן סענט פאַר יעדערע הונדערט און צען פּושקעס — זי איז דערגאַנגען צו אַזאַ פלינקייט, צו שמירן צוויי פּושקעס אין אַ מינוט. ס'האָט זיך איר געדוכטן, אַז זי וועט אָנקלויבן אַ פאַרמעגן. זי איז געווען אַזוי גליקלעך,

אז זי האט מיט איר געזאנג פריילעך געמאַכט די גאנצע געגנט.

אירע פריינט האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, געזאָגט, אַז מאַריע דאַרף נישט זיין אַזוי פריילעך, מ'האָט נישט געקאָנט זיין זיכער, אַז עס וועט אַזוי דויערן אייביק, ס'קאָן נאָך געשען פאַרשידנס. אָבער מאַריען איז שווער געווען איבערצייגן. זי האָט כסדר געחלומט וועגן איר צוקונפט, ווי אַזוי זי וועט איינאָרדענען איר שטוב. אַז ס'איז אָנגעקומען די שרעקלעכע ידיעה, האָט אַ פּחד ארומגענומען צו קוקן אויף איר.

די פאַבריק פון בלעכענע פּושקעס איז שטיין געבליבן.

מאַריע וואָלט גיכער געגלייבט, אַז די זון וועט בלייבן שטיין, אויפהערן זיך צו באַוועגן אויפן הימל. ס'האָט זיך איר געדוכטן, אַז די דאָזיקע פאַבריק איז שוין אַן אייביקייט, ווי דער הימל און די מיליאָנען שטערן. פלוצלינג האָט זיך די פאַבריק אָפּגעשטעלט, קיינער האָט איר אַפילו נישט געקאָנט קלאָר מאַכן, וואָס דאָ איז געשען, ס'איז אַפילו נישט געווען קיין פריריקער מעלדונג. אין אַ שבתדיקן נאָך מיטאָג האט זיך פלוצלינג באוויזן אַ גרויסער פּלאקאט אויף דער וואנט און נאָך מיטאָג האָט מען שוין אַלע געהאט אויסגעצאלט דאָס געהאלט. אַ חודש האבן זיי באדארפט זיין אָן ארבעט. יאָ, דאָס איז עס געווען אלץ, אזוי האט זיך פארענדיקט מאריעס הערלעכע חלומות.

די ארבעטער מיידלעך האָבן איר געגעבן צו פארשטיין, אז ס'האָבן זיך שוין פארענדיקט די טעג פון עסן פלייש, יעצט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די פלייש־תענתים. טיילמאָל פלעגן די פאבריקאנטן פארהאלטן אויף דער צייט די ארבעטער פאר אַ העלפט פון לוין. ס'איז גאנץ מעגלעך געווען, אז די פאַבריקן זאלן שוין אזוי בלייבן געשלאָסן ביז זומער. די אויסזיכטן זענען געווען שלעכטע, דער פורמאן פון מאגאזין האט געזאָגט, אז אַלע שפייכלער זענען איבערפולט מיט פארטיקע פושקעס, ס'האָט נישט געהאט קיין זינען אויסצואַרבעטן נאָך. דריי פערטל ארבעטער פון די מאנסלייט זענען שוין לאנג געוואָרן

אָפּגעזאָגט, דאס איז שוין געווען אַ באַווייז, אַז ס'דאַרף עפּעס געשעען. ס'זענען נישט אָנגעקומען קיין באַשטעלונגען און מ'האָט געמוזט אויפהערן. די מיידלעך, אַרבעטערינס האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ געמיינעם שווינדל פונעם אונטערנעמער. זיי האָבן פאַרדינט צוועלף אָדער פערצן דאָלאַר אַ וואָך, געקאָנט נאָך עפּעס אָפּשפּאָרן אויך, אָבער פּלוצלינג האָט זיך די פאַבריק אָפּגעשטעלט, ביסלעכווייז האָבן זיי אויפגעגעסן דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט און אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי נאָר פאַרדינט אַ העלפט פון דער סומע.

מאַריע האָט אָנגעהויבן זוכן אַנדערע אַרבעט. אָבער זי איז נישט געווען איין און איינציק, אַז די פּושקע פאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט האָבן אַלע אַרבעטערינס פון דאָרט געזוכט אַרבעט. זי האָט געזוכט אַרבעט אין די געוועלבן, אין די שענקן, זי איז אַוועק איבערן טייך, צו די גבירים-געסלעך, וואו עס האָבן געוואוינט די רייכע און פאַר זייערע שיינע פּאַלאַצן געבעטלט אַרבעט, אַזאַ אַרבעט, וואָס עס קאָן אויספירן אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט יאָ ענגליש. אָבער אירע אַלע באַמיאונגען זענען געווען אומזיסט.

דערזעלבער טויטער סעזאָן, וואָס האָט אַרויסגעשטויסן מאַריען פון דער פּושקע פאַבריק האָט אויך באַרירט די אַרבעטער אין שעכטויז. יורגיס האָט ענדלעך אָנגעהויבן פאַרשטיין די פאַרביטערונג ביי די איבעריקע אַרבעטער. די גרויסע אונטערנעמער פון די שעכטהייזער האָבן נישט באַזייטיקט די אַרבעטער און נישט פאַרמאַכט די פאַבריקן, נאָר פאַרקלענערט די אַרבעט שעהן.

זיי האָבן געצוואונגען די אַרבעטער צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט פּינקטלעך זיבן אַ זייגער אינדערפרי, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ס'איז לגמרי נישט געווען, וואָס צו טון. די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן צען אַ זייגער און אַמאָל נאָך שפּעטער. די אַרבעטער האָבן זיך געשלעפּט פון איין ווינקל צום אַנדערן, געשטאַנען אויף דער גאַס און געוואַרט. די פראָסט איז געווען אַ ברענדע, דערגרייכט ביז דרייסיק גראַד אונטער

בול. זיי זענען געלאָפן איבער די האלעס כדי זיך צו דער־װארעמען. פארנאכט זענען זיי שוין געװען אינגאנצן דורכגע־פרוירן, אז ס׳איז שוין ענדלעך אנגעקומען די סטאדע בהמות, זענען זיי שוין געװען לגמרי פארשטייפט. יעדער ריר מיט דער האנט האט זיי פארשאפט װייטיק. אבער באלד האט אין שעכטהויז אויפגעלעבט. די ארבעט האט זיך אנגעהויבן מיט א װילדן אימפעט.

נאך אזא טאג פרירן אויף דער גאס און אין שעכטהויז, האט זיך יורגיס אומגעקערט אהיים מיט פינף און דרייסיק סענט פאר צוויי שעה ארבעט. אזוי האט עס זיך געצויגן לאנגע װאכן. ס׳זענען געװען טעג, װאס ער האט נאר געארבעט א האלבע שעה, און טעג װאָס ער האָט צומאָל נישט פאַרדינט איין פרוטה. דורכשניטלעך האָט ער געאַרבעט זעקס שעה טעג־לעך פאַר א לוין פון זעקס דאָלאַר א װאָך. אויף די זעקס שעה אַרבעט האָט ער געמוזט װאַרטן אין שעכט הויז ביז איינס און טייל־מאָל ביז דריי נאָך מיטאָג. אָפטמאָל זענען די בהמות אָנגעקו־מען ערשט פאַרנאַכט. דעמזעלבן טאָג האט מען זיי נאָך באַ־דאַרפט שעכטן און צעפערטלען. זיי האָבן געאַרבעט ביי די עלעקטרישעד ליכטיקייט ביז צען און טיילמאָל אפילו ביז האַלבע נאַכט אָן איבערייס, נישט געהאַט אפילו קיין צייט עפּעס צו עסן. יאָ, מ׳האט גאַנץ דרייסט געקאָנט זאגן, אז די ארבעטער זענען געװען אָפּהענגיק פון די בהמות.

די פּי הענדלער האָבן אָפּגעשלעפּט מיטן קויפן די בהמות ביז צו דער לעצטער מינוט, כדי צו קאנען קויפן די בהמות פאַר א ביליקן פרייז. די פּאשע אין סטאָקיערדס איז געװען טייערער װי אויפן היי־מאַרק און די פּי הענ־דלער איז פאַרבאָטן געװען מיטצופירן מיט זיך פּאשע פאַר זייערע בהמות, נאר זיי זענען געװען געצװאונגען צו קויפן אין סטאָקיערדס. װיבאַלד ס׳האָט זיך איינגעגעבן אין די לעצטע שעהן צו קויפן א סטאַדע בהמות פאַר א ביליקן פרייז, איז תיכף אתויסגעהאָנגען געװאָרן דער שטרענגער

באַפֿעל: „אַלע בהמות מוזן געשאָכטן ווערן, אין טאָג, ווען זיי זענען אריינגעקומען אין שעכטהויז.

דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך האט ווינציק וואס געהאלפן. מ'האָט געשיקט צו די אונטערנעמער איין דעלעגאַציע נאָך דער אַנדערער, זיי האבן געפאָדערט צו ענדערן די פאַרשריפ-טען, אָבער תמיד האָבן זיי באַקומען דעמזעלבן ענטפער: אוממעגלעך. אין דער ווייַנאַכט האָט יורגיס געארבעט ביז איינס און צומארגנס דעם ערשטן טאג יום-טוב ביז פאַרנאַכט.

דאָס פארגענגלעכע איז געווען שרעקלעך שווער איבער-צוטראָגן, אָבער ס'איז נאך נישט געווען אזוי שלעכט אין פאַרגלייך צו די ליידן, וואס זיי האבן יעצט געהאט אויס-צושטיין. פאר דער דאזיקער שווערער אַרבעט האט מען נאָר געצאָלט פאר די שעהן, ווען זיי האבן זיך געפונען אין שעכטהויז גופא. דאָס, וואָס מ'האָט זיי געהייסן זיך שטעלן באַגינען און זיי האבן געווארט לאנגע שעהן אויף דער גאַס, דאס האט מען לגמרי נישט גערעכנט.

יורגיס האט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אז אזוינע גרויסע פאַבריקאַנטן זאָלן באַשווינדלען די אַרבעטער. יעצט האט ער געזען דעם אימהדיקן אמת. טאקע נאָר די גרויסע פאבריקן האבן באשווינדלט און אויסגענוצט די ארבעטער אומרחמנותדיק.

ס'איז דארט געווען אַ פאראָרדענונג, אז וויבאַלד אַן אַרבעטער האט זיך פארשפעטיקט אויף איין מינוט, האט מען אים אראפגענומען פאר אַ גאנצע שעה. דאָס מיטל האט גוט געווירקט אויף דער עקאנאמישער זייט, מ'האט נישט געלאזט שטיין דעם ארבעטער די איבעריקע ניין און פופציק מינוט מיט פארלייגטע הענט און ווארטן אויף דער אנדערער שעה. פאַר קומען פריער צו דער ארבעט האט מען נישט באַלוינט מיט קיין איינציקע פרוטה, אפטמאל האבן די אויפזעער געלאָזט די פאַבריקן אין גאנג מיט צען מינוט פריער פאַרן פייפן פון די סירענען. דאס זעלבע איז געשעען ביינאכט ביים גיין

אהיים. די אונטערנעמער האבן קיינמאל נישט געצאלט פאר לענגער ארבעטן. וויבאלד מ׳האט נאר געארבעט פופציק מינוט און שוין נישט געהאט וואס צו טון די איבעריקע צען מינוט, דער האט שוין פאר דער שעה נישט באקומען באצאָלט.

דער אנהייב און דער סוף פון אַ שעה האט זיך פארוואנדלט אין אַ לאטעריי שפּיל, ווי אזוי ס׳האט איינעם געגליקט. דאס איז געווען אַ שטילער קאמף צווישן די ארבעטער און די אויפזעער. די אויפזעער האבן געוואלט, אז די ארבעטער זאלן אויפהערן וואס גיכער, און די ארבעטער האבן זיך באַמיט, אַז די ארבעט זאל דויערן וואָס לענגער.

יורגיס האָט געשאָלטן די אויפזעער, אבער נישט אלעמאל איז עס געווען זייער שולד. די אונטערנעמער האבן זיך באצויגן צו זיי שטרענג, אנגעווארפן אויף זיי אַ פּחד יעדער מינוט צו ווערן באזייטיקט. וויבאלד זיי האבן שוין נישט געקאנט אויספרעסן די געהעריקע צאל אַרבעט, האָבן זיי געמוזט פּרווון מיט אנדערע מיטלען. זיי האבן באפוילן די ארבעטער צו אַרבעטן פאר דער „קירך״. דאָס איז געווען אַ שפּאַס ווארט אין וואס ס׳האט גערוט אַ שטיק אמת. דער אלטער דזשאן איז געווען פירער אין אַ מיסיע, וויבאלד די פאַבריקאַנטן האבן אפּגעטון אַ מיאוס שטיקל מלאכה, האבן די ארבעטער געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט: יעצט וועלן מיר שוין ארבעטן פאר דער קירכע.

נאָך די איבערלעבענישן האָט זיך שוין יורגיס נישט געקרומט אויף זיינע חברים, בעת זיי האָבן אנגעהויבן רעדן וועגן קאמף און רעכט. ביסלעכווייז האָט ער אַליין אָנגעהויבן ווערן קעמפעריש. גאנץ אַנדערש האט ער גערעדט בעת דער דעלעגאַט איז צו אים צום צווייטן מאל געקומען. דער געדאנק וועגן אַן אַרבעטער פאַראייניקונג און קאמף מיט די אונטערנעמער איז ממש געווארן פאַר אים אַ טרייסט. מיט א געפיל פון דרך ארץ האָט ער געטראַכט וועגן יענעם מענטש, וואָס האט דער ערשטער געוואָרפן דעם גרויסן געדאנק.

אַז מ׳האָט אים דערציילט וועגן דער אָרגאַניזירונג פון פּראָלעטאַריאַט אין אַמעריקע, האָט ער יעצט פאַמעלעך אנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט אזוינס א „פריי לאַנד". דער דעלעגאַט האָט פאַר אים קלאר געמאַכט, ווי וויט נייטיק ס׳איז, אַז יעדער אַרבעטער זאָל זיין אָנגעשלאָסן אין פאַריין. ענדלעך האָט יורגיס מסכּים געווען זיך צו פאַרשרייבן. איידער ס׳איז נאָך אָפּגעלאָפן אַ חודש צייט איז שוין די גאַנצע פאַמיליע געווען באַזאָרגט מיט מיטגלידס ביכלעך. מיט גאווה האבן זיי געטראָגן די פאַריינס אפּצייכענונגען אין די לאצן פון זייערע מאַרינאַרקעס. אַ וואָך צייט זענען זיי געווען ממש גליקלעך. פעסט איבערצייגט, אז דער פאַריין וועט שוין אַ סוף מאַכן צו אלע ליידן.

אָבער באַלד אין צען טאָג ארום האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט די גרויסע פאַבריק פון פּושקעס, וואו מאַריע האָט געאַרבעט. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ שרעקלעכער קלאַפּ. זיי האָבן נישט געקאנט פאַרשטיין, ווי אזוי דער פאַריין האָט דערלאָזט אזאַ גוואַלדטאַט. מאַריע איז אַוועק דאָס ערשטע מאל אויף אַ פאַרזאַמלונג און גענומען אַ וואָרט, אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען גערעדט ענגליש, אבער דאס איז איר ווינציק־וואס אנגעגאנגען. זי האָט גערעדט וועגן אלץ, וואָס ס׳האט באַשוערט איר הארץ. ס׳האבן נישט געהאלפן די שווערע האַמער קלעפּ פון פאָרזיצנדער, נישט דער כאַאָס, וואָס ס׳איז אנטשטאנען אין זאַל. ניין, נישט בלויז אין אירע ליידן האָט זיך עס געהאנדלט. נאר אין דער אלגעמיינער אומגערעכטיקייט, וואָס ס׳האט געהערשט. זי האט געזאגט, וואס זי טראַכט וועגן די בלוטזויגער און וועגן דער גאַנצער וועט וואו ס׳געשעען אַזוינע אומגערעכטיקייטן אומבאַשטראָפט. ענדלעך האט זי איבערגעריסן איר פלאַמיקע רעדע און זיך אוועקגעזעצט אויף איר אָרט. איבערן זאַל האָט זיך נאָך געטראָגן דער אָפּקלאַנג פון איר גראָבער שטים. די פאַרזאַמלונג האָט זיך געצויגן ווייטער, מ׳איז צוגעטראָטן צום אויסוויילן אַ סעקרעטאַר.

אַז יורגיס איז געקומען ס'ערשטע מאָל אויף אַ פאַרזאַמ־לונג, האָט ער נישט ווילנדיק איבערגעלעבט אַ שטיקל אַוואַנטו־רע. ער איז אַזוי געשטאַנען אין אַ ווינקל פאַרטראַכט און זיך צוגעהערט צו די רעדעס. זיין מאָדנע פאַרטיפטקייט, די ברייט צעעפנטע אויגן האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַ פאַרשוין מיטן נאָמען טאָם פינבעגן. דאָס איז געווען אַ קליינער אירלענדער מיט גרויסע אויסגעשטאַרצטע אויגן פון אַ משוגענעם. ער האָט אַ סך געליטן און שוין נישט געווען ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, ער האָט דערציילט זיין לעבנס געשיכטע יעדן איינציקן, וועמען ער האָט נאָר באַגעגנט. בעת ער האָט גערעדט האָט ער אָנגעכאַפּט דעם צוהערער ביי אַ לעבל פון אַ קנעפל, צוגעלייגט זיין פּנים צו יענעמס. פון זיין מויל שלעכטע ציין האָט אַרויסגעשלאָגן אַן אומאַנגענעמער ריח און אוממעגלעך געמאַכט לעבן אים צו שטיין. יורגיסן האָט עס דינציק־וואָס געצאַרט, ער האָט זיך נאָר געשראָקן פאַר זיין אויסזעע.

זיין באַליבסטע טעמע איז געווען צו רעדן וועגן שדים. דאָס האָט געהאַלטן, אַז ס'זענען נאָך פאַראַן פאַר אונז אַ סך נישט אַנטפּלעקטע זאַכן, פאַרשידענע געהיימניסן. ער איז געוואָרן דרייסטער, דערציילט יורגיסן זיינע אייגענע אַנטדעקו־נגען אויף דעם געביט:

— האָט איר שוין געהאַט ווען אַ מאָל צו טון מיט שדים — האָט ער געפרעגט יורגיסן און געקוקט אויף אים מיט זיינע ווילדע אויגן.

— ס'מאַכט נישט — האָט דער אירלענדער געצויגן ווייטער — גאַנץ מעגלעך, אַז איר געפינט אייך אויך יעצט אונטער זייער איינפלוס. אין מיין יוגנט איז מיר יאָ געווען דערלויבט צו פאַרברענגען צווישן ספּיריטיסטן.

ער האָט אַנטוויקלט פאַר יורגיסן דעם פילאָזאָפישן סיסטעם פון ספּיריטיזם. יורגיס איז געשטאַנען צעטומלט, די האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויער, טראָפּנס שווייס האָבן אַרויסגעזעצט אויף זיין שטערן. ענדלעך האָט אַן אַרבעטער

באמערקט דעם משוגענעם פינגעגן לעבן יורגיסן, און ער האט אים תיכף באפרייט פון דעם קרענקלעכן פארשוין.

ס'האט נאך לאנג באדארפט דויערן, ביז ער זאל קאנען פארשטיין, וואס דער אירלענדער, האט פון אים געוואלט. דער פחד פאר דעם קליינעם מענטשעלע איז געווארן ביי אים מעראדיק גרויס. ער האט זיך באהאלטן אין א ווינקל אויף דער גאנצער צייט פון דער פארזאמלונג.

פון יעצט אן האט ער שוין נישט אויסגעמיטן איין פארזאמלונג. ער האט זיך אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער ענגליש. תמיד האט זיך אפגעזוכט א חבר, וואס האט אים איבערגעגעבן, וועלכע פראגן ס'זענען געווארן באהאנדלט. אפטמאל זענען די פארזאמלונגען געווען שטורמישע. ס'האבן גערעדט צו זעקס רעדנער און יעדער אויף א באזונדערע שפראך. אלע האבן זיי גערעדט ערנסט, איבערגעגעבן. זיי האבן גערעדט וועגן קאמף, א קאמף פאר זיין זאך. פאמעלעך זענען פאר אים געווארן קלאר די פארהעלטענישן, וואס ס'האבן געהערשט אין לאנד. אויף די דאזיקע פאזאמלונגען האט ער געפונען זיינע ברודער און שוועסטער, וואס האבן געליטן פונקט ווי ער.

יורגיס האט געהערט צו דער קאטוילישער קירך, אבער די קירכע האט אים תמיד ווינציק-וואס אינטערעסירט, דאס פארגעניגן האט ער איבערגעלאזט פאר די ווייבער. דא האט זיך אנטפלעקט פאר אים א נייער גלויבן, וואס האט אויפגעטרייסלט זיין נשמה. מיטן פלאם און איבערגעגעבנקייט פון א בעל תשובה האט ער ער אנגעהויבן אויך אגיטירן אנדערע. א גרויסער טייל ליטווינער האבן נאך נישט אנגעהערט צום פאריין. יורגיס האט דיסקוסירט מיט זיי, געבעטן, באמיט זיך זיי צו באווייזן דעם אמתן וועג. אפטמאל האבן זיי זיך געעקשנט, נישט געוואלט אויפנעמען די נייע לערע. דעמאלט האט שוין יורגיס פארלוירן דאס געדולד. ער האט פארגעסן, אז ער אליין איז יעצט נישט לאנג געווען אזוי פארבלענדט, א קרייצ־גער, פונקט ווי יענע אלע, וועלכע זענען געגאנגען מיט דער לערע פון ברודערלעכקייט אויף זייערע ליפן און אין די הענט האבן זיי געטראגן א שווערד.

נײַנטער קאַפּיטל

יורגיס האָט באַגערט זיך צו לערנען ענגליש. ער האט געוואָלט פאַרשטיין די אַלע פראַגן, וואָס ווערן באַהאַנדלט אויף די פאַרזאַמלונגען. ער האָט זיך פלײַסיק צוגעהערט צו די געשפּרעכן און אויפגעכאַפּט די באַזונדערע שווערע ווערטער.

די קינדער, וואָס האָבן באַזוכט די שול, האבן אים אויסגעלערנט עטלעכע ענגלישע ווערטער. איינער פון זײַנע חברים האָט אים געבּרענגט אַן ענגליש ביכל מיט־א ליטווישער פּאַרטייטשונג, און אָנע האָט עס אים פאָרגעלייענט. יורגיס איז געווען צאָרנדיק אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער קען נישט לייענען. עמעצער האט אים געזאָגט, אַז ס'זענען פאַראַן אומזיסטע שולן. יורגיס האָט באַשלאָסן זיי צו באַזוכן. אַז די אַרבעט אין שעכטהויז האט זיך נאָר פאַרענדיקט, איז ער גלייך אַוועק אין שול אַרײַן. ווײַבאַלד ער האט זיך פאַרשפּעטיקט, איז ער געגאַנגען כאָטש אויף אַ האַלבע שעה. דאָרט האט ער זיך געלערנט רעדן און לייענען ענגליש. זיי האבן אים געוואָלט אויסלערנען נאָך אַ סך זאַכן, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אַ ביסל מער צײַט.

אַחוץ די ענגלישע לעקציעס האט זיך יורגיס אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער פּאָליטיק. ער איז געוואָרן אַ דעמאָקראַט. דער פאַרײן איז אויסגעקומען אין זײַנע אויגן ווי אַ מיניאַטור רעפּובליק. די אינטערעסן פון פאַרײן זענען באַשטאַנען די אינטערעסן פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט. יעדער האט גע-

האט דאס רעכט צו נעמען א וואָרט אויף דער פאַרזאַמלונג. יורגיס האט זיך אין פאַריין אויסגעלערנט רעדן פּאָליטיק. א יענעם לאַנד, פונוואַנען יורגיס האט געשטאַמט, האט מען לגמרי נישט געוואוסט פון פּאָליטיק, דאָרט האט מען געהאַלטן די רעגירונג פאַר אן אָנגעשיקטע פּלאָג, ווי א דונער אדער האָגל.

— לאָמער קניען, ברודערל, בוקן זיך פאַר מלכות — האבן אזוי דאָרט גערעדט צווישן זיך די אַלטע פויערן — אלץ וועט זיך ענדיקן.

יורגיס האט קומענדיק קיין אמעריקע געמיינט, אז אויך דא הערשן די זעלבע פאַרהעלטענישן. אבער דא האט ער גע- הערט, אז מ׳רעדט וועגן אמעריקע, ווי וועגן א פריי לאַנד. אבער וואס פאַר א ווערט האבן געהאַט די ווערטער, בעת אַלץ האט פונקט ווי דאָרט געהערט צו די רייכע. די אַרבעטער, וואס האבן נישט געאַרבעט זענען דא געשטאָרבן פון הונגער פונקט ווי אין רוסלאַנד.

אומגעפער דריי וואכן האט יורגיס געאַרבעט ביי בראַונען. איינמאָל אין א נאָכמיטאָג האט אים דער נאַכט-וועכטער פאַר- האַלטן און געפרעגט, צי ער וויל זיך נישט נייטראַליזירן, ווערן אן אַמעריקאַנער בירגער. יורגיסן איז עס לגמרי געוועזן שווער צו פאַרשטיין. אָבער יענער האט אים קלאָר געמאַכט, וואס מ׳קאָן געניסן פון דעם. ראשית קאָסט עס נישט קיין געלט, והשנית וועט ער באַקומען א האַלבן טאָג אורלויב און נעמען דערפאַר באַצאָלט פונקט ווי פאַר א האַלבן טאָג אַרבעט. א חוץ דעם וועט ער האבן דאס רעכט צו וויילן און דאס איז אויך עפּעס ווערט.

יורגיס האט מסכּים געווען. דער נאַכט וועכטער האט גע- שמועסט וועגן דעם מיטן אויפזעער, דער אויפזעער מיטן אינ- ספּעקטאָר און יורגיס איז באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט אויף א גאַנצן טאָג. צוזאַמען מיט נאָך א מחנה עמיגראַנטן, ליטווינער, פּוילישע, סלאַווער, האט ער געהאַט דאס געלעגנ- הייט צו זען די שטאָט, זיי האָבן זיך גוט געפילט, געווען

אויפגעלייגט נאָכן ביר, מיט וואָס מ'האט זיי פריער מכבד געווען.

מ'האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ גראַניט-געביידע, אַוועקגע־שטעלט פאר אַ באַאמטן, וואָס איז געזעסן שוין ביי צוגעגרייטע פאַפירן. זיי האבן נישט באדארפט מער ווי זיך אונטערצו־שרייבן. יעדער האט אָפּגעגעבן אַ פייערלעכע שבועה פון וואס ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. זיי האָבן באַ־קומען פעסע מיט רויטע, גרויסע חתימות, מיטן הערב פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מ'האט זיי גצמאָלדן, אז יעצט זענען זיי שוין בירגער אין דער רעפּובליק, גלייכבאַרעכטיקט פּונקט ווי דער פרעזידענט.

אין אַ חודש אַרום איז דער זעלבער נאכט-וועכטער ווידער געקומען צו יורגיסן און אים געהייסן זיך אונטערשרייבן אויף דער ווײלער רשימה, ס'האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון די וואַלן. די אייגנטימער פון די פאבריקן האָבן געמאָלדן, אז די אַרבעטער, וואס האָבן וואַל רעכט וועלן אין טאָג פון די וואַלן זיך שטעלן צו דער אַרבעט ערשט ניין אינדערפרי. דער אויפזעער האט געפירט יורגיסן מיט נאָך אַ גרופּע ווײלער אין אַ שענק אריין, געגעבן זיי גוט אָנצוטרונקען, און אָנגעוויזן ווי אזוי זיך צו באַגיין ביים אָפּגעבן די שטימען. ער האט אַריינ־געשטעקט יעדן פון זיי צו צוויי דאָלאר, אַוועקגעפירט זיי צו אַ גרויסער געביידע, וואו זיי האָבן באַדארפט אָפּגעבן די שטים־צעטלען. אַ פּאָליציאַנט איז געשטאנען און אכטונג געטון אויף די פאָרמאַליטעטן.

אין פאריין זענען פאר יורגיסן קלאָר געוואָרן אַ סך זאכן. ער האט געזען, אז אַמעריקע טוט זיך יאָ אין אַ סך זאכן אונטערשיידן פון רוסלאנד. אַמעריקע איז געווען אַ דעמאָ־קראַטיש לאנד. דאס העכערע באַאמטנטום, וואס האָט רעגירט מיטן לאנד, געצויגן די פארדינסטן פון זייערע אַמטן, זענען גע־וואָרן אויסגעוויילט דורך דער באַפעלקערונג. ביי די דאָזיקע וואַלן האָבן זיך תמיד געשאַפן צוויי ריכטונגען. יעדערע ריכ־טונג האט אַרויסגעשטעלט איר באַזונדערן קאַנדידאַט און דער

וואס האט באַקומען אַ גרעסערע צאָל שטימען, דער האט באַקומען דעם רודער אין זיין האנט. וואס אָנבאַלאנג סטאָקיערדס איז נאָר דאס געשעען ביי די וואלן צו די קאָמונאַלע־פארוואַלטונגען, ווייל ביי די וואַלן צו די שטאָטראַטן איז תמיד דער נצחון געווען אויף דער זייט פון דער דעמאָקראַטיע.

אָן דער שפּיץ פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז געשטאנען אַ געוויסער אירלענדער מיטן נאָמען מעק סקולי. ער איז געווען אָנגעזעצן אין דער גאנצער שטאָט. מענטשן דאבן געזאגט, אז אפילו דער שטאט פּרעזידענט איז געווען אָפּהענגיק פון אים. מעק סקולי האט זיך באַרימט, אז די גרויסע שעכטהייזער ליגן ביי אים אין איין קעשענע. ער איז וואס אן אמת געווען אומגעוויינלעך רייך, ער האָט געהערט צו אלע ריזיקע אונטערנעמונגען פון דער שטאט.

צו אים האט געהערט די פאבריק פון קינסטלעכע באַמיסטיקונג, וועלכע יורגיס און אָנע האבן געזעען באלד אין ערשטן טאג פון זייער אנקומען קיין סטאָקעירדס. די גרויסע ציגל פאבריק האט אויך געהערט צו אים. דאס ליים האט מען אויסגעגראבן פון דער ערד אומזיסט און געמאכט ציגל, דערנאך האט מען מיטן מיסט פון דער שטאט צוריק אנגעפילט די לעכער און אויף די ליידיקע פלעצער געמויערט הייזלעך און פארקויפט צו ארבעטער. פאר די ציגל האט ער גענומען וויפל ער האט אליין געוואלט. די קויפער האבן עס נאך געמוזט צו נעמען אויף אייגענע וועגן.

צו סקולין האט אויך געהערט דאס גרויסע וואסער. ווינטער האט ער געהאקט ס׳אייז און זומער עס פארקויפט אין שטאט. די גרויסע אייז קעלערס האט ער אויפגעשטעלט פון שטאטיש האלץ און נישט באצאָלט דערפאר איין גראשן. די צייטונגען האבן צו יענער צייט אויפגעהויבן א ליאַרם, אָבער סקולי האט זיך אפגעזוכט א מענטש, וואס האט דעם גאנצן שווינדל גענומען אויף זיך און אַנטרונען געווארן פון שטאט. בייזע צונגער האָבן אפילו געזאגט, אז אויפן זעלבן אופן האט ער אויפגעשטעלט די גרויסע ציגל פאבריק, די ארבעטער זענען אויסגע-

האלטן געווארן דורך דער שטאט. ס׳איז אבער געווען אוממעג־לעך זיך עפּעס צו דערוויסן. קיינער האט מיט אים נישט געוואלט איינרייסן.

מיט סקוליס אונטערשריפט האָט מען באַקומען ארבעט צו יעדער צייט. ער אליין האט באשעפטיקט א גרויסע צאָל אר־בעטער. ער האט נישט געפאדערט מער ווי אכט שעה ארבעט און געצאָלט די בעסטע לוינען. מיט דער באציונג האָט ער זיך ערווארבן אסך פריינט צווישן די ארבעטער מאַסן. ער האט זיי אלעמען פארייניקט אין איין קלוב לעבן סטאקיערדס אונטערן נאמען „אויף דער תליאה״.

דאָס איז געווען דער גרעסטער קלוב אין טשיקאַגאָ. דאָרט זענען פון צייט צו צייט פארגעקומען פארשידענע באקסן־קאמפן. אַפילו די פאליציי פון דעם באצירק האט אנ־געהערט צו דעם קלוב, אנטשטאט צו שטערן די געשלעגן, וואס ס׳סזענעז דאָרט פּאָרגעקומען יעדער מינוט, האבן זיי אליין נאך פארקויפט בילעטן אויף די באקסן פּאָרשטעלונגען. יענער פּארשוין, וואס האט צוגערעדט יורגיסן זיך צו בייטרא־ליזירן האט אויך, אנגעהערט צו דעם קלוב, זיי האבן זיך גערופן „הינדוסן״, אין טאג פון די וואלן זענען זיי ארומ־געגאנגען מיט־אנגעשטאפּטע קעשענעס געלט, געטרונקען אין אלע שענקן, געגומען ביי וזעמען ס׳האט זיך נאר געלאָזט.

ס׳איז אויך געווען א פאראָרדענונג, אז אלע שענקער מוזן אנגעהערן צום „הינדוסין קלוב״, אנדערש וואלט מען זיי נישט דערלויבט צו האלטן זונטאָג אפן די שענקן. סקולי האט אויך אנגעפירט מיט אלע אַמטן ביי די פייערלעשער.

אין אייטשלענד עווענױ האט ער געבױט אַ גאנצע ריי הייזער, און דער בוי מייסטער, וואָס האט אָנגעפירט מיט דער ארבעט האָט גאָר באקומען אויסגעצאָלט זיין געהאלט פון דער שטאָטישער קאַסע, אלס אינספעקטאָר פון די קאנאַלן.

דער אינספעקטאָר פון דער וואַסערלייטונג האָט שוין פון לאנג נישט געלעבט, אבער תמיד האָט עמעצער אַנדערש אנגע־נומען פאַר אים דאָס געהאלט. דער אינספעקטאר פון דער גאסן

באוועגונג איז געווען דער אייגנטימער פון בופעט אין „היב-דוסן קלוב". יאָ, מ׳קאָן זיך לייכט משער זיין, וואָס אַ געפּער-לעכער ראָלע ער האָט געשפּילט פאַר סקוליס שונאים.

מענטשן האָבן דערציילט, אַז אַפילו די שעכט-הויז אונ-טערנעמער האָבן פאַר אים געהאַט מורא, סקולי איז געווען אַ מענטש פון פאַלק, ער האָט זיך אַפילו בארימט דערמיט אין טאָג פון די וואַלן. די אייגנטימער פון שעכטהויז האָבן פאַר-לאַנגט, אַז די שטאָט-מאַכט זאָל בויען אַ בריק ביי אייטשלענד עוועניו, אָבער די שטאָט-מאַכט איז נישט נאָכגעקומען זייער בקשה אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זיי האָבן עס נישט געפאָדערט די-רעקט פון סקולין. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיטן „ביבל-גריק". די שטאָט-מאַכט האָט געפאָדערט פון די פאַבריקאַנטן, אַז זיי זאָלן אויף זייער אייגענעם חשבון פאַרשיטן די „ביבל-גריק" גריבער, אָבער סקולי איז זיי באַלד געקומען צו הילף.

ביבל גריק, דאָס איז געווען אַ קאַנאַל, וואָס האָט אָפּגע-טיילט דאָס שעכטהויז פון דער שטאָט. „ביבל גריק" האָט עס געהייסן דערפאַר, ווייל דאָס פעטקייט און כעמיקאַלן פון שעכט-הויז, וואָס האָט זיך דאָרט ארייַנגעגאָסן דורך דער גרויסער צאָל רינשטאָקן, האָט דאָרט דורכגעמאַכט פאַרשידענע כעמישע פּראָ-צעסן. דער קאַנאַל האָט זיך געפונען אין אַ שטענדיקער באַווע-גונג. בלאָזן פון זויער שטאָף האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופט, און צעפּלאַצט געוואָרן, שאַפנדיק פון זיך זעלבסט גרויסע רעדער פון דריי פוס די ברייט. דאָ און דאָרט האָט די פעטיקייט צוזאַמען מיט דער בלאָטע געשאַפן אַ פאַרהאַרטעוועטע פליסי-קייט.

דער קאַנאַל איז ענלעך געווען צו אַ פייערדיקער לאַווע. אויף זיין אויבערפלאַך האָבן ארומגעשפּאַצירט הינער און געזוכט דערנערונג. נישט איין פרעמדער איז שוין דאָרט פאַרשוואונדן געוואָרן אויף אייביק. די שעכטהויז אייגנטימער איז עס ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען. טיילמאָל פּלעגט זיך דאָס אַלץ אָנצונדען, אַז ס׳איז נייטיק געווען ארויסצורופן די פייער-לעשער צו לעשן דעם קאַנאַל.

איינמאל האט זיך אפגעזוכט א געניאלער אויסלענדער, ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים טייך, ארויסגעקליבן די בלאָטע אויף טראטוועס און געוואלט ציען דערפון שמאלץ. די אייגנטימער האבן זיך באצייטנס דערוואוסט פון דער גאנצער געשיכטע און אים פאַרבאָטן דאס צו טון. שפעטער זענען זיי אבער קלוגער געווארן און אליין אנגעהויבן אויסנוצן די בלאָטע צו דעם צוועק...

ווי מענטשן האבן דערציילט, זענען אין סטאקיערדס געשען וואונדערבארע זאכן, די פאבריקאנטן האבן זיך באנוצט מיט געהיימע רערן דורך וועלכע זיי האָבן געגנבעט מיליאָנען ליטר וואסער פון דער שטאָטישער וואַסערלייטונג. די צייטונגען האָבן אויפגעהויבן אַלאַרם. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג. די אונטערערדישע רערן זענען טאַקע אַנטדעקט געוואָרן, אבער ס'איז קיינער נישט געווארן באשטראָפט. די גנבות זענען פאָרגעקומען ווייטער.

באלד נאכדעם האט זיך אנטדעקט אַ פרישער שווינדל מיט פארשטינקן פלייש. די באַפעלקערונג אין טשיקאַגאָ האָט געזען אין די שעכטהייזער שטאָטישע אינספעקטאָרן, זענען זיי זיכער געווען, אז זיי עסן פריש פלייש. זיי האָבן נישט געוואוסט, אז די הונדערט און דריי און זעכציק אינספעקטארן זענען געוואָרן צוגענומען אויף זייערע שטעלעס מיט דער הילף פון די שעכטהויז אייגנטימער, די רעגירונג האט זיי געצאלט דערפאַר, אַז זיי זאָלן קאָנען זיין לעבעדיקע עדות פון אט די אלע פארברעכנס.

די אויפזיכט איבערן פלייש-פארקויף אין טשיקאַגאָ גופא איז געוואָרן אָנגעטרויט צו דריי מיטגלידער פון דער פאליטישער מאשין. איינער פון זיי, אַן ערלעכער דאָקטאָר האט תיכף אנטדעקט, אז א טייל אקסן, וואס זענען דורך דער רעגירונגס-געזונדהייטס-אינספעקציע געוואָרן אָנערקענט פאַר טובערקולאָזע און דאך איז דאס שעדלעכע פלייש געלאָדנט געוואָרן אויף פלאַטפאָרמעס און געפירט אין שטאט אריין צו פארקויפן. דער דאקטאר האט געפאדערט דאס געסמטע פלייש צו

באגיסן מיט פעטראלעום. אבער נאָך אין דערזועלבער וואָך האָט ער באקומען א באַפעל זיך אפצוגעבן אין דעמיסיע.

די אייגנטימער פון שעכטהויז זענען געווען אזוי ווייט אויפגערעגט, אז זיי האבן געפאָדערט צו סקאַסירן די גאנצע געזונדהייטס-אינספעקציע. אין דעם פאַל וואלט שוין לגמרי נישט געווען פאר וועמען זיך צו באַקלאָגן. מ׳האט דערציילט, אז אין משך פון איין וואך האט מען באַצאָלט מענטשן צוויי טויזנט דאָלאַר פאַר שווייגן, וועגן די בהמות און חזרים, וואס זענען געפגרט אין די צוגן נאך פארן אריינקומען אין די שעכטהייזער. דאס פלייש פון די געפגרטע בהמות, האט מען טאג טעגלעך געלאַדעוועט אין די וואגאָנען און אוועקגעשיקט קיין גלאָב, (אינדיע) און דארט האט מען פון דעם פלייש געצויגן שמאַלץ. דאס אלץ האט זיך יורגיס דערוואוסט ביי די ארבעטער, וואס האבן אליין געארבעט אין יענע אָפטיילונגען. אז ער האט זיך באגעגנט מיט ארבעטער פון אנדערע אָפטיילונגען האט ער זיך דערוואוסט אנדערע שווינדלען און אנדערע פארברעכנס.

א ליטווינער, וואס האט געארבעט צוזאמען מיט מאַריען אין דער קאָנסערוון אפטיילונג, האט דערציילט גאר טשעקאַווע זאכן. זיינע דערציילונגען וואלטן אינטערעסירט אזוינע גרויסע שריפטשטעלער ווי דאַנטע אדער זאָלא. אגענטן פון שעכטהויז זענען ארומגעגאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד, איינגעקויפט אלע פגרים און קרענקלעכע בהמות, וואס זענען געווען פול מיט מכות. דאס באַארבעטן אזא בהמה איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרעסטער געפאַר, וואו מ׳האָט נאר א ריר געטון מיטן מעסער, האט פון די מכות געשפריצט אייטער גלייך אויפן פנים. די הענט זענען געווען באַגאָסן מיט בלוט און אָפווישן ס׳פנים איז געווען אוממעגלעך.

פון דעם פלייש האט מען אויסגעארבעט קאָנסערוון, מיט וואס מ׳האט געשפייזט דער אַרמעע. פון די קאָנסערוון זענען געווארן געטייט מער זעלנער, ווי פון הישפאַנישע קוילן. פאר דער ארמעע האט מען נישט געפאַקט אין די פידעלעך פריש

פלייש, נאר דאס, וואס איז שוין געלעגן אַ גאַנצן זומער אין די אייז-קעלערס.

איינמאָל אין אַ זונטאָג איז יורגיס געזעסן ביים אייוועלע, נערוויכערט אַלזולקע, און געשמועסט מיט אַן אַלטן ארבעטער מיט וועלכן יאָנאַס האט אים באַקענט. ער האט געאַרבעט ביי דורהאַם אין דער קאָנסערוון פאַבריק. דער אַלטער האט דערציילט וואונדערבאַרע געשיכטעס וועגן דורהאַמס פראָדוקטן, וואס האבן זיך ערוואָרבן אַ וועלט נאָמען.

ביי דורהאַמען האָבן געאַרבעט די געניטסטע כעמיקער. דאָרט איז געוואָרן אויסגעארבעט שאַמפּאַן זופּ, אבער די ארבעטער וואס זענען געווען באשעפטיקט אין דער אָפּטיילונג, האָבן געשוואוירן, אז זיי האבן נאך קיינמאָל קיין שאַמפּאַן פאר זייערע אויגן נישט געזען. דאס זעלבע איז אויך געווען מיט די פּידעלעך, וואס האבן געטראגן אויף זיך עטיקעטן: שוואָם-קאָנסערוון, אבער ריכטיק האט קיינער דארט קיין שוואָמען פאר זיינע אויגן נישט געזען. נישט בעסער איז געווען מיט די קאָנסערוון פון הינער פלייש. זיי האבן דערמאנט אָן יענע הינער, וועגן וועלכע ס׳שרייבן די אַמעריקאַנער הומאָריסטישע צייטונגען, וואס נעצן נאר איין די יויך זייערע פיסלעך אָנגעטון אין גומענע קאלאָשן: גאנץ מעגלעך, אז די פאבריקאנטן האבן שוין אויסגעטראכט אַ כעמיש מיטל ווי אזוי צו פאבריצירן הינער — האט יורגיס פריינט צוגעגעבן. וו אזוי ס׳זאל נישט זיין זענען די אלע קאנסערוון באשטאנען אַ געמיש פון פאַרשידענע שטיקלעך פון די אינגעווייגדן, פון חזירים פעטיקייט, פון די נירן, פון הארץ און פארשידענע אנדערע שטיקלעך. דאס אלץ איז געווארן צוזאמען צעהאקט, צונויפגעמישט מיט פארשידענע געווירצן, כדי ס׳זאל האבן דעם געהעריקן טעם.

דער וואס וואלט אויסגעטראכט עפּעס אַ נייע דערפינדונג, דעם וואָלט שוין דורהאם געמאכט גליקלעך אויף זיין גאנץ לעבן. אָבער ס׳איז שוין געווען אוממעגלעך אויסצוטראַכטן עפּעס נייס, אין אזא לאנד וואו קלוגע קעפּ האבן זיך געגריבלט אין פארשידענע ערפינדונגען, וואו מענטשן האבן זיך ממש

געפרייט בעת זיי האָבן אנטדעקט אַ מיטל, ווי אזוי אויסצו-
פּאשן טובערקולאָזע בהמות, אַ מיטל ווי אזוי צו באזייטיקן
דעם שלעכטן ריח פון די פארשטינקענע פּוטער, וואס די
קרעמער האבן שוין ארויסגעווארפן פון זייערע קראָמען, און זיי
האבן די זעלבע פּוטער אויפסניי פארקויפט אין שטאָט אריין.

מיט צוויי יאָר צוריק האט מען אין די שעכטהייזער
באך געשאָכטן פערד. פלומרשט האט עס געהייסן, אז ס'פלייש
ווערט באנוצט צו די קינסטלעכע באַמיסטיקונג, אָבער די
צייטונגען האבן אויפגעהויבן אַ ליארם וועגן דעם גאנצן ענין,
זיי האָבן גאר באוויזן, אז ס'פלייש ווערט באנוצט צו די קאָנ-
סערוון. צווישן די שעפּסן האט מען אריינגעטריבן באהאָרטע
חיות מיט הערנער. אָבער ווי שווער וואלט עס אָנגעקומען
דעם, וואס וואלט געוואָלט אנטדעקן פאר דער באַפעלקערונג
אין טשיקאגאָ, אז אנשטאט שעפּסן פלייש עסן זיי גאָר קאָזע
פלייש!

זייער אונטערעסאנט איז געווען זיך צוצוקוקן צו די
קראנקהייטן, וואס האבן געהערשט צווישן די ארבעטער. תחילת,
בעת יורגיס מיט שעדווילאסין האבן צוזאמען באזוכט ס'ערשטע
מאל די שעכטהייזער האבן זיי ממש באוואונדערט די גרויסע
צאל פארשידענע זאכן, וואס זענען געווארן געצויגן פון די
בהמות. יעצט האט ער פאמעלעך דערזען דעם אימהדיקן אמת.
יעדער אָפּטיילונג, וואס האט דא אויפגעבליט צו אזא טעכ-
נישער הויך, איז באשטאנען א באזונדער גיהנם, פון דעם
אלגעמיינעם ריזיקן, פייערדיקן גיהנם, וואס האט זיך גערופן
שעכטהייזער.

אין יעדער אפּטיילונג באזונדער זענען די ארבעטער
פאראורטיילט געווען צו די שווערסטע ליידן. וויבאלד ס'האט
זיך צווישן די באזוכער, וואס זענען געקומען אנקוקן די
שעכטהייזער געפונען אזוינע סקעפּטיקער, וואס האבן געהאלטן
דאס אלץ פאר א ביסל איבערגעטריבן, האבן די קראנקע אר-
בעטער, וועלכע זיי האבן געזעען אינעווייניק שוין א סוף גע-

מאַכט צו זייער סקעפּטיציזם. די קראַנקהייטן האָבן גענאָגט זייערע לייבער.

אין די קאַמערן, וואו דער אַלטער אַנטאַנאַס האט גע־נאָסן דעם טויט, איז קיינער פון די ארבעטער נישט געווען באַ־פרייט פון געשווירן. ס'האט ווינציק־וואס געהאָלפן דאס אַרומ־וויקלען די פיס מיט שמאַטעס, די פינגער האָבן סוף כל סוף געמוזט אַראָפּפאַלן. די זויער שטאָפּן האבן אויפגעגעסן די ביינער פון די פינגער. די שינדער און העקער, די אַלע, וועלכע האבן זיך באַנוצט מיט מעסער ביי דער אַרבעט, פון זיי האט זיך שוין זעלטן ווער באַנוצט מיטן גרויסן פינגער פון דער רעכטער האנט. דער פינגער, צעהאַקט און צעשניטן אויף צענדליקער שטיקלעך, איז נישט געווען מער, ווי אַ טויט שטיקל, ביי וואס דער ארבעטער האט זיך באַנוצט אָנצולענען ס'מעסער. די הענט זענען געווען בלויז העפטן, אָן נעגל, זיי זענען אַראָפּגעפאַלן ביים אראָפּציען די פעל פון די בהמות. די פינגער זענען גע־ווען מוראדיק אָנגעשוואָלן, ענלעך צו אַ צעלאָזטן פעכער.

שלעכט איז אויך געווען אין דער קאָך־אָפּטיילונג, די ארבעט אין רויך ביי דער קינסטלעכער באַלויכטונג. אַ שווינד־זוכטיקער וואָלט דאָ נישט אויסגעהאלטן צוויי יאָר. יעדן טאָג איז אן אנדערער ארבעטער געפאַלן פון די כּוחות. ס'זענען גע־ווען דאָרט אַזוינע העלדן, וואס האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס צווייהונדערט פונט פלייש און קעלער אַריין, פון פיר באגינען אָן, אָבער ס'זענען נאָר אַוועק עטלעכע יאָר און זיי זענען שוין לגמרי נישט געווען פעיק צו וועלכער ס'איז אר־בעט. זיי האבן אָנגעהויבן ליידן אויף רעוומאַטיזם, מיט דער קראַנקהייט האט אן ארבעטער געקאָנט לעבן מאַקסימום פינף זעקס יאָר.

די וואָל שערער האָבן ביים שערן די וואָל צוקאַלעטשעט זייערע הענט. די וואָל איז געוואָרן באַגאָסן מיט פארשידענע זויער־שטאָפן. די ארבעטער האבן געאַרבעט ביי דעם אָן הענטשקעס, די פארשידענע זויערשטאָפן האבן אין אַ פארהעלטניסמעסיג, קורצער צייט אָפּגעגעסן די הויט פון זייערע פינגער.

די ארבעטער, וואס האבן געארבעט ביי די קאָנסערוועז פֿידעלעך, זענען געווען אונטער אַ שטענדיקער געפֿאר פֿארגיפֿטעט צו ווערן. צום ערגסטן איז געווען די, וואס האבן געארבעט ביים קינסטלעכן-באמיסטיקונג און ביים קאָכן לאַם. די דאזיקע מענטשן האבן זיך נישט געקאנט באוויזן אין גאס, צוליב דעם גרויסן געשטאנק, וואס האט זיך פֿון זיי געטראָגן.

די ארבעטער, וואס זענען געשטאנען ביי די קעסלען הייס וואַסער, האבן געקאנט יעדער מינוט אַהין ארייינפֿאלן. איידער מ'האט זיי ארויסגעצויגן, איז שוין נישט געווען וואס צו ווייזן די ארומיקע. טעג האט מען זיי געזוכט און נישט געפֿונען. זייער פֿלייש ביז צו די ביינער האט זיך אויסגעמישט צוזאמען מיט די בארימטע דורהאמס קאנסערוון.

צענטער קאפּיטל

אין ערשטן האַלבן ווינטער האָבן זיי גאַנץ שיין פאַרדינט און נאָך געקאָנט עפּעס אָפּשפּאָרן אויף אָפּצאָלן די חובות. אָבער באַלד איז יורגיס וואָכן-לאַנג געפאַלן אויף פינף ביז זעקס דאָלאַר און ס׳האָט אַ סוף גענומען צום אָפּשפּאָרן. ס׳איז פאַרביי דער ווינטער, ס׳האָט זיך דערנענטערט פרילינג און זיי האָבן נאָך אָבער אַלץ כּסדר געלעבט אומזיכער, צי זיי וועלן אויסהאַלטן די דאָזיקע לעצטע גוייט-טעג. נאָך איין אַזאַ הונגער חודש און אַלע וואָלטן זיי אויסגעשטאָרבן פון הונגער.

מאַריע איז געווען שרעקלעך פאַרצווייפלט. די פידעלעך פאַבריק איז נאָך אַלץ געווען געשלאָסן, דאָס געלט, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט איז ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען. זי האָט געמוזט אויפהערן טראַכטן וועגן חתונה האָבן, ווייל דאָס גאַנצע בני-בית האָט זיך גענייטיקט אין איר הילף. אמת טאַקע, אַז לעצטנס איז זי שוין זיי געפאַלן צו לאַסט, איר געלט האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעשעפּט און זיי האָבן נאָך איר באַדאַרפט קומען מיט עפּעס צו הילף, ביז זי וועט געפינען אַנדערע אַרבעט, מיט דער הילף האָבן זיי געוואָלט איר אָפּצאָלן די אַלטע חובות. יורגיס און די מומע עלזע האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי האָבן געגלויבט, אין ציפערן אויסגערעכנט, ווי אַזוי זיי וועלן קאָנען אָפּהאַלטן דעם צופלוס פון אויסגאַבן און נישט שטאַרבן פון הונגער.

אָט אין אַזוינע שרעקלעכע באַדינגונגען האָבן זיי באַ-

דאַרפט יעצט אָנהייבן לעבן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין רויקע מינוט. דער געדאַנק וועגן געלט האָט זיי געפּייניקט ווי אַ שרעקעוודיק געשפּענסט. איידער זיי זענען נאָך בייגעקומען איין שוועריקייט האָט זיך באַלד אָנגערוקט אַ צווייטע. אין אימה איז זיי באַפאַלן סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. האָט אַזוי באַדאַרפט אויסזען זייער לעבן, וואָס זיי האָבן ערוואַרט פאַר זייערע שווערע אַרבעט? זיי האָבן געוואָלט אַרבעטן אָן אויפהער, אָבער פאַרוואָס? אַוועקגעבן די לעצטע כּחות און צומאָל נישט קאָנען זיך דערהאַלטן ביים לעבן?

צו די אומגעריכטע אויסגאַבן האָט קיינמאָל נישט געוואָ-מען קיין סוף. איינמאָל איז זיי פון דער גרויסער פראָסט געפּלאַצט אַ וואַסער-רער. אין שטוב זענען נאָר געווען בלויז די ווייבער, זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו טון און מיט הייס וואַסער באַגאָסן די פאַרפרוירענע רער. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע פאַרפלייצונג. די אָרעמע עלזע איז געלאָפן זוכן הילף. ס׳האָט זיך איר געדוכטן, אַז דאָס וואַסער וועט שוין אַזוי פלייצן אָן אַן אויפהער. שוין האָט זיך דערנענטערט די לעצטע מינוטן פון זייער אונטערגאַנג, זיי זענען שוין פאַרלוירן אויף אייביק.

באַלד האָט זיך אָפּגעזוכט אַ בלעכער, ער האָט פאַרלאַנגט אַ האַלבן דאָלאַר פאַר אַ שעה אַרבעט און אַזוי פיל פאַר דעם פאַרשוין, וואָס איז מיט אים מיטגעקומען. ער האָט אַריינגע-רעכנט דעם וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט הין און צוריק און נאָך פאַרשידענע אַנדערע אויסגאַבן.

ביים צאָלן די יאַנואַר ראַטע אויפן הויז האָט דער אַגענט זיי אָנגעוויזן אַ פרישן פּאַראַגראַף אין קאָנטראַקט. געשריבן האָט דאָרט, אַז זיי מוזן אַסעקורירן זייער הויז אויף טויזנט דאָלאַר, איידער דער אַלטער פּאָליס איז נאָך אויסגעגאַנגען. דאָס האָט באַדאַרפט געשען שוין דעם קומענדיקן חודש. די מומע עלזע האָט עס געטראָפן, ווי אַ דונער. זי האָט געפרעגט וויפל ס׳דאַרף קאָסטן דאָס דאָזיקע אַסעקורירן, און דער אַגענט האָט געענטפערט:

— זיבן דאָלאַר אַ יאָר.

נאָך דעם זעלבן אָוונט איז יורגיס אַן אויפגערעגטער אַוועק צום אַגענט. ער האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געוואָלט וויסן וויפל ס'וועלן נאָך באַטרעפן די אויסגאַבן פון זייער הויז: — ס'איז דאָ אַ קאָנטראַקט — האָט דער אַגענט איראָניש אָפּגעענטפערט. ער האָט געהאַלטן, אַז יעצט איז שוין איבעריק זיך אויסצוהיטן.

יורגיס האָט געקוקט אויף אים חוצפהדיק. דער אַגענט האָט אַרויסגעצויגן דעם קאָנטראַקט און פאָרגעלייענט:

— דאָס אַסעקורירן באַנייט מען אַלע צען יאָר און דאָס באַטרעפט צען דאָלאַר. וואַסער קאָסט זעקס דאָלאַר (יורגיס האָט באַשלאָסן תיכף אויפצוהערן נוצן וואַסער). דאָס און די צינזן זענען שוין באַשטאַנען אַלע אויסגאַבן, נאָר וויבאַלד די שטאָט זאָל זיך אָפּזאָגן פון בויען דעם קאַנאַל.

— יאָ, — האָט דער אַגענט צוגעגעבן, — ס'איז אָבער זיכער, אַז דער קאַנאַל וועט נישט געקוקט אויף דעם, צי די באַפעל-קערונג וועט יאָ וועלן צי נישט וועלן, זיכער געבויט ווערן. יורגיס וועט דאַרפן געבן אויף דעם צוועק צוויי און צוואַנציק דאָלאַר. שאַסעע אָפּצאָל, וויבאַלד ער וועט זיין אַ הילצערנער פוספן דאָלאַר, וויבאַלד אַ צעמענטענער פינף און צוואַנציק דאָלאַר.

יורגיס האָט זיך אומגעקערט אַ היים אַ צעפרידענער. ס'איז גלייכער געווען פריער צו וויסן דאָס ערגסטע, איידער צו ערוואַרטן יעדעס מאָל נייע סיורפריזן. יעצט האָט ער גע-זען, זוי וויט זיי זענען געוואָרן אָפּגענאַרט. ס'איז שוין אָבער אַלץ געווען פאַרפאַלן, פון חרטה האָבן איז שוין קיין רייד נישט געווען. זיי האָבן באַדאַרפט קעמפן און האָפן, אַז זיי וועלן דאָס אַלץ גובר זיין. ס'איז זיי אוממעגלעך געווען צו טראַכטן, אַז שוין האָבן זיי אַלץ פאַרשפּילט.

דער פרילינג האָט זיי אויסגעלייזט פון דעם שווערן ווינטער, זיי האָבן געטראַכט, אַז יעצט וועלן זיי קאָנען אָפּ-שפּאָרן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן אויסגעגעבן אויף באַהייצונג,

ווייל טאקע דעמאָלט האבן זיי זיך פאַרשולדיקט ביי מאַריען אויף די גרויסע סומעס. אבער אויך די אָנקומענדע היצן האבן געהאט זייערע חסרונות. אין טשיקאַגאָ איז יעדער צייט פון יאָר געווען אן אומגליק פאר אָרעמעלייט. פרילינג צייט האבן די קאלטע רעגנס פארוואנדלט די גאסן אין קאַנאלן. פאר די שלעכט באשיכטע ארבעטער איז אוממעגלעך געווען מיט טרוקענע פיס צו קומען צו דער ארבעט. באזונדערס איז שלעכט געווען די ארבעטער פרויען און ארבעטער קינדער.

דערנאָך איז אנגעקומען דער זומער מיט די מוראדיקע היצן. דאס שעכטהויז האט זיך פארוואנדלט אין אַ גיהנם. אין איין טאג זענען דריי ארבעטער געפאלן פון אַ זונען-שלאג. שטראָמען הייס בלוט האט געפלאָסן אַ גאנצן טאג. דער בלויזער אויר האט געטייט די שטארקסטע. קיין מינדעסט ווינטל האט זיך נישט אריינגעריסן אין דער שטיקנדער אטמאָספער. פון דער גרויסער היץ האט ארויסגעשלאגן שמוץ אויף די ווענט, אויף די פילאַרן און אויף די טירן. אלץ איז געווען איבערגע-דעקט מיט א דיקע הויט פון בלוט און שטויב.

די ארבעטער האבן געפוילט לעבעדיקערהייט. אַ געשטאנק האט זיך געטראָגן פון זיי אויף צוואַנציק מעטער פונ-דערווייטנס. אפילו די אָנשטענדיקסטע האבן פאַרלוירן זייער אָנשטענדיקייט און נאָך דער ארבעט אוועקגעווארפן די העק, און פאַרמאטערטע זיך אויסגעצויגן אין דער בלאָטע. ס'איז אפילו נישט געווען, וואו צו וואַשן די הענט. בעת דער ארבעט האבן זיי צומאָל נישט געקאָנט אָפווישן דאָס פנים פון שווייס. די טראָפנס האבן אייַנציקווייז געקאפיעט אין האַלז אריין, געקיצלט די הויט וואס איז געביסן געווארן דורך דער גרויסער צאל פליגן. זייער פיין איז געווען געגליכן צו די פיין פון די, וועלכע מ'האט לעבעדיקערהייט געברענט אויפן שייטער-הויפן.

אין די דאזיקע גרויסע היצן איז סטאָקיערדס פארפלייצט געווארן פון מיליאנען פליגן. ס'איז געווען אַן אמתע מכה מצרים. די הייזער זענען געווען פולקום שווארץ. ס'איז

אוממעגלעך געווען זיך צו באַפרייען פון זיי, ווינציק־וואס האט געהאלפן דאס פארשטעלן די טירן און די פענצטער מיט שאַטקעס. דאָס געזיומעריש וואס האט זיך געטראָגן פון אונטער די שאַטקעס איז געווען ווי פון בינשטאָקן. ביים עפענען אַ טיר אדער א פענצטער האבן זיי זיך אריינגעריסן גאנצע מחנות, ווי געטריבן דורך אַ הוראגאן.

ביי טייל מענטשן וועקט דער זומער א פארלאַנג צום דאָרף, צו פרישער לופט, צו בלומען און שפיגלדיקע וואסערן. די מענטשן אין סטאָקיערדס האבן וועגן דעם לגמרי נישט געחלומט. די טייט מאַשין, וואס האט אומרחמנות־דיק געטייט אָן אויפהער, האט זיך נישט געניטיקט אין די אלע באטור שיינקייטן. קיינער פון די ארבעטער, וואָס זענען באשטאנען אַ טייל פון דער מאשין, האט נישט געטראכט וועגן גרינס און בלומען, ווייל זיי האבן עס להלוטן נאך נישט געזען. צען קילאמעטער ווייט פון סטאקיערדס האט זיך אויסגעשפרייט די ברייטע וואסערן פון טייך מיטשיגי, אבער פאר די דאזיקע מענטשן איז עס געווען אזוי ווייט, ווי צום שטילן אָקעאַן. אגב זיי האבן געהאַט צייט דעם זונטאגדיקן טאג, זענען זיי אבער געווען צו פול פארמאטערט נאך דער וואָך ארבעט און קיינמאל נישט געקאָנט דארט אהינקומען. זיי זענען געווען צוגעשמידט צו דער גרויסער טויט מאַשין זייער גאנץ לעבן.

די דירעקטארן, פארוואלטער, באַאמטע פון שעכטהויז, זיי אלע זענען באשטאנען אַ באזונדערער קלאַס, זיי האבן נאך לחלוטן נישט געארבעט. אפילו די שלעכט באצאלטע האבן פאראכט די ארבעטער. דער קלענסטער באַאמטער אין דורהאמס אַ ביורא, וואס האָט שוין פון צוואנציק יאָר צוריק פארדינט זעקס דאָלאַר אַ וואָך און וועט נאך צוואנציק יאָר ארבעטן פארן זעלבן לוין. האט זיך געהאלטן פאר אַ גאנצן הער אַקעגן דעם בעסטן ארבעטער פון שעכטהויז.

ענדע פרילינג האט מען צוריק געעפנט די קאָנסערוון־פידעלעך־פאַבריק, וואו מאַריע האט געארבעט. ווידער האט זיך

-עהערט מאַריעס געזאַנג און טאַמאָשיוס פידעלע האט אנגע-
הויבן ארויסגעבן פרייליכערע מעלאָדיעס. אבער די דאזיקע
פרייד האט לאנג נישט געדויערט. ס׳איז קוים אוועק
צוויי חדשים און שוין האט מיט מאַריען פאסירט אַן אומגליק.
א יאָר מיט דריי טאָג איז שוין פאַרביי פון יענעם טאָג
אָן, ווען זי האָט אָנגעהויבן פאַרבן די פידעלעך, און יעצט
איז זי באַזייטיקט געוואָרן פון איר שטעלע.
ס׳איז געווען אַ שרעקלעך פאַרפּלאָנטערטע געשיכטע.
מאַריע איז געווען זיכער, אַז דאָס איז געשען צוליב איר
אָנטיילנעמען אויף די פאַרזאַמלונגען. די פאַבריקאַנטן האָבן
געהאַט פראָוואָקאַטאָרן אין אַלע פאַריינען. אַ חוץ דעם זענען
געווען איבערגעקויפט עטלעכע פאַריינס פירער. די אייגנטימער
האָבן דערהאַלטן וואָך באַריכטן, וואָס ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן
אויף די פאַרזאַמלונגען. זיי האָבן נאָך פריער געוואוסט ווי-
די פאַריינס מיטגלידער, וואָס פאַרא באַשלוסן ס׳וועלן ווערן אָנ-
גענומען. דעם, וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַר געפערלעך, דעם
האָט מען באַלד באַזייטיקט. און מאַריע האָט אומבאַהאַלטענער-
הייט געפירט אַ הייסע אַגיטאַציע צווישן די ליטווינער.
אָט אַזוי האָט זיך פאָרגעשטעלט די זאַך. מ׳האט מאַריען
אויסגעצאָלט פאַר דריי הונדערט פידעלעך ווייניקער, וויפל זי
האט געפאַרבט. די אַרבעטערינס האָבן געאַרבעט ביי אַ לאַנגען
טיש אונטער דער אויפזיכט פון אַ קאָנטראָלערין. זי האָט פאַר-
שריבן אין א ביכעלע די צאָל פידעלעך, וואס יעדער פון די
אַרבעטערינס האָט אויסגעפאַרטיקט. אבער די קאָנטראָלערין האָט
תמיד געטעותט, וויבאַלד מ׳האט באַקומען ווינציקער געהאַלט,
איז אויך גלייכער געווען צו שווייגן. יעדער פראָטעסט וואָלט דאָ
סיי ווי ווינציק-וואס געהאָלפן. אָבער מאַריע איז געווען ביי אַן
אַנדערע מיינונג, באַלד האט זי אויפגעהויבן א ליאַרם. בעת זי
האט גערעדט פויליש אדער ליטוויש, האבן די איבעריקע אַר-
בעטערינס פון איר געחוזקט, געמאַכט זי וויינענדיק, שפּעטער,
אז זי האט שוין געקאָנט זיך אויסדריקן אויף ענגליש, איז זי
געוואָרן פאַראַכט פון דער קאָנטראָלערין. די טעותן ביים ציילן

האבן ווילנדיק צי נישט ווילנדיק זיך אָנגעהויבן אָפטמאָל אי־בערצוחזרן.

מאַריע האט זיך באַקלאָגט פאַר די אויפזעערין, אבער אָן ערפאָלג. זי האט איבערגעגעבן די גאנצע זאך דער דירעקציע. און דאס איז שוין געווען צו חוצפהדיק !... די דירעקציע האט צוגעזאָגט זיך צו פאַרנעמען מיט דער זאך און מאַריע האט זיך אַ בארויקטע אומגעקערט א היים.

דריי טאָג האט זי געווארט אויף אַן ענטפער און אים נישט באקומען. אויפן פערטן טאָג איז זי נאָכאַמאָל אוועק אין דער דירעקציע. דאָסמאָל האט דער דירעקטאר פאַרקנייטשט דעם שטערן און אָפגעענטפערט, אז ער האט נישט קיין צייט, און איר געהייסן קומען אין עטלעכע טעג ארום.

נישט געקוקט אויף די עצות פון די איבעריקע ארבעטערינס, אַז דאס אלץ וועט איר ווינציק-וואס העלפן, איז זי נאכאמאל אוועק אין דער דירעקציע. דער דירעקטאר האט צארנדיק איר באַפוילן תיכף זיך אומצוקערן אין דער פאַבריק. נאך איין ועלבן טאָג האט מען איר צוּוויסן געטון, אז זי איז באַזייטיקט פון איר שטעלע.

אָ, אָרעמע מאריע, דאס איז געווען פאַר איר ווי אַ קלאפּ מיט אַ האמער. תחילת האט זי נישט געגלייבט אירע אייגענע אוירן, דערנאָך איז זי אריינגעפאלן אין אַ שרעקלעכן כעס, זי האט געשריגן, געשוואוירן, אז זי וועט נישט אוועקגיין, ניין, דאס אָרט געהערט איר. לסוף האט זי זיך אוועקגעזעצט אויף דער פאדלאגע און זיך שטאַרק צעוויינט.

יאָ, דאס איז געווען אַ הארבע שטראָף, אבער צוּוואס איז זי געווען עקשנותדיק ? פארוואס האט זי נישט געהערט די עצות פון די איבעריקע ? יאָ נאָכאַמאל וועט זי שוין וויסן, ווי אזוי זיך צו פארהאלטן ביי דער ארבעט — האט די אויפזע־ערין געזאָגט. מאריע האט פארלאַזט די פאבריק. אַ צעבראכענע האט זי זיך אומגעקערט אַ היים, און דערציילט פארן גאנצן בני-בית, דאָס גרויסע אומגליק, וואס ס׳האט מיט איר פּאַסירט.

יעצט איז זיי געוואָרן זייער שלעכט. אָנע האט באַדארפט געבוירן אַ קינד. יורגיס האט גאַנצע טעג זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אזוי אָפּצושפּארן עפּעס געלט אויף דער קינפּעט. אַקושערקיס איז אין סטאקיערדס געווען ווי פליגן. אבער ער האט געהערט וועגן זיי אזוינע געשיכטעס, אז די האָר האבן זיך אים געשטעלט קאפּויר. ער האט באַשלאָסן צו ברענגען אַ דאָקטאָר צום געבורט. יורגיס אַ באַשלוס איז אוממעגלעך געווען אפּצוהאלטן.

די מומע עלזע און מאריע האבן זיך שטאַרק אויפגע־רעגט אויף אים. זיי האבן געהאלטן די קינפּעט פאר זייערס אַ זאך, דעם דאָקטאר האבן זיי געהאלטן לגמרי פאַר איבעריק. זיי האבן מורא געהאט, אז דער רחמנותדיקער פון זיי וועט אויך פארלאַנגען פופצן דאָלאַר אָדער נאָך מער. יורגיס איז געווען גרייט צו באַצאָלן די סומע, כאָטש ער זאל דערנאך שטארבן פון הונגער.

מאריעס פאַרמעגן איז באַשטאַנען סך הכל פון נאָך פינף און צוואנציק דאָלאַר. טאָג טעגלעך איז זי געגאנגען איבער די פאבריקן זוכן ארבעט, אבער וואס אמאל זענען אירע האפענונגען געווארן שוואכער. בעת זי איז געווען ביים גוטן הומאָר האט זי געקאָנט אויספירן די זעלבע ארבעט, וואס דער שטארקסטער מאנספערשוין. אבער דער צווייפל ביים געפונען ארבעט האט אוועקגענומען ביי איר דעם מוט, אז זי האט זיך אומגעקערט אַ היים. האט ארומגענומען אַ פחד אויף איר צו קוקן. די שטראָף, וואס זי האט באקומען ביי דורהאמען, האט זיך ווייט געלאזט שפּירן אויף דער גאנצער פאַמיליע. יעצט האבן זיי געזען, אז וויבאלד מ׳באַקומט ארבעט אין סטאקיערדס דארף מען זיך פעסט האלטן, ס׳זאל וואס נאר ס׳איז געשען.

פיר און אַ האלבער וואָך האט מאַריע אזוי אלץ כסדר געזוכט ארבעט. אין פאריין האט זי אויפגעהערט אָפּצוצאָלן דעם מיטגלידס־אָפּצאָל. ס׳האט איר שוין דארט צומאל נישט אהינגעצויגן. זי האט זיך געהאלטן פאַר אַ נאַר, וואס זי האט

זיך בכלל געלאָזט דאָרט אַריינציִען. זי האָט געטראַכט, אַז זי איז שוין אויף אייביק פאַרלוירן. אָבער פּלוצלינג האָט אין איר אויפגעבליצט אַ פונק פון האָפענונג. זי האָט באַקומען אַ שטעלע ביים פּעקלען ס׳פלייש. דער אויפזעער האָט געזען איר קרעפּטיקע הענט, באַלד האָט ער דערווייטערט אַן אַרבעטער און צוגענומען מאַריען אויף זיין אָרט, פאַר עפּעס מער פון אַ העלפט, וויפל יענער האָט באַקומען.

אַמאָל וואָלט זיך מאַריע זיכער געוואַקלט ביים אָננעמען אַזאַ שטעלע. זי האָט באַדאַרפט פּעקלען דאָס פלייש פון די קראַנקע בהמות, וועגן וועלכע יורגיס האָט יעצט נישט לאַנג דערציילט. זי האָט געאַרבעט אין אַ פינצטערער שטוב, וואוהין די זונען־שטראַלן זענען זעלטן ווען צוגעקומען. אונטן האָט זיך געפונען די גרויסע אייז־קעלער און אין דערהייך, די גרויסע קאָך־האַלעס. זי איז געשטאַנען אויף אַ קאַלטער, אייזיקער פּאָדלאָגע און פון דערהייך האָט געזעצט אַן אומגעווייגלעכע היץ. ס׳איז געווען אוממעגלעך צו כאַפּן דעם אָטעם. איר אַרבעט איז געווען אָפּצושיילן ס׳פלייש פון די ביינער, צו הונדערט פונט אַ טאָג. פון באַגינען ביז ביינאַכט איז זי געשטאַנען אין שווערע שטיוול אויף דער פייכטער פּאָדלאָגע, תמיד גרייט צו דער אַרבעט.

אָט אין אַזוינע באַדינגונגען האָט מאַריע יעצט געלעבט, אָבער זי איז געווען שטאַרק ווי אַ פערד, זי האָט זיך געטיילט מיטן גורל. ווידער קאָן זי שוין פאַרדינען אויף עסן און עפּעס מיטצוהעלפן דעם בני־בית. אַ, וואָס אָנבאַלאַנג טאַמאָשיוסין... אַז זיי האָבן שוין געוואַרט אַזוי לאַנג וועלן זיי נאָך וואַרטן. זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט טראַכטן איינצואָרדענען זייער פאַמיליען לעבן פון בלויז טאַמאָשיוס פאַרדינסטן, באַזונדערס האָט זיך מאַריע נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון מיטהעלפן דעם גאַנצן בני־בית.

נאָך דער דאָזיקער ביטערער דערפאַרונג, האָט זיך שוין אָנגע אויסגעהיטן פאַר אַזוינע אַוואַנטורעס. זי איז געווען אומצופרידן פון איר אַרבעט צוליב פיל וויכטיקערע סיבות, ווי

מאַריע. אין שטוב האט זי צומאָל נישט דעציילט אַהעלפט פון דעם, וואס זי האט געליטן אין דער פאַבריק. זי האט נישט געוואלט פאַרשאַפן יורגיס עגמת־נפש, מורא געהאַט, אז ער זאל זיך נישט דערצערנען. שוין לאנג ווי די אויפזעערין, מיס הענ־דערסאָן פארפאָלגט איר, תחילת האט אָנע געמיינט, אז איר שנאה ציט זיך נאָך פון דעמאָלט אָן, ווען אָנע האט געבעטן ביי איר א טאָג אורלויב צומאָרגנס נאך דער חופה. דערנאך האט זי געטראַכט, אז דאס איז דערפאר, ווייל זי שענקט איר נישט מתנות, ווייל זי האט עס גערן פאַרלאנגט. לסוף האט זי זיך דערוואוסט, אז די אמתע סיבה „שטעקט טיפער.

מיס הענדערסאָן האט נישט לאַנג געארבעט אויף איר שטעלע. ערשט אין א צייט ארום האט זיך אָנע דערוואוסט, ווי אזוי זי האט זיך דאָ אריינבאקומען. זי איז געווען א קעבס־ווייב פון עלטסטן אויפזעער. ער האט איר געגעבן די שטעלע, כדי זי זאל שווייגן. אבער ס'האט ווינציק וואס געהאָלפן. עט־לעכע מאל האט מען אפילו געהערט, ווי זיי האבן זיך געקריגט. זי איז געווען אוואַנטוריסטיש געשטימט, געשאָלטן און געפּיי־ניקט די ארבעטער פרויען. טייל ארבעטערינס האבן זיך נישט אונ־טערגעשיידט מיט קיין סך פון איר, געחנפעט, מיטגעהאָלפן פאר־פאָלגן די אנדערע ארבעטערינס. דאס געמיינקייט האט באַהערשט די פאבריק.

אבער דאס איז נאך נישט געווען אַלץ. מיס הענדערסאָן האט בשותפות מיטן אירלענדער קאָנאָר אויסגעהאלטן א בלאַט־הויז. קאָנאָר איז געווען א מענטש מיט א רויט פּרצוף, ער איז געווען אויפזעער אין א שכנותדיקער אָפּטיילונג, אָפּגעטון א סך מיאוסע זאכן מיט די ארבעטערינס, בעת זיי זענען געקומע צו דער ארבעט אער זיך אומגעקערט א היים. אין דער צייט, ווען ס'איז נישט געווען קיין ארבעט, האט א גרויסער טייל פון די ארבעטערינס פאַרברענגט ביי מיס הענדעסאָן אין בלאַט־הויז. אין דערווירקלעכקייט האבן די אויפזעערינס געצויגן מער פּרנסה פון יענעם פריילעכן הייזל, ווי פון דער ארבעט.

אָפּטמאָל האבן די נקבות פון יענעם הייזל באַקומען אר־

בעט אין די פאַבריקן. מ׳האט באַזייטיקט ערלעכע פרויען און צו־
גענומען בלאַטע אויף זייער אָרט. אַ גאַנצן טאָג האבן זיי פאַר־
ברענגט אין געשפּרעכן פון דער אונטערוועלט. יעדער איינצי־
קער איז דאָ געווען אַרומגענומען פון דעם מיאוסן פּרוכט,
וואָס האָט זיך צעוואַקסן אין דער געגנט נאָר ביינאַכט.

ווען נישט דער פּחד פאר הונגער, וואלט אָנע איין טאג
נישט געארבעט מיט זיי צוזאמען. זי האט מורא געהאט, אז
סוף־כל־סוף וועט זי נישט קאנען פארטראגן די חרפּה און וועט
זיין געצוואונגען אפּצוזאגן איר שטעלע. יעצט האט זי פאר־
שטאנען, אז מיס הענדערסאָן האט איר נישט געליטן, נאר דער־
פאר, ווייל זי איז געווען אן ערלעכע פרוי. אפילו די, וואס
האבן זיך געחנפעט צו די אויפזעערינס און איר אלץ צוגע־
טראגן, האבן געהאסט אָנען, אנגעשטרענגט אלע מעגלעכקייט,
כדי איר צו פארמיאוסן דאס לעבן.

אין גאנץ סטאקיארדס איז נישט געווען קיין ארט פאר
ערלעכע מיידלעך. אין די פאבריקן האט מען מער געלייגט אכט
אויף די גאסן פרויען, ווי אויף די ערלעכע מיידלעך. די באַ־
פעלקערונג, וואס האט דא געוואוינט איז באשטאנען פון ארעמע
עמיגראנטן, זיי זענען געווען אפּהענגיק פון די דאזיקע ברו־
טאַלע, געוויסנלאָזע מענטשן, וואס זענען געווען ענלעך צו די
אַמאָליקע שקלאַפן־הענדלער. די מאָראל איז דא געווען אונטער־
געגראָבן, נישט געהאט דא קיין ארט. אין די שעכטהייזער
האט זיך אָפּגעטון שוידערלעכע זאכן. ווײַבאלד דאס אלץ איז
נישט געווען אזוי בולט אָפן, איז עס נאר געווען דערפאר,
ווייל ס׳איז נישט געווען קיין אונטערשייד פון „האר״ ביז צום
„שקלאַף״, און נישט אין דער קאָליר פון דער הויט.

איינמאל איז אָנע פארבליבן אין שטוב. יורגיס האט גע־
ברענגט אַ דאָקטאר. זי האט מיט מזל געבוירן אַ יונגל. ס׳איז
געווען מאדנע וואונדערבאר, ווי אזוי דאס שוואכע מאמעלע
האט געקאנט געבוירן אזא קרעפטיקן יונג. יורגיס האט געקוקט
שטאר, נישט געקאנט באנעמען די געשעענע ווירקלעכקייט.

יא, זי האט געבוירן א יונגל. דאס איז געווען די אנט־

שיידנסטע מינוט אין זיין לעבן. יעצט איז ער שוין אָן ספק געווען דער ראש פון גאנצן בני־בית, ס׳זענען פארשוואונדן יענע אמאליקע פארלאנגען, וואס האבן אים נאך פון צייט צו צייט פארחשקט. ער האט אויפגעהערט צו פארברענגען מיט זיינע חברים און לגמרי נישט געקומען אין שענק אריין. זיין איינציקער פארגעניגן איז געווען צו זיצן ביים וויגעלע און קוקן אויפן קינד. אמאל האט ער לחלוטין נישט פארטראגן קליינע קינדער, אבער זיין קינד איז נישט געווען געגליכן צו אלע אנדערע קינדער. זיין קינד האט געהאט שיינע, שווארצע אויגן מיט שווארצע געלאָקטע האר, יעדער, ווער ס׳האט עס נאר געזען, האט געזאגט, אז ער איז ענלעך צום פאטער. יורגיס איז געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. מאָדנע איז אים אויסגעקומען דאס באשעפעניש אויף דער דאזיקער גרויסער וועלט.

אבער ליידער, דער ארעמער יורגיס האט וויניק גע־האט צייט צו קוקן אויף זיין קינד. קיינמאל האט ער נאך נישט אויף אזוי פול דערפילט זיין קנעכטשאפט, ווי אט אין די טעג. ביינאכט, ווען ער האט זיך אומגעקערט א היים, איז דער קליינער אַנטאנאַס שוין געשלאפן, זעלטן ווען ער האט זיך איבערגעוועקט פאר יורגיס שלאפן גיין. פארטאג האט ער אפילו נישט געהאַט קיין צייט צו טראכטן וועגן קינד, סיידן איין זונטאג, וואס ער האט זיך געקאנט געגוג אנפרייען מיט זיין קינד.

שרעקלעך פיינלעך איז געווען פאר אָנען איבערצולאזן ס׳קינד אינדערהיים. דער דאָקטאר האט פארזיכערט אז ס׳איז נייטיק סיי פאר איר געזונט און סיי פארן געזונט פון אָנען, אַז זי זאל פארלאָזן די ארבעט און אליין זייגן ס׳קינד. אבער אָנע האט געמוזט גיין צו דער ארבעט. ס׳קינד האט זי איבער־געלאזט אונטער דער אויפזיכט פון דער מומע עלזע, זי האט עס געקאָרמעט מיט אזא בלאָען סם, וואס דער קרעמער פון גאס האט עס אנגערופן מילך!

אָנע האט צוליב דער קינפעט געליטן א וואך לוין. זי

האט זיך איינגעקשנט, אז זי וועט זיך אומקערן צו דער אר־בעט באלד דעם ערשטן טאג נאכן אויפשטיין פון דער קינפעט. מיט גרויס מי האט זיך אים איינגעגעבן איר צוזורעדן איינ־צושטייגן אין אַ טראַמוויי, ער אליין איז געלאָפן נאָכן טראַמוויי העלפן איר אויסשטייגן און צופירן צו די שעכטהייזער.

די ארבעט גופא איז נישט געווען אזוי שווער, וויבאלד זי וואָלט פארבליבן אין שטוב נאך עטלעכע טעג, וואלט זי זיכער געווארן באזייטיקט פון איר שטעלע, און דאס וואלט געווען פאר זיי אַ שווערער קלאפ אין דער יעצטיקער צייט. זייער אויפגאבע איז יעצט געווען צו ארבעטן וואס שווערער, אז דאס קינד זאל האבן אַ לייטישע דערציונג, נישט דורכמאכן דיליידן, וואס זיי יעצט. יורגיס איז אויך געווען ביי דערזעלבער מיינונג. ווי אַ רויבער, וואס רייבט איין די הענט ביי זיין פרישן קרבן, אזוי האט אויך ער דערפילט אַ פרישן פארלאנג צום קאמף פארן קיום, טאקע יעצט, ווען ער האט באדארפט באשיצן דאס דאזיקע שוואכע קליינע נפשל.

אט דערפאר האט אָנע פונקט צו דער וואָך זיך אומגע־קערט צו בראָונען, זי האט נישט געוואלט באזייטיקט ווערן פון דער שטעלע. זי האט געארבעט שווער, אנגעשטעקט זיך מיט אַ קרענק, וואס האט באדראָט הונדערטער פרויען פון איר שטייגער. שווער אויסצודריקן, ווי ווייט שלעכט דאס האט אויף איר געווירקט. זי איז געוואָרן קראנק אויף דער „מוטער". די אומפארזיכטיקייט איז געווען קליין, אומווירדיק און די שטראף פאר איר אָן אַ מאָס. נישט זי און נישט קיינער האט געוואוסט, פונוואנען די קרענק האט זיך צו זיי גענומען. אָנע האט געפילט אַ ווייטיק אין רוקן און ס'האט איר געדריקט אונטערן הארץ. זי האט געליטן אויף אַ נערוון צעשטרייאונג, וואס־זי האט באקומען נאך דעמאלט, בעת זי איז אין שטארקן גאָס רעגן געגאנגען צו דער ארבעט.

אַ גרויסערן צאל ארבעטער־פרויען אין סטאקיערדס האבן געליטן אויף דער קרענק. צו קורירן זיך ביי אַ דאקטאר איז נישט געווען דורכאויס נייטיק. אָנע האט באנוצט פארשידענע

רפואות, וואס ס׳האבן איר געבערענגט אירע פריינט. די אלע רפואות האבן געהאט אין זיך אַ גרויסע מאס אַלקאָהאל און פארשידענע אנדערע קרייטעכצער. זיי האבן נאר געהאלפן דעמאלט, ווען מ׳האט זיי באנוצט. יאָ, ס׳האט ווינציק־וואס געהאלפן. זיי זענען געווען צו אָרעם, כדי זיך צו קאנען אויסקורירן.

עלפטער קאַפּיטל

זומער צייט איז געווען מער ארבעט אין שעכטהויז, און יורגיס האט שוין ווידער מער פארדינט. אבער דאך האט ער נאך ווינציקער געהאט, ווי אין פארגאנגענעם יאר. די אונטערנעמער האבן צוגענומען וואס אמאל מער ארבעטער. יעדער וואך זענען אנגעקומען פרישע מענטן. יאָ, אזא סיסטעם האט דא געהערשט! מ׳האט זיי אפילו געהאלטן איבערן טויטן סעזאן, אבער אלע האבן זיי דעמאלט ווייניקער פארדינט ווי אמאל. אַ דאנק דעם דאזיקן סיסטעם האט זיך יעדער איינער, פריער צו שפעטער, דא געקאנט זיך אויסלערנען אַ מלאכה. דאס איז געווען אַ גאנץ קלוגער איינפאל פון די אונטערנעמער, אויף דעם אופן האבן זיי געשאַפן גאַנצע מחנות שטרייקברעכער, כדי ס׳זאל זיין ווער ס׳זאל פארטרעטן די ארבעטער באלד ביים ערשטן שטרייק. די ארבעטער, וועלכע זענען אליין געווען פארמשפט צו אַ הונגער לעבן, האבן געלערנט די פרישאָנגעקומענע, געשאַפן פאר זיך אליין שטערער, געמאכט זיך אַליין אומפעיק צום קאמף.

דער דאזיקער איבערפלוס פון ארבעטס הענט, האָט לגמרי נישט פארלייכטערט די ארבעט אין שעכטהויז. פארקערט, די אַרבעטער זענען וואס אמאל געווארן געטריבן מיט אַ ווילדערער שנעלקייט, יעדעס מאל זענען אנטדעקט געוואָרן נייע מיטלען צו פארשנעלערן די אַרבעט. די דאזיקע באציונג צו די ארבעטער, האט דערמאנט אָן יענע מיטלאלטערלעכע

טארטורן־ שרויף, וואס האט געדינט איינצוקלעמען אין זיך מענטשלעכע פינגער. די אונטערנעמער האבן צוגענומען פעיקע, גוט באצאלטע אויפזעער, און זיי האבן געטריבן די ארבעטער מיט דער הילף פון די נייע מאשינען. ביי דער אַקארד ארבעט האָט מען פארקירצט די צייט און געפאדערט די זעלבע ארבעט פאַרן זעלבן לוין.

אין דער קאנסערוון-פידעלעך־פאבריק, האט מען זיך גאנץ אָפט באנוצט מיט דעם דאזיקן סיסטעם. די ארבעטערינס זענען ארייננעפאלן און גרויס פארצווייפלונג. זייער לוין איז אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר געפאלן ביז אַ דריטל.

פאמעלעך האָט זיך פארקליבן אַ שטורם, וואס האט געקאנט אויסברעכן אַ ליאַדע טאָג. ס׳איז קוים אפגעלויפן אַ חודש ווי מאריע האט באקומען איר שטעלע ביים שניידן פלייש און באלד איז אנגעקומען אַ פאראָרדענונג צו פאַרקלע־נערן דעם לוין פאר די פרויען ביז א העלפט. די אויפרעגונג איז געווען שרעקלעך גרויס. די ארבעטערינס האבן אַן אַ פריריקער פארשטענדיקונג צווישן זיך, פארלאזט די פאבריק און ארויס אויף דער גאַס. איין ארבעטערין האט געהאט אמאל געהערט, אז אַ רויטער פאָן איז דער סימבאל פון אונטער־דריקונג, פון אומצופרידנקייט ביי די ארבעטער מאסן, זיי האבן באלד געשאַפן אזא פאָן און מיט פארשידענע לאזונגען, געשלאסן און רייען, דעמאנסטרירט אויפן פאבריקס הויף. זיי האבן געשאַפן א נייען פאריין, אבער באלד זענען אנגעקו־מען פרישע ארבעטערינס און דער שטרייק איז אין דריי טאג ארום געווארן געבראָכן. די ארבעטערין, וואס האט געטראגן דעם פאן איז געווארן באזייטיקט פון דער ארבעט.

יורגיס און אָנע האבן איבערגעשראקענע אויסגעהערט די געשעעניש. ס׳זעלבע האט אויך געקאָנט געשען מיט זיי. ס׳האט זיך געטראָגן אַ קלאנג, אז די גרויסע אונטערנעמער האבן בדעה צו פארקלענערן די לוינען אויך ביי די מענער מיט פינף און צוואנציק סענט אויף אַשעה. יורגיס האט פאר־

שטאנען, אז ווייבאלד די קלאנגען זאָלן זיך ארויסווייזן פאַר אמת, האט שוין אויך פאר אים, אויסגעשלאגן די לעצטע שעה. די שעכטהייזער האבן זיך נישט געפונען אין די הענט פון עטלעכע אונטערנעמער, נאר אַלע זענען זיי געווען פאַרייניקט אין איין ריזיקער געזעלשאַפט אונטערן נאָמען: טשיקאַגאָר פלייש טרעסט.

די דירעקטאָרן האבן זיך פארזאמלט יעדער וואך און אפגעגעבן באריכטן פון זייערע געשעפטלעכע אָפעראַציעס. אויף די דאזיקע באַראַטונגען איז געוואָרן באשלאסן אויסצוגלייכן די לוינען פאר אלע ארבעטער אָן אונטערשיד פון קוואַליפי־קאציע. יורגיס האט געהערט, אז דער טרעסט האט דיקטירט די פרייזן אויף די לעבעדיקע בהמות פונקט ווי אויפן פלייש. אבער דאס אלץ איז אים שווער געווען צו באנעמען, ס׳האט אים אפילו ווינציק־וואס אינטערעסירט.

איין מאריע, וואס האט נישט געהאט קיין מורא פאר פארקלענערן דעם לוין. זי איז געווען צופרידן, אז זי האט געפונען אַ שטעלע. איר האט לגמרי נישט געארט, ווער ס׳האט פריער געארבעט אויף איר אָרט, צוליב וואס יענע איז געוואָרן באַזייטיקט. זי האט זיך אויסגעלערנט פעקלען פלייש, געווען ביי דער האפענונג, אַז מיט דער צייט וועט זי מערער פארדינען.

אין דאזיקן זומער האט יורגיס און אָנע איר געקאָנט אפצאלן דעם חוב ביזן לעצטן סענט. מאריע האט באהאלטן איר געלט אין אַ באַנק. טאַמאַשיוס האט איר אויך נאכגעטון ס׳זעלביקע. ביידע האבן זיי זיך געוועט, ווער ס׳וועט מער אָנזאַמלען, זיי האבן גערעכנט וויפל ס׳וועט זיי שפעטער קאָסטן זיך איינצוארדענען.

די אָרעמע מאַריע האָט זיך אבער באַלד ארומגעזען, אז רייכטום שאַפט נאָר ליידן. לויט דער עצה פון אירס אַ פריינדין האָט זי פארזיכערט איר געלט, אין אַ באַנק אויף אייטשלענד סטריט. זי האט נישט געהאָט מער קיין אַנונג וועגן אַ באַנק, סיידן דאָס, וואס דער בנין איז איר שיין געפעלן, געווען שיין און גרויס... און טאקע, וואָס קאָן אַן אָרעמע, פרעמדע אַרבע־

טערין וויסן וועגן אַ באַנק, אין אַ לאַנד, וואו ס׳זענען געוואָרן אויסגעפירט די קאָלאָסאַלסטע פינאַנסיעלע אָפעראַציעס.

מאַריע איז אריינגעפאַלן אין גרויס פחד. זי האָט מורא געהאַט ס׳זאל חלילה נישט געשעען עפעס אַן אומגליק מיט דער באנק, וואו זי האט אַוועקגעגעבן איר פאַרמעגן. יעדן באַגינען, גייענדיק צו דער אַרבעט, האט זי זיך אָפגעקערט פון וועג, צו צו אייטשלענד סטריט און נאָכגעקוקט צו די באנק שטייט אויפן זעלבן אָרט, באַזונדערס האט זי מורא געהאַט פאר א שרפה, ווייל דאָס געלט, וואָס זי האָט אוועקגעגעבן אין דער באנק איז באשטאַנען פון לויטער פאַפיר באנקנאָטן. אז דאָס זאל פארברענט ווערן, וואלט די באנק זיכער נישט באַוויליקט זיי אומצוקערן אנדערע אַזוינע באנקנאטן. יורגיס האָט פון איר געלאַכט. ער, דער מאַן איז געוועזן שטאלץ מיט זיין חכמה און דערפאַרונגען. ער האט איר פארזיכערט, אז די באַנק פארמאָגט אייזערנע קאסעס, וואו מיליאָנען ליגן גאנץ זיכער.

איינמאל אין א באגינען, האט מאַריע ווי תמיד אָפגעקערט פון וועג און איז צו צו אייטשלענד-סטריט. אָבער ווי גרויס ס׳איז געוועזן איר שרעק. אַ גרויסער המון מענטשן איז געוועזן פארזאמלט אויפן פלאַץ פאר דער באנק. אן איבערגעשראקענע האט זי זיך געווארפן צווישן אַלע, געפרעגט יעדעס מאָל אַן אנדערן און צומאָל נישט באוויזן אויסצוהערן די ענטפערס. זי האט זיך אריינבאקומען צווישן דעם געדיכטן מענטשן געדראנג און זיך שוין נישט געקאָנט רירן פון אָרט. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער גאנצער עולםווארט אויף אפצונעמען פון באנק זייערע אָפשפארונגען. וואס איז געשעען? איז דען געשעען עפעס א פאַרפאל מיט דער באנק? קיינער האָט איר נישט גע-קאנט אויף דעם ענטפערן, אבער ס׳האט אויסגעזעען, אז עפעס איז געשעען. צו וועט זי נאך באווייזן ארויסצונעמען איר געלט? אויף דעם איז שוין געווען שווער צו געבן אן ענטפער, ס׳איז געוועזן מער ווי זיכער, אַז נישט. יעדער איינער האט זיך באמיט אַרויסצוכאפן זיין קאפיטאל. ס׳איז נאך געוועזן צו

רי זיך עפּעס צו דערוויסן. די באַנק האָט מען באַדאַרפט
פּענען אין צוויי אָדער דריי שעה אַרום.

מאַריע האָט מיט דער הילף פון אירע פויסטן זיך דורכ-
עריסן דורך דעם המון מענער. ווייבער און קינדער, אַלע זע-
נען זיי געשטאַנען איבערגעשראָקן פון דערזעלבער ידיעה. ענד-
לעך האָט זי זיך דערשטופּט צו די טירן פון דער גרויסער
עבײַדע. דאָ האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט פאַרגעסן דאָס
קאַסע בוכל און זי וועט נישט קאָנען אָפּנעמען דאָס געלט.
ידער האָט זי זיך אַדורכגעריסן דורך דעם מענטשן געדראַנג
און אין גרויס געאייל געלאָפן אַהיים.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז זי אָנגעקומען צוזאַמען מיט
דער מומע עלזע, ביידע האָבן זיי זיך קוים געהאַלטן אויף די
יס, געציטערט פאַר פחד. פּאָליציי האָט באַפוילן אויסצושטעלן
זיך אין אַ ריי, וואָס האָט פאַרנומען עטלעכע גאַסן. יעדער האָט
עמוזט פאַרכאַפּן אַן אָרט, וואו ס'איז אים אויסגעפאַלן. ביין
אַ זייגער האָט מען געעפנט די בענק און דורך אַן אָפן פענצטערל
אָנגעהויבן אויסצאָלן די אָפּשפּאָרונגען. אָבער וואָס פאַר אַ טרייסט
האָט דאָס געקאָנט זיין פאַר מאַריען, אַז פאַר איר זענען שוין
עשטאַנען דריי טויזנט מענטשן. דריי טויזנט! אַזאַ צאָל, וואָס
האָט געקאָנט אויסליידיקן צוועלף אַזעלכע בענק ביזן לעצטן סענט.

צו גרויס אומגליק האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ דראָבנער,
ורכדרינגנדער רעגן. ביידע ווייבער זענען געוואָרן דורכגענעצט
ביזן לעצטן פאָדעם. אָבער זיי זענען געשטאַנען ווייטער, גע-
רוקט זיך פאָרויס, צום באַשטימטן אָרט. זיי האָבן פאַרברענגט
אין דער ריי אַ גאַנצן נאָך מיטאָג, מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ
האָבן זיי געזעען די אָנקומענדע שעה, ווען מ'וועט ווידער
פאַרמאַכן די באַנק, איידער ס'וועט נאָך צוקומען צו זייער ריי.
מאַריע האָט באַשלאָסן נישט אַוועקצוגיין, זאָל געשען, וואָס
גאָר ס'איז, ביין, זי וועט באין אופן נישט פאַרלאָזן דאָס אָרט.
י וועט וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז זי וועט אַרויסבאַקומען איר
געלט. אָבער אַלע האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן און פון דער
לאַנגער ריי איז אַבסאָלוט נישט געוואָרן ווייניקער.

יורגיס איז אָנגעקומען פאַרנאַכט, ער האָט געבראַכט פאַר זיי עסן און פרישע וועש. צומאָרגנס באַגינען זענען אָנגעקומען נאָך מער מענטשן און צוזאַמען מיט זיי פרישע אָפּטיילונגען פּאָליציי, געשיקט פון אונטערשטן שטאָט-קוואַרטאַל. מאַריע האָט געהיטן איר אָרט. נאָך מיטאָג האָט זי זיך ערשט אַריינבאַקומען אין דעם ריזיקן בנין און אָפּגענומען איר פאַרמעגן, אין גרויסע דאָלאַר-באַנקנאָטן, זי האָט זיי געהאַט אפילו נאָך טיכל.

פלוצלינג איז דער פּחד צערונען, ווי אַ חלום. זי האָט ווידער געהאַלטן אין דער האַנט איר אָפּגעשפּאָרט געלט. יעצט האָט זי באַקומען חשק נאָכאַמאָל עס אַריינצוטראָגן, אָבער דער באַאַמטער ביים פענצטערל, האָט אָן אויפגערעגטער נאָך ביים אויסצאָלן איר געמאָלדן, אַז די באַנק וועט נישט צוריק צו נעמען אָפּשפּאָרונגען ביי די, וואָס האָבן זיי אין דער יעצטיקער פּאַניק אַרויסגענומען. מאַריע האָט געמוזט צונעמען דאָס געלט צו זיך. זי איז געגאַנגען אויף דער גאַס, געקוקט אויף רעכטס און לינקס, געווען זיכער, אַז אָט גנבט מען פון איר אַוועק דאָס לעצטע אָרעמקייט. אפילו ביי דער שטוב איז זי נאָך נישט געווען איינגאַנצן רויק.

זי האָט באַשלאָסן איינצונייען דאָס געלט אין איר קלייד, ביז זי וועט אָפּזוכן אַ נייע באַנק, וואו עס צו באַהאַלטן. מער ווי אַ וואָך צייט האָט זי געטראָגן אויף זיך דאָס קלייד, באַשווערט מיט די מטבעות. זי האָט מורא געהאַט פאַרבייצוגיין דעם רינשטאָק פאַרן הויז, ווייל יורגיס האָט איר געוואָרנט, אַז די משא פון קלייד קאָן איר גאַנץ לייכט אַראָפּציען אין רינשטאָק. באַלאָדנט מיט דער דאָזיקער מנה-יפה האָט זיך אומגעקערט אין דער פאַבריק. זי האָט מורא געהאַט טאָמער האָט זי שוין פאַרלוירן איר שטעלע. אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מער ווי מיט צען פּראָצענט פון די אַרבעטערינס איז געשען ס'זעלבע, וואָס מיט מאַריע. און באַזייטיקן אַזאַ צאָל אַרבעטערינס פון זייערע שטעלעס איז גאָרנישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך.

די פּאַניק פאַר דער באַנק איז אַנטשטאַנען פון דעם, וואָס אַ פּאָליציאַנט, האָט געפּרוווט אַרעסטירן אַ שכור אין

אַ שענק, נאָענט פון דער באַנק. פאַר דער שענק האָט זיך פאַר־זאַמלט אַן עולם נייגיריקע. דאָס איז געשען פונקט אין דער שעה, ווען די אַרבעטער זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. און באַלד איז די באַנק געוואָרן באַלאַגערט פון מענטשן.

אין דערזעלבער צייט האָט אויך יורגיס און אָנע אָנגע־הויבן אָפּשפּאָרן געלט אין דער באַנק. זיי האָבן באַצאָלט די חובות מאַריען, יאָנאַסן, כמעט ס׳גאַנצע געלט פאַרן מעבל און נאָך געקאָנט עפּעס אָפּשפּאָרן אויך. ס׳האָבן זיך דערגע־טערט וואָלן, אַ דאַנק וואָס יורגיס האָט אַ האַלבע וואָך נישט גע־אַרבעט און באַקומען באַצאָלט. דאַסמאָל איז דער וואַל קאַמף געווען אַן אויסערגעוויינלעך פּיבערהאַפּטער. די מחלוקת האָבן אַפילו דערגרייכט סטאָקיערדס. ביידע קעגנערישע פּאַרטייען האָבן געדונגען גרויסע זאַלן, געשפּריצט מיט פייערווערק, אָפּ־געהאַלטן פייערדיקע מיטינגען, כדי צו פאַרחשקן די באַפעלקערונג צום שטימען. יורגיס איז געווען אַ פינצטערער עלעמענט, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזוי גלייך צו פאַר־קויפן די שטים. אָבער אַלע האָבן אַזוי געטון. יעדערע בעסערע האַנדלונג וואָלט סיי ווי נישט געבראַנגט קיין בעסערע פאָלגן פון דער וואַל אַקציע, ס׳וואָלט געווען נאַריש נישט אויסצונוצן אַזאַ געלעגנהייט.

קאַלטע ווינטן, קורצע טעג האָבן זיי געוואָרנט פאַרן אָנקומענדיקן ווינטער. ס׳האָט זיך זיי געדוכטן, ווי דער זומער איז זיי צו גיך אַדורכגעלאָפן. זיי האָבן אַפילו נישט באַוויזן עפּעס צוצוגרייטן. די אויגן ביי סטאַניסלאָוואַסין האָבן ווידער באַקומען דעם אַמאָליקן פּחד פאַר דער קעלט. יורגיס האָט אויך מורא געהאַט פאַר אָנקומענדיקן ווינטער. ער האָט געוואוסט, אַז אָנע איז צו שוואַך צו קאָנעןביישטיין די קעלט און שניי. ווייבאַלד ס׳וועט אַראָפּפאַלן אַ גרויסער שניי, און די טראַמווייען וועלן זיך אָפּשטעלן, מוז אָנע פאַרלאָזן איר שטעלע פאַר אַן אַנדערע אַרבעטערין, פאַר אַזוינע, וואָס וואוינט נאָענט פון די שעכטהייזער.

דער ערשטער גרויסער שטורעם איז אָנגעקומען אַ וואָך

פאר וויינאסט. יורגיס האט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יונגען לייב, וואס וועקט זיך פון זיין טיפן שלאָף. די טראַמווייען אויפן אייטשלענד בולוואר זענען שוין געשטאַנען פיר טאָג. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, האט ער פארשטאנען, וואס דאס הייסט אזוינס קעמפן מיט די שטערונגען. אמאָל איז יורגיס בייגעקומען אַ סך שוועריקייטן, אבער דאס זענען געווען קליינע טאג טעגלעכע זאָרגן. יעצט איז געשטאנען די פראגע פון לעבן און טויט. דעם ערשטן טאג זענען זיי ארויס פון שטוב נאך פאר זונען אויפגאנג. יורגיס האט געטראָגן אָנען אויף די פלייצעס אנגעוויקלט אין אַ קאָלדרע, ווי אַ זעקל מעל.

דער קליינער סטאַניסלאָוואס איז געווען אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. ער האט זיך געהאלטן ביים זוים פון יורגיסעס פאלטן. אַ שרעקלעכער ווינט האט זיי געבלאָזן גלייך אין פנים. דאס קוועקזילבער אין טערמאָמעטער איז געפאלן אונטער נול, דער שניי האט דערגרייכט ביז צו די קני און אין טייל ערטער ביז צום בויך. ס'האט זיך זיי געדוכטן, ווי אַט כאפט זיי דער שניי ביי די פוס און שליידערט זיי אַנידער אויף דער ערד, שטעלט זיך פאר זיי ווי אַ וואנט. ווי אַ פארוואונדערטער אָקס האָבן זיי זיך געראַנגלט מיטן שטורעם. טריט נאָך טריט האבן זיי זיך אויסגעטרעטן א וועג, ביז זיי זענען דערגאנגען צו די שעכטהייזער. אז יורגיס איז שוין ענדלעך אָנגעקומען אויפן אָרט, האט ער סאפענדיק זיך אָנגעשפארט ביי דער וואנט, גע־לויבט דעם אלמעכטיקן, וואס דער טראַנספארט בהמות איז היינט שפעט אָנגעקומען אין שעכטהויז אריין.

ביינאכט האט ער ווידער געמוזט דורכמאכן דעמזעלבן וועג. אזוי האט עס געדויערט עטלעכע טעג נאָכאַנאנד. יורגיס האט קיינמאל נישט געוואוסט, ווען ער וועט ווערן באפרייט פון דער ארבעט. ער האט געבעטן אַ באקאנטן שענקער, ער זאל ערלויבן אָנען ווארטן אין אַ ווינקל, ביי אים אין שענק. איינמאל איז ער געוואָרן באפרייט פון דער ארבעט ערשט עלף אַ זייגער ביינאכט. די נאכט איז געווען אַ מוראדיק פינצטערע,

מיט גרויס מאטערניש האט זיך אים קוים איינגעגעבן צו קומען אַ היים.

פון די דאזיקע פּראַקטיקע טעג האבן די ארבעטער אומגעהייער געליטן. זיי האבן יעדעס מאָל פארשפּעטיקט צו דער ארבעט און פארלוירן זייערע שטעלעס. ביי די טויערן פון שעכטהויז זענען געשטאנען גאנצע מחנות ארבעטלאָזע. די אונטערנעמער האבן אויף קיינעם נישט געווארט.

אז די שטורעמס האבן אויפגעהערט, האט יורגיס זיך געפילט אין זיבעטן הימל. ער איז געשטאנען פּנים אל פּנים דער געפאר און דאך איר בייגעקומען. יאָ, ער איז געווען איבערצייגט, אז די צוקונפט געהערט אים.

ער איז ענלעך געווען צו אַ לייב, דעם קעניג פון וואלד, וואס גרויסט זיך מיט זיין גבורה. און דאך איז איינמאל בייגאכט געשעען מיט אים א פארפאל.

צו די גרויסע געפארן, וואס ס'האט באדראט די ארבעט אין שעכטהויז, זענען אויך געווארן אריינגערעכנט די ווילדע אָקסן. טיילמאָל פלעגט זיך זיי איינגעבן ארויסצורייסן פון די הענט פון די פּאַרטויבער און מיט אַן אימפּעט זיך געלאָזט איבער די האַלעס. די איבערגעשראקענע ארבעטער האבן ווילד געשריגן, געלאָפן זיך באהאלטן, אונטער די נאָענטסטע פילארן. זיי האבן אוועקגעווארפן אלץ, וואס זיי האבן געהאלטן אין זייערע הענט, אויסגעגליטשט און זיך צעבלוטיקט, געפאלן איינער אויפן אנדערן. זומער האבן זיי נאך געזעען, וואו צו לויפן, אבער ווינטער איז די האלע געווען פול מיט קנוילן פארע, איינער דעם אנדערן האט נישט געקאנט זעען. פאר גרויס פּחד האט זיך יעדן איינציקן די האר געשטעלט קאפּויער. דער צעטומלטער אָקס האט צומאל נישט אין זינען געהאט זיך צוווארפן אויף עמעצן, אבער אין דאזיקן געטומעל איז גאנץ לייכט געווען ארויפצופאלן אויף אַ מעסער פון א נאַר וואס אנקומענדן ארבעטער. אַ חוץ דעם האט אויך געקאנט אנקומען דער אויפזעער, צילן מיט זיין רעוואלווער צום אָקס און טרעפן די קויל אין א גרופּע ארבעטער.

אָט ביי אזא קאמף מיט אווילדן אָקס איז יורגיס אריינגעפאלן אין אגרוב. לכתחילה, ווען ער האט זיך פון דארט ארויסבאקומען, האט ער לגמרי נישט געלייגט קיין אכט אויף דער ווייטיק אין פוס, וואס איז נאר געווען אביסל געריירט פון ביין. דער פוס האט אים ווי געטון, אבער יורגיס איז צוגעוויינט געווען צו ווייטיק. שפעטער, אז ער האט זיך אומגעקערט אהיים, האט ער דערזעען די ערנסקייט פון דער זאך. צומארגנס איז אים דער פוס אזוי אנגעשוואלן, אז ער האט דעם שטיוול נישט געקאנט ארויפציען. אפילו יעצט האט ער וויניקער געשאלטן, ווי אמאל. ער האט ארומגעוויקלט די פוס מיט שמאטעס און מיט גרויס מאטערניש זיך דערשלעפט צום טראמוויי.

די ארבעט אין שעכטהויז איז פונקט אין יענעם טאג געווען שרעקלעך שווער. יורגיס האט ווי ווייט מעגלעך א גאנצן אינדערפרי זיך געהאלטן אויפן קראנקן פוס. מיטאג צייט האט ער דערפילט שטארקער די ווייטיק און אין צוויי שעה ארום האט ער שוין געמוזט מעלדן דער אויפזעער, אז ער קאן נישט ארבעטן. ער איז געווארן אפגעשיקט צו פאבריקס-דאקטאר. יענער האט אים באטראכט דעם פוס, געהייסן גיין אהיים און לייגן זיך אין בעט אריין. ער האט צוגעגעבן, אז יורגיס וועט יעצט מוזן ליגן גאנצע צוויי חדשים. פארן דאָזיקן פארפאל איז די פאבריק נישט געווען פאראנטווארטלעך. דאס איז שוין באשטאנען די גאנצע הילף.

פאמעלעך האט ער זיך דערשלעפט אַהיים. דער ווייטיק אין פוס איז געווארן וואס אמאל שטארקער, פינצטער געמאכט דעם וועט פאר זיינע אויגן. ער האָט געלעבט מיטן פחד, אז אט עוין פארלירט ער זיין שטעלע. די מומע עלזע האָט אים געהאָלפן לייגן זיך אין בעט אריין, צוגעלייגט אים קאַלטע קאָמפרעסן, באַנדאַזשירט דעם פוס. זי האָט זיך פאַרהאַלטן דערביי רויק, נישט געוואָלט, אַז יורגיס זאָל באמערקן אויף איר דעם פחד. ביינאכט איז זי ארויס פון שטוב באגעגענען אָנע און די איבעריקע פון שטוב, זי האט זיי איבערגעגעבן וועגן דעם

נאָרפּאַל. מיט אַ קינסטלעכן שמייכל אויף די ליפּן, זענען זיי אַלע צוזאַמען אַריינגעקומען אין שטוב באַרויקט יורגיסן. יאָ, אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום וועט ער שוין זיין פולקום געזונט.

נאָך לאַנגע מי האָט זיך זיי איינגעגעבן אים צו באַרויקן. אַז ער איז שוין ענדלעך איינגעשלאָפן האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט ביים אייוועלע און שטיל גערעדט וועגן זייער פּריש אומגליק. יעצט איז פאַר זיי געשטאַנען אַ מוראַדיקער קאַמף מיטן הונגער. יורגיס האָט געהאַט אין דער באַנק אָפּגעשפּאָרטע זעכציק דאָלאַר, אָבער דער טויטער סעזאָן איז שוין געשטאַנען האַרט פאַר דער נאָז. אינגיכן האָט מען באַדאַרפט מאַריען און יאָנאַסן פאַרקלענערן זייער לוין, זיי וועלן שוין פאַרדינען אַזוי פיל, אַ ס'וועט זיי קוים קלעקן אויף צאָלן צינזן פון זייער הויז.

דאָס איז געווען יאַנואַר, דער סאַמע מיטן פון ווינטער, די ערגסטע צייט פאַר אָרעמעלייט. אַ געדיכטער שניי האָט באַדעקט די גאַסן. די טראַמווייען זענען נישט געפאָרן, און אָנע האָט נישט געהאַט ווער ס'זאָל איר טראָגן צו דער אַרבעט. זי איז זיכער געווען, אַז זי וועט פאַרלירן איר שטעלע אין דער פאַבריק. דער קליינער סטאַניסלאָוואַס האָט געוויינט, ס'איז נישט געווען, ווער ס'זאָל אים פירן צו דער אַרבעט און צוריק ברענגען אַ היים.

יעצט איז זיי געווען מוראַדיק שלעכט. דאָס לעצטע אומגליק האָט אויף זיי גורם געווען אַ סך ליידן. יורגיסן זענען באַפאַלן שלעכטע מחשבות. ס'איז לגמרי נישט געווען מעגלעך אים אָפּצונאַרן. ער האָט פונקט ווי זיי געוואוסט, אַז דאָס גאַנצע בני-בית ליידט הונגער. אַ ווייטיק האָט גענאָגט זיין נשמה. באַלד נאָך די ערשטע צוויי, דריי טעג האָט ער שרעקלעך איינגעדאַרט. פאַר דעם קרעפטיקן יורגיס איז דאָס ליגן אומבאַוועגלעך, געווען שרעקלעך פּיינלעך.

ער איז געווען בעגליכן צום געשמידעטן פּראָמעטעוס. מאָדנע געפילן האָבן זיך געוועקט און אים. ביז יעצט איז ער

צופרידן געווען פון לעבן. ער האט טאקע געליטן. אבער ער איז בייגעקומען אלץ שוועריקייטן. אין די דאזיקע שלאפלאזע נעכט. האט ער געהאט חלומות, פון וועלכע די האר האבן זיך אים געשטעלט קאפויר. ס'האט זיך אים געדוכטן, אז די גאנצע וועלט ברעכט זיך אונטער זיינע פיס, אז אט פאלט ער אין אן אומענדלעכן אפגרונט, יעצט האט ער פארשטאנען די ווערטער פון זיינע אמאליקע פריינט, אז אומגליק קאן צעברעכן דעם שטארקסטן. איז עס טאקע אמת, אז מ'קאן זיי שטארק, ארבעטן ביזן לעצטן אטעם-צוג און שפעטער פאלן ווי א פליג?

דער דאזיקער געדאנק האט מיט אן אייז-האנט געדריקט זיין הארץ, דער געדאנק, אז ער וועט שטארבן צוזאמען מיטן גאנצן בני-בית פון הונגער און קעלט. קיינער וועט נישט הערן זייער זיפצן, קיינער וועט נישט אויסציען די האנט צו געבן הילף. יא, דאס איז דער אימהדיקער אמת... אין דעם דאזיקן קעסלגרוב, וואו ס'זענען פאראן פאלאצן, האט א מענטש געקאנט שטארבן פון הונגער, פארפאלגט ווערן פון דער נאטור, ווי אין דער אוראלטער צייט.

אנע האט פארדינט דרייסיק דאלאר א חודש און סטאניסלאוואס דרייצן. צו דעם האט מען נאך געקאנט אריינרעכנען פינף און דרייסיק דאלאר וואס יאנאס און מאריע האבן געצאלט פאר עסן, פון דעם האבן זיי באדארפט צאלן צינזן פון הויז, ראטעס פארן מעבל. געבליבן איז זיי אויף עסן זעכציק דאלאר, א זעקסטל פון דער סומע האבן זיי נאך געמוזט אויסגעבן אויף באהייצונג.

זיי האבן זיך אפגעזאגט פון אלע תענוגים זיי האבן געטראגן שמאטעס דורך וועלכע ס'האט אריינגעבלאזן א מוראדיקע קעלט. די שיכלעך פון די קינדער זענען געווען צעריסן און צעבונדן מיט שטריק. אנעס קרענק איז וואס אמאל געווארן ערנסטער און געפערלעכער. אין די שטארקסטע רעגנס און קעלטן האט זי געמוזט גיין צופוס צו דער ארבעט. אלין

האבן זיי אויסגעגעבן אויף עסן, אין דאך איז געווען שווער זיך צו דערנערן פון די פופציק דאלאר א חודש.

יא, מעגלעך, אז זיי וואלטן נאך געווען ווי ס׳איז אדורכגעלעבט, אָבער דאן, ווען זיי וואלטן באַקומען בעסערע פּראָדוקטן און פאר א צוגענגלעכן פרייז, ווען זיי וואלטן כאָטש עטוואָס געקאנט די פארהעלטענישן פון דעם נייעם לאַנד. זיי זענען געווען בלינד אין אלעם. זיי האבן זיך געפונען אין א פרעמדער מדינה. וואו אלץ איז געווען אנדערש ווי ביי זיי. זיי האבן געלעבט כמעט מיט בלויז וואורשט, אבער פונוואנען האבן זיי געקאנט וויסן, אז דער וואורשט איז אנגעפולט מיט קארטאָפל מעל און דער טעם, וואס זיי פילן אין אים, איז צוגעגעבן מיט פארשידענע כעמישע מאַטעריאַלן. דאס דאזיקע שלעכטע עסן האבן זיי באדארפט קויפן א גרויסער צאָל אויף צו זעטיקן עלף מיילער. א דאלאר מיט פינף און זעכציק סענט האט צומאל נישט געקלעקט אויף צוויי מאָלצייטן. יעדער וואך האבן זיי עפעס אראפגענומען פון אָנעס אָפגעשפארטע עטלעכע דאָלאר. צום גליק איז דאס קאסע ביכל געווען אויסגעשטעלט אויף איר נאמען, זי האָט געקאנט אפנעמען ס׳געלט אָן יורגיס וויסן, באהאלטן דאס צער פאר זיך אליין.

פאר יורגיסן וואלט א סך לייכטער געווען צו זיין קראנק אויף א שווערערע קראנקהייט, וואס זאל אים לגמרי שטערן דאס טראכטן. ער האט נישט געוואוסט פון די מיטלען וואס ס׳האבן באנוצט די אינוואלידן. ער האט געמוזט ליגן גלייך אדער איבערלייגן זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער. פון צייט צו צייט האט ער אָנגעהויבן שעלטן. טיילמאל האט ער פארלוירן דאס געדולד צו ליגן רויק און ער האט געפרווט אויפשטיין. דעמאלט איז די מומע עלזע אנידערגעפאלן לעבן זיין בעט, געבעטן, אז ער זאל ליגן רויק. זי איז געזעסן לעבן אים א גאנצן טאג, געווישט דעם שווייס פון זיין שטערן, געשמועסט מיט אים, באמיט זיך אים צו מאכן פריילעך, געמאכט אים פארגעסן די ליידן. די קינדער זענען צוליב דער קעלט אפט-

מאל געבליבן אין שטוב, זיי זענען געזעסן אין קיך-צימערל,
וואו יורגיס איז געלעגן, דאס איז געווען דאס איינציקע ווארע-
מע ארט. די דאזיקע מינוטן זענען געווען די שרעקלעכסטע
אין זיין לעבן. זיין איינציקע רויִקע מינוט האט ער געהאט
דעמאלט, בעת די קינדער זענען געשלאפן, ווייל זייערע גע-
שרייען האָבן אים תמיד אויפגעוועקט.

אין די דאזיקע שווערע שעהן איז דער איינציקער טרייסט
פאר די מומע עלזע געווען דער קליינער אַנטאַנאַס. ס'איז גע-
ווען שווער צו פארשטיין, ווי אזוי יורגיס וואלט געקאנט לעבן
אין נישט זעען דאס קינד. יעצט, בעת ער האט געקאנט אומ-
געשטערט קוקן אויפן קינד, איז עס געווען די איינציקע טרייסט
צו זיינע ליידן. די מומע עלזע האט ארייננעלייגט ס'קינד אין א
קויש פון וועש, וואס האט געדינט אנשטאט א וויגעלע, און עס
אוועקגעשטעלט לעבן יורגיס בעט. שעהנווייז האט דער קראנקער
געקוקט אויפן קינד. דער קליינטשינקער אַנטאַנאַס האט געעפנט
די אויגעלעך, דערקענט זאכן און געלאכט... אָ, ווי הערלען
ער האט געלאכט!

דעמאָלט האט יורגיס פארגעסן אין זיין ווייטיק. ער האט
זיך געפילט גליקלעך, אז ער לעבט אין אזא וועלט, וואו
ס'איז נאך פאראן אזא הערלעכע זאך, ווי דער שמייכל פון
זיין קליין זונדעלע... יאָ, די וועלט איז נאך נישט ווי צוב-
ערגסטן. די מומע עלזע האט געהאלטן, אז ס'קינד איז אינ-
גאנצן ענלעך צום פאָטער. זי האט באמערקט, אז אירע ווערטער
פארשאפן יורגיסן פארגעניגן און זי האט עס אָפטמאָל איבער-
געחזרט. דאס אָרעמע ווייבל האט געלעבט אין אַ שטענדיקן פחד.
טאָג און נאכט האט זי נאר געטראכט, ווי אזוי צו בארויקן
דעם געבונדענעם ריז, וואס האט זיך יעצט געפונען אונטער
איר אויפזיכט.

יורגיס האט געהאלטן אַ פינגער פארן קינדס אייגעלעך
געלאכט צופרידן, געקוקט, ווי דעם קינדס אייגעלעך פאָלגן נאָן

דעם פינגער. אָ, צי איז נאך פאראן אויף דער וועלט אזא זאך, וואס זאל אזוי באפרידיקן ווי אַ קינד?

מיט אַ מאָדנער ערנסטקייט האט דאס קינד געקוקט אויף יורגיסן און יורגיס האט עס גערופן:

— פּאַלאַוּק! קוק מומע, ער דערקענט שוין דעם פאטער! יאָ! יאָ! טומאַנאַ שיאָדעלע, קליינער שעלמע.

צוועלפטער קאַפּיטל

דריי וואָכן איז יורגיס געלעגן צו בעט. דאס געשווילעכץ איז נישט אָפּגעטרעטן, די ווייטיק האט נישט נאָכגע־לאָזט. נאך די דריי וואכן האט ער זיך איינגערעדט, אז ס'איז אים בעסער. ער האט געפּרווט גיין ידען טאג אַ ביסל. נאך פיר אזוינע פרווון האט אים שוין קיינער נישט געקאָנט אָפּהאַלטן, אז ער זאל נישט גיין צו דער אַרבעט.

הינקענדיק, האט ער זיך דערשלעפּט צו אַ טראַמוויי־סטאַציע. ער איז געפאָרן צו בראָונען אין שעכטהויז. די אויפזעער האבן אים גערן צוגעלאָזט צו זיין ארבעט... זיי האבן באַזייטיקט דעם, וואס האט געאַרבעט אויף זיין אָרט.

די ווייטיק אין פוס האט אים וואס אַמאָל שטארקער גע־פּייניקט. אַ שעה פארן אויפהערן האט ער דערפילט, אז ער קאן שוין לענגער נישט אַרבעטן. ס'האט אים גערריקט ביים הארץ, ער איז געווען נאָענט פון חלשן. אָ, ווי טראַגיש דאס איז געווען! ער האט זיך אָנגעשפּאַרט ביי אַ פילאר און געוויינט ווי אַ קליין קינד. צוויי חברים האבן אים צוגעפירט צום טראַמ־וויי, געהאָלפן אים איינזיצן. אז ער איז אָנגעקומען אויפן אָרט, איז ער אויסגעשטיגן פון טראַמוויי, אַוועקגעזעצט זיך אויפן שניי, און געזעסן אזוי לאנג, ביז עמעצער פון די דורכגייער האט זיך מרחם געווען איבער אים און אים צוגעפירט אַ היים.

ער האט זיך געלייגט אין בעט אריין. מ'האט געשיקט

נאך אַ דאָקטאָר. ער האט קאנסטאטירט, אז ביי יורגיסן איז צעבראָכן דער פוס. ער האט אנגעהויבן אויסגלייכן דעם אנגעשוואָלענעם פוס, דער ווייטיק איז געווען שרעקלעך גרויס. יורגיס האט פארקריצט מיט די ציין, געריסן די לייוונט פון שטרויזאק. נאך דער אָפעראציע האט דער דאָקטאר ער־קלערט, אז ער וועט מוזן ליגן צוויי חדשים און נישט רירן מיטן פוס. וויבאלד ער וועט זיך נישט צופאסן צו דער פארשריפט וועט ער פארבלייבן אן אייביקער לאָמער.

אין דריי טאג ארום האט זיך ווידער אַ שרעקלעכער שניי דורכגעטראגן דורך דער געגנט. א שעה נאָך פאר זונען אויפגאנג זענען זיי אלע ארויס פון שטוב און זיך באמיט צו דערגיין צו סטאָקיערדס. מיטאָג צייט האט זיך שוין אָנע אומגעקערט אהיים. ביי דער האנט האט זי געפירט סטאניסלאוואסין א פארוויינטן, די פינגער זענען געווען ביי אים געפרוירן. זיי האבן נישט געקאָנט גיין, געווען גע־צוואונגען זיך אומצוקערן פון וועג, ווייל זיי זענען שיער גע־ווארן פארטראגן פון דעם גרויסן שטורם.

עס האט זיך געדוכטן, אז ס׳איז נייטיק אויפצווואָרעמען דעם יונגלס פינגער ביים פייער, א גאנצן טאָג האָט ער געקלאפט מיט די פיס אָן דער פאָדלאָגע, געשריגן פון ווייטיק. יורגיס האט זיך אויפגערעגט, געשאָלטן ווי א משוגענער, געדראָט, אז ער וועט אים דערהרגענען, וויבאלד ער וועט נישט שווייגן.

דער פחד, אז אָנע און סטאניסלאָוואָס וועלן נאך פאר־לירן זייערע שטעלעס האט זיי אריינגעבראכט אין גרויס יאוש. צומארגנס האבן זיי פריער ווי תמיד פארלאזט די שטוב. דער קליינער סטאַניסלאָוואָס האט זיך איינגעעקשנט און נישט געוואלט גיין. יורגיס האט אים געשלאגן מיט א שטעקן. יעצט איז נישט געווען קיין צייט זיך צו שפילן. מ׳האט דעם יונגל געגעבן צו פארשטיין, אז ס׳איז גלייכער צו שטארבן פון קעלט און שניי, איידער צו פארלירן ס׳אָרט ביי דער מאשין פון שמאלץ.

אָנע איז געווען זיכער, אז שוין איז פארנומען איר ארט.

גליקלעך איז זי געווען, בעת זי האט עס נאך געטראפן ליידיק. ס'איז נאר געווען א בלויזער צופאל, ווייל די אויפזעערין איז אויך נעכטן נישט געקומען צו דער ארבעט.

די דאזיקע געשעענישן האבן געברענגט אויף סטאַניסלאַוואסין צוויי אומגליקן. ערשטנס זענען דריי פינגער געווארן ביי אים פולשטענדיק פאראליזשירט, צווייטנס האט ער יעדן באגינען באקומען צעשלאגן, אז ער זאל גיין צו דער ארבעט. דאס האט זיך אזוי געצויגן א לאנגע צייט, ווילאנג דער שניי איז געלעגן אויף די גאסן.

דאס שלאגן האט פארשאפט יורגיסן נאך מער ווייטיק און ער איז געווארן וואס אמאל מערער אויפגערעגט. זיין כאַראקטער האט זיך אין דער צייט מיט גארנישט געבעסערט. אַן אַלט שפריכטוואָרט זאָגט: דער בעסטער הונט הייבט אָן בייסן, ווי באַלד מ'האַלט אים כסדר אויף דער קייט. דאס זעלבע איז געשעען מיט יורגיסן. ער איז געווען געצוואונגען כסדר צו ליגן, ער האט פאַרשאָלטן זיין גורל, געכעסט זיך אויף די שטוביקע. נישט לאַנג איז ער געווען בייז. אָנפס אויגן זענען פייכט געוואָרן און יורגיס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאס מוראדיקע בילד.

מיט די איינגעפאַלענע באַקן, מיט די לאַנגע צעפלושעטע האָר, וואס האבן זיך אים אַראָפּגעלאזט ביז צו די אויגן, האט ער געמאכט אַן איינדרוק פון א פאַרבלאָנדזשעט געשפענסט. די מוסקולן האבן פארלוירן זייער שטייפקייט, ער האט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. זיי האבן נישט געהאט די מעגלעכקייט אים בעסער צו דערנערן. איבעריקנס האט ער אליין געהאלטן, אז ס'איז גלייכער ווינציקער צו עסן, זיי וועלן גיכער קאָנען עפּעס אָפּשפארן. ענדע מערץ איז דאָס קאָסע ביכל שוין געווען כמעט אינגאַנצן אויסגעשעפּט. יורגיס האט זיך דערוואוסט, אז זיי האבן נאך דארט סך הכל דריי דאָלאַר.

דער הונגער האט פאַרטריבן א מענטש פון שטוב אַרויס. אָנאַס איז פאַרשוואונדן. איינמאָל אין א שבת ביינאַכט האט ער זיך שוין מער נישט אומגעקערט א היים. אלע באַמיונגען אים

צו געפונען האבן נישט געגעבן דעם געוואונשענעם רעזולטאַט.

דער אויפזעער פון דורהאַמס פאבריק האט דערציילט, אז ער האט אָפּגענומען דאס וואָכן געהאַלט און דערמיט אוועקגעגאַנגען. יאָ, ס׳האט געקאנט זיין אמת, אבער ס׳האט אויך געקאנט זיין ליגנט, א בלויזער אויסרייד, מיט וועלכן מ׳האט זיך אויך באַנוצט, בעת אַן ארבעטער איז ארייַנגעפאלן אין א הייסן קעסל וואַסער און מער זיך פון דארט שוין נישט ארויסבאַקומען. וואס פאר א שכל וואלט עס געווען צו פאַרשאַפן צער אַ גאנצער פאַמיליע.

דאס זעלבע האט אויך געקאנט געשען מיט יאָנאַסן. ס׳איז אבער געווען קלאָר, אז ער איז אוועק אין דער ברייטער וועלט זוכן גליק. שוין פון עטלעכע חדשים, ווי יאָנאַס האט ארויסגעוויזן אַן אומצופרידנקייט. ער איז גארנישט געווען אומגערעכט. אין שטוב האט ער גענוג געצאָלט פאר עסן, און ער איז קיינמאָל נישט געווען זאַט, תמיד האבן זיי זיך געראַנגלט פאַרן קיום. מ׳האט באַדארפט זיין אַן אמתער העלד איבערצוטראָגן דאס אלץ. יאָנאַס איז דאס גראָד נישט געווען. ער איז געווען א רויק, דורכשניטלעך יונגל, ליב געהאט זיך גוט אָנצועסן, דערנאָך זיך אוועקצוזעצן ביים אייוועלע און אויסרויכערן א לולקע טאַבאַק. אין שטוב האט תמיד אויסגעפעלט פאר אים אָרט. זיי האבן געהייצט אזוי פול, אז זיי זאלן נאר נישט ווערן געפרוירן.

יאָ, ס׳איז גארנישט געווען קיין וואונדער, ווי אזוי יאָנאַסן איז געקומען דער געדאַנק צו אנטלויפן. צוויי יאָר איז ער געווען איינגעשפאנט אין אייזערן וועגעלע אין דורהאמס פינצטערע קעלערס, אין גאנצן יאָר האט ער נישט גערוט מער, ווי יעדן זונטאג און זיינע פיר גרעסטע יום־טובים. ער האט קיינמאל נישט געהערט קיין דאנקבאר וואָרט, תמיד געווארן געטריבן, געשלאגן און ערנידעריקט. אזא לעבן וואלט אפילו אַ הינט נישט פאַרטראָגן!

דער ווינטער האט זיך דערנענטערט צום סוף, ס׳האט אנגעהויבן בלאזן אַ פרילינגס ווינטל, יאנאס האט געוואוסט, אַז

נישט ווייט פונדאנען ליגן אויסגעשפרייט גרינע פעלדער, האט ער פארלאזט דאס פארטשאדעטע סטאקיערדס און זיך אוועקגעלאָזט אין דער ברייטער וועלט זוכן גליק.

זייער איינקונפט איז געווארן פארקלענערט אויף אַ דריטל און ווינציקער איז נאר געווארן מיט איין מענטש. יעצט איז נאך געווען ערגער ווי אמאָל. זיי האבן ווידער געבארגט ביי מאריען, פאמעלעך פארשלונגען איר אפגעשפארט פארמעגן, כסדר איר געשטערט ס׳גליק חתונה צו האָבן. זיי האבן זיך אפילו פארבארגט ביי טאַמאָשיוס קושלעיקי, זיי האבן אים ממש רויניר. דער ארעמער טאַמאָשיוס האט תמיד געקאנט אפשפארן אַ גראָשן, ווייל ער האט נישט געהאט קיין פאמיליען פליכטן, ער איז געווען אַ טאלאנטפולער מענטש, אבער דער גורל האט געוואלט, אז ער זאל זיך פארליבן און דאס האט אים שוין געמאכט אויף תמיד אומגליקלעך.

ס׳איז געווארן באשלאָסן אפצונעמען צוויי קינדער פון דער שול, דעם עלף יאָריקן ווילליאמס און דעם צען יאָריקן מיקאָלאַס. לויט זייערע יארן זענען זיי געווען גוט אַנטוויקלט, ס׳האט נישט געהאט קיין זינען, אז די פאמיליע זאל שטארבן פון הונגער, אפזאגן זיך פון זייער מיטהילף, אין דער צייט, ווען טויזנטער קינדער אין זייער עלטער האבן שוין פארדינט פאר זיך אויף חיונה.

איינמאל אין אַ באגינען האט מען זיי געגעבן צו עטלעכע סענט, שטיקלעך ברויט מיט ווארשט און מ׳האט זיי אַרויסגעשיקט אין שטאט אריין פארקויפן צייטונגען. שפעט ביינאכט האבן זיי זיך פארוויינטע אומגעקערט אהיים, זיי האבן דורכגעמאכט אומגעפער צען קילאמעטער וועג. אַ פארשוין האט זיך אונטערגענומען זיי צו צופירן צו אַן אָרט, וואו מ׳פארקויפט צייטונגען. ער האט אויסגענארט פון זיי ס׳געלט, אריינגעגאנגען כלומרשט אין אַ צייטונגס אגענטור און מער זיך שוין פון דאָרט נישט אומגעקערט.

אינדערהיים האבן זיי באקומען די אמתע קלעפ. און אויף צומארגנס האט מען זיי ווידער משלח געווען אין שטאָט

אריין. דאסמאל האבן זיי שוין אליין באוויזן אפצוזוכן די אגענטור און איינצוקויפן צייטונגען. זיי זענען געלאָפן איבער די גאַסן, אָפּגעשטעלט יעדן דורכגייער און הויך געשריגן: — „פעפער״! אָפּטמאָל האבן זיי פארבלאָנדזשעט אויף אזא אָרט, וואָס איז שוין געווען פארנומען דורך א צווייטן פארקויפער, דעמאָלט האט מען צוגענומען פיי זיי די צייטונגען און נאך גוט אויסגעמקלט. ס'איז געווען א גליק, וואס זיי האבן שוין פריער געהאט פארקויפט אַ שפּאָרע צאָל עקזעמפּלאַרן און זיי האבן זיך נאך אומגעקערט אַ היים מיט אזוי פול געלט, וויפל זיי האבן מיט זיך מיטגענומען.

נאָך אַ וואך פארשידענע צרות האבן זי זיך ביסלעכווייז איינגעאיבט אין דער מלכה. זיי האבן זיך אויסגעלערט די נעמען פון די פארשידענע צייטונגען, דערוואוסט זיך וויפל ס'איז נייטיק צו קויפן פון יעדערן מין און וואס איינעם פארצולייגן, די ריכטונג, וואו ס'איז זיי געווען דערלויבט צו פארקויפן. פיר באגינען זענען זיי ארויס פון שטוב, די גאסן זענען זיי דורכ־געלאפן אין דער דער גרעסטער שנעלקייט. צוערשט מיט די פרימארגן צייטונגען אין דערנאך מיט די אוונט אויסגאבן. ביי־נאכט האבן זיי זיך אומגעקערט א היים מיט צוואנציק אדער דריי־סיק סענט פארדינסט.

פון דער מומע האט מען נאך באדארפט אראפרעכענען אויף טראמווייען, אין שטאט אריין איז נאך געווען גענוג ווייט און וועגן גיין צופוס איז לחלוטין נישט געווען וואָס צו רעדן. גאר אין א קורצער צייט האבן זיי זיך באקענט מיט אנדערע צייטונגס פארשפרייטער. יענע האבן זיי אויסגעלערנט, ווי אזוי אפצושפארן דאס געלט, וואס איז באשטימט געווען אויף דעם צוועק. זיי זענען ארייגעשפרונגען אין טראמוויי אומבאמערקט פארן קאָנדוקטאר און זיך אויסגעמישט צווישן אלע פאסאזשירן. מערסטנטייל האט מען נישט געפאדערט פון זיי צו באצאלן. דער קאנדוקטאר האט אדער נישט באמערקט זייער ארייִנקום אדער געווען זיכער, אז זיי האבן אויסגעקויפט בילעטן. ווי־באלד ער האט זיך ווען ס'איז געפרעגט וועגן א בילעט, דעמאלט

האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס און זיך צעוויינט. דער קאָנדוקטאָר האָט זיי משלח געווען פון דעם טראַמוויי און זיי האָבן זיך תיכף אַרייגעכאַפּט אין אַ צווייטן.

ס'איז זיי אַפילו נישט געקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז זיי טוען שלעכט. ווער איז דען געווען שולדיק אין דעם, אַז די טראַמווייען זענען געווען איבערפולט בעת די אַרבעטער זענען געגאַנגען צו דער ארבעט אדער זיך אומגעקערט פון דער אַר־בעט, אַז די קאנדוקטארן זענען נישט געווען בכח יעדן איינ־ציקן צו באַזאָרגן מיט אַ בילעט? איבעריקנס האָט יעדער איי־נער געהאַלטן, אז די טראַמוויי געזעלשאַפט צוזאַמען מיט די באַאַמטע באַשווינדלען סיי ווי די באַפעלקערונג, זיי פאַרמאַכן די אויגן פאר די גרויסע מיסברויכן, וואָס עס הערשן אין די קאַסע ביכער.

דער ווינטער איז פאַרביי. דער פּחד פאַרן שניי איז פאַר־שוואונדן. זיי זענען געוואָרן פּטור פון די שווערע אויסגאַבן אויף באהייצונג. די קינדער האָבן באגינען פארלאָזט די שטוב און מיט זייערע ווילדע קולות זיך געטראָגן איבער די גאַסן. וואָס אַמאָל האָבן זיי מער פארדינט. יורגיס איז געוואָרן רויקער, ער האָט זיך שוין צוגעוויינט צו ליגן אין בעט. אָנע האָט זיך באַמיט נישט צו שטערן זיין רו, אויסגעמיטן אים צו דער־ציילן אירע ליידן.

ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג, מיט זיינע אפטע רעגנס. אָנע איז געווען געצוואונגען יעדעס מאָל צו פאָרן מיטן טראַמ־וויי. מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן דאַרער און בלייכער. טייל־מאָל האָט איר ארומגענומען אַ געפיל פון עלנט. זי האט גע־וואָלט יורגיס זאָל עס באַמערקן. זי האָט זיך אַליין געפרעגט: צי איז ער נאָך אַזוי צוגעבונדן צו איר ווי אַמאָל? צי האָבן די ליידן נישט פאַרקלענערט זיין ליבע צו איר? זי איז געווען געצוואונגען תמיד צו זיין פון אים דערווייטערט, נישט געקאָנט זיך טיילן מיט אירע ליידן, ווייל ער האט שוין געהאַט גענוג זיינע אייגענע.

זי האָט זיך אומגעקערט אַ היים אַ פאַרמאַטערטע. וויבאלד

זיי האָבן שוין יאָ געהאַט צייט צו רעדן צווישן זיך, איז תמיד געשטאַנען פאַר זיי די טרויעריקייט. יאָ, ביים דאָזיקן געראַנגל פאַרן קיום, איז געווען שווער צו האָבן אַן אמת פילבאַר הארץ. דאָס אַלץ האָט באַשווערט אָנעס האַרץ, פאַרשאַפט איר קרענקונג. זי האָט זיך אָפטמאָל צעוויינט, פאַרוואָרפן די קליינע הענטלעך אויף יורגיס האַלדז און געפרעגט, צי ער ליבט זי נאָך?

אָבער די נויט האט פון יורגיסן געמאכט וואס אמאָל זוינציקער סענטימענטאַל. אויף איר פראגע האט ער נישט געוואוסט, וואס איר צו ענטפערן, ער האט געטראכט, טאָמער האט ער זי מיט עפעס באַליידיקט. אָנע האט אים אַלץ מוחל געווען, זי האט זיך געלייגט לעבן אים און שלוכצנדיק איינגעשלאָפן.

ענדע אַפּריל איז יורגיס אַוועק צום דאָקטאר. דער דאָקטאר האט אים איבערגעבונדן דעם פוס און ענדלעך אים דערלויבט צו גיין צו דער ארבעט. אָבער ליידער איז די דערלויבעניש פון דאקטאר באַך נישט באַשטאַנען אַלץ. אז יורגיס איז געקומען אין שעכטהויז אריין האט דער אויפזעער אים געמאָלדן, אז זיין אָרט איז שוין פארנומען דורך אַ צווייטן. ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער גרויסער האַלע און טרויעריק געקוקט אויף די חברים, וואס זענען געלאָפן ארויף און אראָפּ. ער האט זיך געפילט ווי פארשטויסן, פארלאָזן. ער איז ארויס פון שעכטהויז, אַוועקגעשטעלט זיך צווישן די גאַנצע מחנה ארבעטלאָזע, וואס זענען געשטאַנען ביי די טוירן פון דער פאבריק.

ער האט פארלוירן דעם צוטרוי צו זיך אליין, שוין נישט געהאַט די זיכערקייט, אז ער וועט געפונען ארבעט אזוי גיך, ווי ביים ערשטן מאָל. ער איז שוין נישט געווען דערזעלבער וואס אמאָל. ער איז געווען אויסגעדארט, פארמאטערט, שלעכט אָנגעטון, אויסגעזעען אָרעם. הונדערטער אזוינע פארשוינען האבן זיך געשלעפט גאנצע חדשים איבער סטאקיערדס און געזוכט ארבעט.

דאס איז געווען דער קריטישסטער מאָמענט אין יורגיס׳ לעבן. וויבאלד ער וואָלט געהאט אַ שוואכן כאראקטער, וואלט ער נאָכגעטון אלע אנדערע אויף זיין אָרט. די אָרעמע ארבעט־לאָזע זענען געשטאנען אזוי לאנג פאר די טוירן, ביז די פּאָליציי האט זיי צעטריבן. דערנאָך האבן זיי זיך ארייגעזעצט אין די שענקן. נישט יעדער איז געווען דרייסט ארייננצוגיין אין שעכט־הויז, רעדן אויג אויף אויג מיטן אויפזעער. וויבאלד מ׳האט זיי נישט גערופן צו דער ארבעט אינדערפרי, האבן זיי זיך שוין אַ גאנצן טאָג און א גאַנצע נאכט ארומגעשלעפּט אין די שענקן.

יורגיס האט אויסגעמיטן צוגיין צוזאַמען מיט זיי. אָפּט־מאָל איז ס׳וועטער געווען גענוג שיין און ער האט גאנץ דרייסט געקאָנט שלאָפן אין דרויסן. אָבער מער פאר אלץ האט ער עס אויסגעמיטן דערפאר, ווייל ער האט תמיד געזעען פאר זיך אָנעס פארטרויערטע פּנים. יאָ, מ׳מוז דורכאויס געפונען ארבעט, האט ער גערעדט צו זיך אליין, מ׳מוז! יעדער שעה האט ער זיך געראַנגלט אויף טויט און לעבן. ער מוז געפונען ארבעט! ער מוז פארדינען, אָפּשפּאָרן עפּעס אויפן קינפטיקן ווינטער...

אָבער ס׳איז אין ערגעץ נישט געווען פאר אים קיין ארבעט. ער האט זיך געוואָנדן צו אַלע מיטגלידער פון פאַריין, וואו ער האט נאך, נישט געקוקט אויף אלע צרות, דאך עד היום אָנגעהערט. ער האט זיי געבעטן זיי זאָלן זיך פאר אים באַמיען, ער האט געבעטן ביי זיינע באַקאנטע, געווען גרייט אנ־צונעמען וואסער נאר ס׳איז ארבעט.

גאנצע טעג האט ער זיך געשלעפּט ביי די פאבריקן און ווארשטאטן. אין משך פון איין וואָך האט ער דורכגעוואנדערט גאנץ סטאקיערדס, געווען אומעטום, אָבער אין ערגעץ איז נישט געווען פאר אים קיין אָרט. ער האט געטראכט טאָמער איז שוין געשעען עפּעס אַ שטיקל ענדערונג אין שעכטהויז, וואו ער האט געארבעט און ער איז נאָכאַמאל אוועק אַהין. די אויפזעער האבן אים שוין גוט געקענט און מיט פארשידענע דראָענגען

פארטריבן פון שעכטהויז. דער איינציקער אויסוועג איז געווען צוצושטעלן זיך צו די גאנצע מחנה ארבעטלאָזע, וואס זענען געשטאַנען ביי די טוירן פון שעכטהויז. און שפּעטער, אז דער פּאָליציאַנט וועט זיי פאַרטרייבן פונדאנען, אומצוקערן זיך אַ היים, שפּילן זיך מיט די קליינע קאַטארינע און מיטן קליינ-טשינקן זונדעלע.

מאָדנע געפילן האָבן זיך געוועקט ביי אים. ער האט זיך אָנגעהויבן טיפער פאַרטראַכטן איבער דעם אַלעם. תחילת, אז ער איז נאָך געווען קרעפטיק און פריש, האט ער געפונען אר-בעט באַלד דעם ערשטן טאָג. יעצט, אז ער איז שוין געווען אָפּגענוצט, צעבראָכן, האט מען אים שוין נישט באדארפט. צו-ערשט האבן זיי צוגענומען ביי אים די כחות, צעבראָכן אים מיט זייער גיכער ארבעט, מיט זייער פאַרנאַכלעסיקייט, גלייכ-גילטיקייט און יעצט ווארפן זיי אים, ווי מיסט.

יורגיס האט זיך באַקענט מיט עטלעכע חברים, וואס האבן געליטן פּונקט ווי ער. ער האט זיך דערוואוסט די געשיכטע פון זייער לעבן, תמיד איז עס געווען ענלעך צו זיינע אייגענע איבערלעבענישן. טייל פון זיי זענען געווען צעבראָכן, צעשעדיקט פון דער מאַשין. ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, ווייל זיי האבן נישט געקאָנט אויספירן די ארבעט צו וואס מ'האט זיי געצוואונגען. און די דאָזיקע פאַרשטויסענע האבן זיך איבערגעגעבן דאס שכרות.

טייל פון זיי האבן געארבעט צו צען און צו צוואַנציק יאָר, געהאַלטן זיך אויף די פיס ביז דעם לעצטן אָטעם-צוג. די דאָזיקע זענען געוואָרן באַזייטיקט אָן אַלע צערעמאָניס, זיי זענען געוואָרן ערקלערט פאר צו אַלט. אויף זייער אָרט איז געווען נייטיק יונגע, פרישע מוסקולן. אַלע האבן זיי זיך גע-פונען אין דעם זעלבן מואדיקן צושטאנד, וואס יורגיס. פון דער שווערער ארבעט, שלעכטער דערנערונג, זענען זיי אריינ-געפאַלן אין קראַנקהייט.

וויבאַלד אַן ארבעטער האט ביי אַזא צושטאנד נישט פאַרלוירן די שטעלע, איז עס נאָר געווען אַ דאַנק דעם אויפ-

זעער. די פארשריפטן האבן נאר דאַן אָנערקענט אַן אויסנאם
צופאל, אז די געזעלשאפט האט שוין געטראגן די פאראנט־
ווארטליכקייט פאַרן פאָרפאל. אבער זעלטן ווען זיי האבן גע־
טראָגן די פאראנטווארטלעכקייט. ביי א צופאל האט די פאבריק־
דירעקציע געשיקט אירס א פיפיקן אדוואָקאט צום קראנק גע־
ווארענעק ארבעטער און ער האט זיך שוין באמיט ארויסצובא־
קומען אַן אונטערשריפט, אז דער קראנקער זאָגט זיך אָפּ פון
וועלכע ס'איז טענות צו דער דירעקציע. וויבאלד דער ארבעטער
איז אָבער געווען גענוג דערפאַרן און נישט געלאָזט זיך פאר־
נאַרן, האט ער באַקומען אַ גאַראַנטיע, אז די געזעלשאַפט וועט
שוין תמיד באַזאָרגן מיט ארבעט אים און זיין גאנץ בני־בית.
דעם דאָזיקן צוזאָג האָבן זיי געהיטן ערלעך... גאנצע צוויי
יאָר. נאך די צוויי יאָר איז ער געוואָרן באַזייטיקט. דאַן האָט
ער זיך שוין אפילו געקאָנט מאָנען זיין רעכט.

וואָס איז געשעען מיט די, וואָס זענען געוואָרן באזייטיקט?
פאַרשידנאַרטיק. וויבאלד דאס איז געשעען מיט א קוואַליפי־
צירטן אַרבעטער, האט ער געהאט גענוג אָפּגעשפּאָרט און נאך
געקאָנט אויסהאלטן די שלעכטע צייט. צו די האבן געהערט די
העקער. זיי האבן פאַרדינט א האַלבן דאָלאַר א טאָג און אין
טויטן סעזאָן איין אדער צוויי דאָלאַר. אויף דעם אופן האבן
זיי געקאָנט לעבן און נאך עפעס אָפּשפּאָרן אויך. אבער זיי
זענען געווען גאָר ווייניק, נישט מער ווי זעקס אין יעדער אָפּ־
טיילונג.

יורגיס האט געקענט איינעם פון די ארבעטער, ער האט
געהאט צוויי און צוואָנציק קינדער. און אלע האבן זיי גע־
לומט צו זיין העקער ווי דער פאָטער. וואס שייך די איבע־
ריקע בעטער, וואס האבן פארדינט צען דאָלאַר א וואָך
און אין טויטן סעזאָן נאר פינף, ביי זיי איז אלץ אָפּהענ־
גיק געווען אין דער צאָל מיילער, וואס זיי האבן באדאַרפט
דערנערן. א בחור האט נאך געקאנט עפעס אָפּשפּאָרן, נאר
וויבאלד ער האט נישט געטרונקען, געווען אַן עגאָאיסט,
נישט געוואָלט אונטערשטיצן די אלטע טאטע מאַמע, נישט

קיין ברועער און נישט אַ מינדעריעריקער שוועסטער, וויבאלד ער האט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט חברים, נישט געקו־מען אין דער אָרגאַניזאַציע. אויב ס'האט אים לגמרי נישט אינטערעסירט די מענטשן, וואס זענען געשטאָרבן פון הונגער אין זיין קעגנוואַרט.

רייצנטער קאַפּיטל

אין דערזעלבער צייט, בעת יורגיס האט געזוכט ארבעט, האט דאס גאנצע בני-בית באַווײנט דעם פּריצייטיקן טויט פון קליינעם קריסטאָפאָראס, דער יונגסטער זון פון דער מומע עלזע. ביידע, ער מיטן עלטערן ברודער, זענען זיי געווען קאַליקעס. דעם עלטערן האט געפעלט אַ פוס און קריסטאָפאָראַס האט געהאט אַ צעבראָכענעם ביין, קוים וואס ער איז געגאנגען.

ביי דער מומע עלזע איז דאס שוין געווען דאס מוזשיניקל, זי האט געהאלטן, אז מיט דעם דארף מען שוין פארענדיקן דאס האבן קינדער. דער קליינטשינקער איז געווען שוואך און סקראָפוליש, געווען אלט דריי יאָר און אויסגעזעען קוים ווי פון צען חדשים. ער איז גאנצע טעג ארומגעקראָכן אויף דער פייכטער, ברודיקע פּאָדלאָגע. איינגעוויקלט אין שמאַטעס, תמיד געווען צוגעקילט, גאַנצע טעג געהוסט אָן אויפהער. ער איז געווען אַ פּלאָג פארן גאנצן בני-בית, די מוטער האט אבער אים מער ליב געהאט ווי אלע קינדער, נאָכגעגעבן אים אלץ.

יאָ, ער איז געשטאָרבן. גאנץ מעגלעך, אז פון וואורשט, וואס ער האט אזוי פיל געגעסן. דער וואורשט איז געווען פון טובערקולאָז פלייש. אַ שעה נאכן אויפעסן דעם וואורשט, האט ס׳קינד באקומען בויך-ווייטיק, קאָנוואולסיעז זיך געוואָרפן אויף דער פּאָדלאגע. אין שטוב איז קיינער נישט געווען אויסער די

קליינע קאַטערינע מיטן קליינטשינקן אַנטאַנאַס. קאַטאַרינע האָט געררופן הילף. אבער איידער וואָס-ווען האָט ס׳קינד אויסגעהויכט די נשמה.

קיינער האָט נישט געוויינט אַזוי פיל נאָכן קינד, ווי דאָס אָרעמע מוטערל. ס׳איז געווען אוממעגלעך איר צו טרייסטן. אַז יורגיס האָט פאַרגעלייגט דאָס קינד מקבר צו זיין אויפן חשבון פון דער שטאָט, איז די מומע עלזע אריינגעפאלן אין גרויס פאַרצווייפלונג. זי האָט געוויינט, פאַרבראָכן מיט די הענט. איר קינד זאָל מען מקבר זיין אויפן חשבון פון דער שטאָט, ווי דאָס אָרעמסטע בעטלער-קינד! און די שטיפטאָכטער הערט דאָס אַלץ אויס און רעדט נישט קיין איין וואָרט! אָ, ווען דאָס וואָלט זיך אַזוי דערוואוסט דער פאָטער, ער וואָלט דאָך פון קבר אויפגעשטאַנען און זי פאַרשאָלטן. וויבאַלד ס׳זאָל אַזוי ווייטער זיין, איז שוין גלייכער אַ שפּיי צו טון אויף אַלץ, אויפן גאַנצן לעבן, באַגראָבן זיך לעבעדיקערהייט.

סוף-כל-סוף האָט מאַריע מנדב געווען צען דאָלאַר אויף קבורה געלט. יורגיס האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳ווייניקע און גאַרנישט געוואָלט געבן. די מומע עלזע האָט מיט טרערן אין די אויגן געבאַרגט ביי די שכנים די נייטיקע סומע, אָפּגע-ריכט פאַרן קליינעם די געהעריקע תפילות, געדונגען אַן עגלה מיט ווייסע פערדן אינדערהייך, אַ בכבודיק אָרט אויפן בית-הקברות מיט אַ הילצערנעם צלם.

לאַנגע חדשים האָט געדויערט, ביז דאָס אָרעמע מוטערל האָט זיך באַרויקט. אַז זי האָט אַ קוק געטון אויף דער פּאָדלאָגע, וואו דער קליינער קריסטאָפּאָראַס איז יעצט נישט לאַנג אַרומ-געקראָכן, זענען אירע אויגן געוואָרן אָנגעפילט מיט טרערן: — אָרעם קינד מיינס — האָט זי גערעדט צו זיך — ס׳האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון גוטס, תמיד געווען אומגליקלעך.

מ׳האָט איר דערציילט, אַז מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָט אַ טשיקאַגאָר מיליאָרדער באַצאָלט מיט גאָלד אַן אויס-לענדישן כירורג, אַז ער זאָל קומען היילן זיין קליין טאָכטערל, וואָס איז געווען קראַנק אויף דערזעלבער קרענק, וויאַס דער

אָרעמער קריסטאָפּאָראַס. דער דאָקטאר איז געווען זייער אַ רחמנותדיקער, ווי ער איז נאר אָנגעקומען צום גביר אין שטאט אריין, האט ער געלאזט מעלדן דורך די צייטונגען, אז ער היילט ארעמע קינדער אומזיסט. די גאַנצע פרעסע האט זיך צעשריבן וועגן אים מיט באגייסטערונג. אבער עלזע האט נישט געלייענט קיין צייטונגען, ווען זי האט זיך דערוואוסט וועגן דעם איז שוין געווען צו שפעט. דאס קינד איז שוין געווען טויט. און אפילו זי וואלט יא געווען געוואוסט, וואלט זי זיכער אין יענע טעג צומאל נישט געהאט אויף טראַמווייען צוצופארן צו דעם דאקטאָר. באזונדערס, ווער פון בני-בית וואָלט דאס געהאט צייט מיט איר מיטצופארן.

יורגיס האט נישט אויפגעהערט צו זוכן ארבעט. אַ שווארצער וואָלקן האט געהאנגען איבער זייערע קעפּ. ער איז געווען געגליכן צו אַ מענטש, וואס האט פארבלאָנדזשעט אין אַ וויסטע צווישן ווילדע חיות און ער ערוואַרט אַ ליאַדע מינוט צו ווערן פארשלונגען פון אַ ווילדע חיה און דאָך מוז ער גיין ווייטער, ווייל ער האט נישט קיין אַנדערן אויסוועג. ער איז געווען אומבאהאָלפן. עטלעכע קאטעגאָריעס ארבעטלאָזע זענען געווען אין סטאָקיערדס, יורגיס האָט זיך אריינגערעכנט צו די לעצטע. פאר דער קאטעגאָריע איז נאָר געווען איין אויסוועג, צו אר-בעטן אין דער פאבריק פון קינסטלעך באַמיסטיקונג.

די ארבעטער האָבן גערעדט וועגן דער ארבעט אין דער מיסט פאבריק מיט אַ פארשטיקטער שטים. צווישן צען האט זיך געפונען איינער, וואָס האט געפרוווט דארט ארבעטן, די איבע-ריקע זענען באלד פון דער טיר אנטלאפן. יאָ ס'איז נאך געווען ערגער ווי שטארבן פון הונגער. אז מ'האָט יורגיסן פאָר-געלייגט דאָרט צו ארבעטן האָט ער לאנג געקעמפט מיט זיך אַליין. ער האָט געטראכט: צי האט ער רעכט זיך אפצוזאגן פון אַזא שטעלע אָן אונטערשיד, וואָא פאר אן אַרבעט ס'איז? צי דאַרף ער נאָך טראכטן כאָטש איין מינוט אין אַזאַ צייט, ווען זיי זונקען אין אָרעמקייט, בעת יעדער ליידט איבער די כחות? צי קאָן ער זיך יעצט אומקערן אַ היים עסן דאָס ברויט,

אױף װעלכן ס׳האָט אַזױ שװער געאַרבעט זײַן שװאַך קרענקלעך װײַב? ס׳האָט אים פאַרפעלט מוט! ער האָט געקעמפט מיט זיך, געװאָלט זיך אַלײן מנצח זײַן. דאָך בײַם בלױזן געדאַנק, װעגן דער אַרבעט האָט ער אױפגעציטערט. ער איז געװען אַ מאַן אין פולן זינען פון װאָרט, ער האָט געװאָלט ערפילן זײַנע פליכטן. און ער האָט אָנגענומען אין דער מיסטפאַבריק אַ שטעלע.

דורהאַמס פאַבריק פון קינסטלעכע באַמיסטיקונג, האָט זיך געפונען עטװאָס װײַטער פון די שעכטהײַזער. זעלטן װען אַ זײַטיקער מענטש האָט געפונען פאַר נײטיק זי צו באַזוכן, װײַבאַלד ס׳האָט שױן יאָ עמעצער זי באַזוכט, האָט ער איבערגעחזרט די װערטער פון דאַנטע, אַז ער האָט געזען ס׳גיהנום בײַם לעבן.

אין דער פאַבריק איז געװאָרן צונױפגעפירט ס׳גאַנצע אָפּפאַל פון דער שטאָט. די בײנער זענען געװאָרן געטריקנט אין ענגע, שטיקנדע קאַמערן, װאו ס׳איז קײנמאָל נישט צוגעקומען דאָס טאָג־ליכטיקײט. מענער, װײַבער און קינדער זענען געשטאַנען אײַנגעבױגן בײַ די רױשנדיקע מאַשינען, װאָס האָבן צעמאָלן די בײנער. זײ האָבן אײַנגעצױגן אין זיך דעם עסנדיקן שטױב, װאָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און ביסלעכװײַז האָבן זײ אױסגעהױכט די נשמות.

אין די קאָרידאָרן און היילן, װאו דאָס אַלץ איז געװאָרן אױסגעאַרבעט, איז לײַכט געװען צו פאַרבלאָנדזשען. די עלעקטרישע לאָמפן האָבן געלױכטן שװאַך, װי רױטע, גרינע אָדער געלע שטערנדלעך, אָפּהענגיק פון דער קאָליר און פונװאַנען ס׳האָט זיך געטראָגן דער שטױב. צו די דאָזיקע ריחות איז נאָר געװען לײַכט צו צופאַסן אַ נאָמען אין דער ליטװישער שפּראַך, װײַל אין אַנדערע שפּראַכן האָבן זיך אַזױנע װערטער לגמרי נישט געפונען. כּדי אַרײַנצוקומען אינעװײניק איז געװען נײטיק זיך אָנצונעמען מיט מוט, װי פאַרן אַרײַנשפּרונגען אין אַ קאַלטער באָד. ס׳האָט אַפילו נישט געהאָלפן דאָס צוהאַלטן זיך די נאָז מיט אַ טיכל. אַ קלײנע צײַט איז נאָך געװען מעג-

לעך ווי ס׳איז אויסצוהאַלטן, אבער באַלד האָט מען באקומען קאָפּ ווייטיק. די שלעפן האָבן געהאקט. דער ריח פון אַמאָ־ניאַק האט געשטיקט. מ׳האט באדארפט ראטעווען ס׳לעבן, אנטלויפן, וואס גיכער. און, אז מ׳איז ענדלעך שוין ארויס־געקומען אין דרויסן, האט מען געמאכט אַן איינדרוק פון אַ משוגענעם.

אין דאָזיקן גיהנם האט זיך געטרוקנט דאָס גאַנצע אָפּ־פאַל. ס׳האָט זיך געצויגן אַ טונקל, קלעבעדיק פליסיקייט, דאס האָט געהייסן דאָס אָפּפאַל פון אָפּפאַל. נאָכן אויסטרוקענען איז עס געוואָרן צעמאָלן אויף דינען שטויב, און אויסגעמישט מיט טונקעלער ערד. דאַן איז עס שוין געווען צום באַנוצן. ס׳איז געווארן געשיט אין זעק און צעשיקט אין דער גאנצער וועלט פאר דער בארימטער פאספאר באַמיסטיקונג.

די פּארמער פון טעקסאס אָדער קאַליפאָרניע האבן גע־קויפט דאָס דאָזיקע באַמיסטיקונג, געצאָלט דערפאַר צו פינף און צוואנציק דאלאַר אַ טאָן. מיט דעם האָבן זיי באַמיסטיקט די פעלדער. אין די ערשטע טעג האָט זיך דער שארפער מיסט־ריח געטראגן פון די פעלדער, פון די וועגן, פון די פּאַרמער און אפילו פון די פערד. אַ פארמער האט נאר געקויפט איין טאָן, צעשיט עס אויפן אָפענעם פעלד און אין סטאָקיוערדס איז אין איין געביידע געווען טויזנטער טאָנען דאָס מיסט. ס׳איז געלעגן אין גאַנצע שיכטן אויף דער פּאָדלאָגע, ס׳האט זיך געטראגן אַ מוראדיקער געשטאַנק. בעת ס׳האָט געבלאָזן א ווינט האט זיך געשאַפן גאנצע וואָלקנס שטויב, געטראגן זיך איבער סטאָקיערדס און אויסגעגעסן דער באפעלקערונג די אויגן.

צו דער דאָזיקער געביידע איז יורגיס געקומען טאג טעג־לעך. דער חודש מאַי איז גראָד געווען א קאַלטער. זיינע שטילע תפילות זענען נישט געווארן אָנגענומען. ער האט קיין ארבעט נישט באקומען. אין אָנהייב יוני זענען אַנטשטאַנען גרויסע היצן. די ביינער-מאַשין האט זיך געבייטיקט אין ארבעטער זי צו באדינען. דער אויפזעער האָט גוט געקענט יורגיסן, ער האט געזען אין אים אַ פעיקן ארבעטער אין דער ביינער-אָפּטיילונג, איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג, בעת יורגיס איז אזוי געשטאנען

פאַרן טויער פון דער פאַבריק, האָט דער אויפזעער צו אים א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אין צען מינוט אַרום איז שוין יורגיס א האלב נאקעטער געשטאנען ביי דער ארבעט.

זיין נייע אַרבעט האט ער זיך אויסגעלערנט אין משך פון עטלעכע מינוט. ער איז געשטאנען ביי אַן אָפענע מיל וואס האט צעמאלן די ביינער אויף שטויב. דאס מיסט האט ז ן ארויסגעשיט פון אַן עפענונג, צעטראגן ארום זיך וואלקנ שטויב. יורגיס איז געשטאַנען מיט אַ לאָפּאַטע אין האַנט און באדארפט אריינשיטן דאָס דאזיקע מיסט אין וועגעלעך. לעבן אים זענען געשטאנען נאך פינף אַרבעטער און אויסגעפירט די זעלבע אַרבעט. אין דאזיקן נעפּל פון שטוב האט ער זיי אפילו נישט געזעען, ער האט נאר געהערט, ווי זיי האבן באוועגט מיט די לאָפּאַטעס. אז זיי האבן אנגעפולט איינס אזא וועגעלע, האבן זיי ס'אנדערע שוין געמוזט זוכן אין דער פינצטער, געווארט אויף דעם אזוי לאַנג, ביז זיי האבן עס געבראכט אויף די אייגענע פּלייצעס.

עטלעכע מינוט זענען פארביי און ער האט זיך איינגאנצן פארוואנדלט אין אַ באַרג מיסט. מ'האט אים דערלאנגט אַ שוואָם, מיט דעם האט ער זיך באדארפט פייכט מאכן די ליפן, כדי צו קאָנען אָטעמען, אבער די שוואָם האט ווינציק וואָס געהאָלפן, די ליפן און די ברעמען זענען געווארן פארצויגן מיט א דיקע הויט, ידי אוירן פאַרשטאָפּט. אין שאטן האט ער אויסזעען ווי אַ שווארצער פלעק. ער האט געהאט די זעלבע קאָליר, וואָס די פאבריק און אלץ, וואס איז געווען אויסגעשפרייט אויף הונדערט מעטער אַרום. די טירן זענען געווען כסדר אָפן, ווייל אנדערש איז געווען אוממעגלעך זיך צו דערהאלטן אינעווייניק. דאָס אָפן האַלטן די טירן האָט בעת די גרויסע ווינטן פארשאפט דורהאמען גרויסע שאָדנס.

ער האט געארבעט אין בלויזן העמד, ביי פינף און פערציק גראַד היץ. דער פאָספאָר האט אים דורכגעגעסן ס'לייב. נאָך די ערשטע פינף מינוט האט ער תיכף באַקומען קאָפּ ווייטיק. און אין אַ פערטל שעה ארום איז ער שוין געווען

אינגאנצן ווי פארטויבט. דאָס בלוט האָט געזעצט אין פּנים, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. ער האט דערפילט אַ ווייטיק אין שאַרבן און קוים וואָס ער האָט באַוועגט מיט די הענט. אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אָן אַלץ, וואס ער האט געליטן אין די לעצטע חדשים, און ער האט באַשלאָסן צו אַרבעטן ווייטער. אין אַ האלבע שעה אַרום האט ער אנגעהויבן שרעקלעך ברעכן, ס׳האט זיך אים געדוכטן, ווי ער ברעכט ביסלעכווייז אויס די אינגעווייד. דער אויפזעער האט אים געזאָגט, אז ער וועט זיך גאנץ לייכט צוגעוויינען צו דער ארבעט, מ׳באדארף נאָר אויסהאלטן די ערשטע טעג.

אז ס׳איז געוואָרן נאכט, האט ער זיך שוין לחלוטין נישט געקאָנט האלטן אויף די פוס. יעדער ווילע איז ער געבליבן שטיין, אנגעשפּארט זיך ביי אַ פילאר, כדי צו קומען צום באַוואוסטזיין, די מערסטעטייל ארבעטער האבן נאכן פאַרלאָזן די פאבריק זיך צעשיט איבער די שענקן. אבער יורגיס האט זיך געפילט קראַנק, נישט געטראכט אפילו וועגן טרונקען. ער האט זיך דערשלעפּט ביז צו אַ גאָס און געוואַרט אויף אַ טראַמוויי.

שפּעטער, אז ער איז שוין געווען צוגעוויינט צו זיין באשעפטיקונג, האט ער ליב געהאַט איינצושטייגן אין טראַמוויי און זיך צוקוקן צו דער בהלה, וואָס ס׳האט ארויסגערופן זיין אריינקום. די פּאַסאַזשירן האבן אָנגעהויבן ציען מיט די נעז, ארויסגעשלעפּט נאָז-טיכלעך און זיך פארשטעלט די נאָז-לעכער. זיי האבן געקוקט אויף אים מיט כעס. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אויפגעשטעלט איינער און איז ארויס פון טראמוויי, באַלד נאך אים אַ צווייטער, אַ דריטער, ביסלעכווייז איז דער טראמוויי געוואָרן ליידיק ווער ס׳האט שוין נישט געהאַט קיין אָרט אויף דער פאָדערשטע פלאַטפארמע, דער האט ליבערשט געוואַלט גיין צופוס.

אַז ער איז אריינגעקומען אין שטוב אַריין, האט זיך די שטוב פארוואנדלט אין אַ קליין פאבריקל פון מיסט. דאס געשטאנק האט דורכגעגעסן זיין לייב. אויף פּטור צו ווערן

ון די שלעכטע ריחות וואָלט ער באַדאַרפט אַרבעטן אַ גאַנצע
יואָך, רייבן די הויט מיט אַ באַרשט. דער ריח. וואס האט
ויך געטראגן פון אים, האט דורכגענומען דאס עסן, וואס
מ׳האט געשטעלט פאר אים אויפן טיש. ראס גאנצע בני-בית
האט אָנגעהויבן ברעכן. יורגיס אַליין האט דריי טאָג אויסגע-
בראָכן ס׳גאנצע עסן, וואס ער האט נאר געגעסן. דאס וואשן
די הענט האט ווינציק-וואס געהאלפן, וויבאַלד ער האט נאָר
באַרירט דאָס עסן דורך אַ גאפל אָדער לעפל, איז שוין דער
מיסט-ריח געווען פיל אין מויל און אין האַלדז.

אַזוי האבן זיי ווידער דורכגעלעבט אַ זומער, אַ געבענטש-
טער זומער פאַר אַמעריקע. אויף די פראָדוקטן פון סטאָקיערדס
איז געווען א שטאַרקע נאָכפראַגע. נישט געקוקט אויף די באַ-
מיוגגען פון די פאַבריקאַנטן, אַז ס׳זאָלן זיין וואָס מער אַר-
בעטלאָזע, האבן דאך אַלע באקומען ארבעט. ווידער האט זיך
עמאַכט פאַר יורגיסן אַ מעגלעכקייט אָפצוצאָלן די חובות און
נאך עפעס אָפצושפּאָרן אויך. דאס לעבן האט געפאדערט פון
ויי איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג, גרויסע קרבנות. דער האַנדל
מיט צייטונגען האט אויף די קינדער שלעכט געווירקט, די
קללות, וואס זיי האבן באַקומען אין שטוב האט זיי ווינציק-וואס
געהאלפן. זיי האבן זיך צוגעפּאַסט צו זייער האַנדל, אויסגע-
לערנט זיך שעלטן אויף ענגליש, געזוכט אין די רינשטאָקן די
נישט אויסגערויכערטע שטיקלעך ציגאַרן, אויסגעלערנט זיך
שפּילן גאנצע שעהן אין קאָרטן.

זיי האָבן געקענט אלע עפנטלעכע הייזער, די מיידלעך,
וואס האבן דארט געוואוינט, זיי האבן שוין געוואוסט, ווען
ז׳דארפן פאָרקומען פארוויילונגען פאר אָפיצירן, פּאָליציי-לייט
און פּאָליטיקער. א פאַרבלאָנדזשעטן האבן זיי קלאָר געמאכט
דעם וועג, אָנגעוויזן דאס הויז און אפילו דאס צימערל...
וויבאלד עמעצער האט זיך געפרעגט דעם וועג צו דער באַרים-
טער שענק פון הינקערדיק, האבן זיי אים תיכף דאָרט אהינ-
געפירט, באַקענט אים מיט אלע שפּילער און שווינדלער. וואס
האבן זיך דארט פארזאַמלט.

שלעכט איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן אויפגעהערט איני־גאַנצן צוקומען אַ היים: — צוואָס—האָבן זיי געטענהט — דאַרף מען פאַרלירן צייט און געלט אויף טראַמווייען, אַז מ׳קאָן אַזוי באַקוועם דורכשלאָפן די נאַכט אין אַ וואַגאָן אָדער אין וועלכן ס׳איז טויער. ווילאַנג זיי האָבן געבראַנגט אַ היים אַ דאָלאַר פאַרדינסט, איז זיי נישט געווען קיין גרויסער אונטערשיד, ווי אַזוי זיי האָבן אים פאַרדינט. אָבער יורגיס האָט געהאַלטן, אַז די קינדער וועלן צו ווייט פאַרקריכן, ביסלעכווייז וועלן זיי אינגאַנצן אויפהערן קומען אַ היים. ער האָט באַשלאָסן, אַז ווילּיאַמס און מיקאָלאַס זאָלן צוריק אָנהייבן באַזוכן די שול און אויף זייער אָרט וועט די מומע עלזע זיך אויסזוכן אַן אַרבעט, די קליינע קאַטערינע, וועט איר שוין פאַרטרעטן אין דער ווירטשאַפט.

קאַטערינע איז פּונקט ווי אַלע אָרעמע קינדער פּריציי־טיק געוואָרן רייף. זי האָט שוין געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט דער קאַלעקי, שפּילן יורגיס קינד, קאָכן, וואַשן ס׳געפעס, אויפרוי־מען די שטוב. די וויעטשערע האָט זי געמוזט צוגרייטן אויף ביין אַזייגער ביינאַכט, ווען זיי זענען שוין אַלע געקומען אַ היים. זי איז געוואָרן אַלט דרייצן יאָר, געווען שוואַך אַנט־וויקלט. די אַרבעט האָט זי אויסגעפירט אָן תּרעומות.

דריי טאָג האָט עלזע געזוכט אַרבעט, לסוף האָט זי באַ־קומען אַ שטעלע אין אַ וואורשט פאַבריק. זי איז געווען צו גע־ווינט צו שווערער אַרבעט, אָבער אַקעגן די שטוב אַרבעט, איז די אַרבעט אין דער פאַבריק איר אויסגעקומען פול שווערער, זי האָט געמוזט שטיין אויף איין אָרט פון זיבן באַגינען ביז האַלב איינס, און פון איינס ביז האַלב זעקס. תּחילת האָט זיך איר געדוכטן, אַז זי וועט עס נישט איבער־האַלטן, זי האָט געליטן קאָפּ ווייטיק פּונקט ווי יורגיס, די ערשטע טעג אין דער מיסט־פאַבריק. זי האָט געאַרבעט אין אַ פינצטערער קאַמער, טאָג און נאַכט ביי דער עלעקטרישער ליכטיקייט און אין אַ שרעקלעך פייכטקייט. די פּאָדלאָגע איז תּמיד געווען באַ־

גאָסן מיט וואסער. איבערן גאנצן צימער האט זיך געטראָגן אַ ריח פון פארפוילט פלייש.

די ווורשט-פאבריקאציע איז געווען זייער אינטערעסאנט פאר באזוכער, אבער נאר אין די ערשטע פינף מינוט, אויך מיט אַ באדינג, אז זיי זאלן נישט קוקן אויף די ארבעטער. אינטערעסאנט איז געווען זיך צוצוקוקן צו די מאשינען. אין די אַמאָליקע צייטן האט מען דא געהאקט ס׳פלייש מיט אַ האק-מעסער און אָנגעפילט די ווורשטן מיט די הענט. ס׳איז געווען אינטערעסאנט אויסצופאָרשן ביי וויפל ארבעטער די נייע מאַשינען האבן אוועקגענומען ס׳ברויט פון מויל.

אין איין עק האַלע זענען געשטאנען גרויסע קוישן, וואוהין ארבעטערינס האבן אריינגעווארפן לאָפּאַטיס פלייש און געווירצן. גרויסע מעסער האבן עס צעשניטן אויף קליינע שטיקלעך. אז ס׳איז שוין געווען גוט צעשניטן, איז עס געווארן אויסגעמישט מיט קארטאפל-מעל, דורכגעגאסן מיט וואסער און אריבערטראנספּאָרטירט אין דער גרויסער שטאָפּ-מאשין, וואס האט זיך געפונען אין צווייטן ווינקל. די דאָזיקע מאשין איז געוואָרן באדינט פון בלויז פרויען. זיי האבן אויסגעפירט זייער ארבעט פלינק, קוים וואס ס׳איז געווען מעגלעך אנצו-כאפּן מיטן אויג.

אין די גרויסע נעפּלען רויך באווייזן זיך טונקעלע, פאר-קנייטשטע שטערנס, טויט, בלייכע ליפּן, איינגעפאלענע אויגן. די באזוכער, וואס קומען אין דער פאבריק ציען זיך צוריק, אבער די ארבעטערינס פארבלייבן ווייטער, אַ טאג נאך אַ טאג, אַ יאָר נאך אַ יאָר, אין א כסדרדיקן געראנגל מיטן טויט... זיי ארבעטן אויף שטיק, באדארפן דערנערן גאנצע פאמיליעס. די שטרענגע, אומרחמנותדיקע פאבריקס-פארשריפטן באפעלן צו ארבעטן גיך ווי די מאשינען. מיט זייער גאנצן פלאם געבן זיי זיך איבער דער ארבעט, האבן נישט קיין צייט אפילו אַ בליק צו טון אויף די זייטיקע מענטשן, וועלכע קוקן אויף זיי, ווי אויף ווילדע היות, וואס זענען פארמאכט אין אַ שטייג.

פערצנטער קאַפּיטל

מאַריע ווערטשינסקע האָט געאַרבעט אין דער קאָנסערוון־פאַבריק און די מומע עלזע אין דער וואורשט־פאַבריק. יעצט האָבן זיי געהאַט דאָס געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַלע שווינדלערייען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די שעכט־הייזער. דאָס פאַרפוילטע פלייש, וואָס האָט שוין צו גאָרנישט געטויגט, האָט מען באַנוצט צו די קאָנסערוון און צום וואורשט. זיי זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין סטאָקיערדס האָט מען פון אַלץ געקאָנט עפּעס אויסאַרבעטן אויסער אַ קוויטש פון אַ חזיר.

יאָנאַס האָט זיי דערציילט, ווי אַזוי מ׳האָט אויפגעפרישט דאָס פאַרשטינקענע פלייש, באַזייטיקט דעם שלעכטן ריח און צעשיקט אין די שענקן, וואו מ׳האָט עס געטיילט אומזיסט צו יעדן גלעזעלע בראַנפן.

די וויסנשאַפט האָט דאָרט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל. מיט פאַרשידענע כעמישע מיטלען האָט מען צוגעגעבן דעם רויען פלייש אַ קאָליר, טעם און אַן אָנגענעמען ריח. ביים אויסאַרבעטן די בריסטלעך האָט מען זיך באַנוצט מיט אַן אַפּאַראַט, וואָס האָט פאַרטאָפּלט די פּראָדוקציע אין דער פאַבריק. דער אַפּאַראַט איז באַשטאַנען פון אַ נאָדל צוגעפעסטיקט צו אַ פּוס־פּלומפּל. די דאָזיקע נאָדל איז געוואָרן אַריינגעשטאָכן אין פלייש, ס׳ראָד פון פּלומפּל איז געוואָרן געלאָזט אין גאַנג און באַלד האָט דאָס כעמישע מאַטעריאַל דורכגעזאַפּט דאָס ברוסטל.

אָבער טיילמאָל האָט זיך דאָס פאַרפוילטע פלייש אָנגע־

זאמלט אַזוי פול, אַז די אַרבעטער האבן זיך נישט געקאנט איינהאַלטן אין די ארבעטס־האַלעס. צום דאָזיקן פלייש האבן די אייגנטימער זיך באנוצט מיט דיקערע נאָדלען און מיט נאכאמאל אזוי פול כעמיש מאַטעריאל און דער שלעכטער ריח האט געמוזט אָפּטרעטן.

פון צייט צו צייט זענען דארט געווארן איינגעפירט די בייעסטע מעטאָדן. מ׳האט אנגעפילט בלאזן מיט שטיקלעך פלייש און זיי אַ נאָמען געטון „ברוסט אין בלאז". די גאר צעפוילטע בריסטלעך זענען צוריק געווארן אפגעשיקט אין דער אפטיילונג, וואו ס׳האט געארבעט די מומע עלזע. דארט האט מען עס אויסגעמישט מיט פריש פלייש און דער שלעכטער ריח איז פארשוואונדן. קיינער האט נישט געוואגט צו פרעגן מיט וואס פאר אַ פלייש מ׳האט אנגעפילט די ווורשטן. פון אייראָפּע זענען צוריקגעקומען גאנצע טראנספּאָרטן פארפוילט פלייש, מ׳האט עס דורכגעשיט מיט בוראַקס, גליצערינע, און עס אריינגעטראנספּאָרטירט אין די גרויסע מאשינען און איבערגעארבעט פארן אינערלעכן געברויך.

דאס פלייש האט זיך געוואלגערט אויף דער פארשטויבטער, באשפּיגענער פאדלאגע, וואו ס׳זענען הין און צוריק געלאַפן מענטשן. דערנאך איז עס געוואָרן אריינגענומען אין דער מאשין, וואס האט אויסגעארבעט ווורשט.

אין טייל אפּטיילונגען איז ס׳פלייש געלעגן ממש פולע קופּעס. דורך די צעבראכענע דעכער האט אַריינגערעגנט, געמאכט עס נאס. טויזנטער מייז זענען אַרומגעקראכן אויפן פלייש. ס׳איז געווען שטאַרק פינצטער, אז מ׳האט אויסגעשטרעקט אַ האנט, האט מען אָנגענומען אַ פולע האנט מייז־דרעק. די מייז זענען באשטאנען אַן אמתע פּלאָג פארן שעכטהויז. די דירעקטאָרן האבן ארויסגעגעבן אַ באפעל צו לייגן אומעטום פארסמט ברויט. די מייז זענען אויסגעפּגרט און שפּעטער, האט מען זיי צוזאמען מיטן פארסמטן ברויט און פלייש אריינגעמאָלן אין ווורשט.

יאָ, דאס איז נישט קיין אויסגעטראכט מעשהלע, דאס פלייש האט מען מיט לאָפּאַטיס געלאדעוועט אויף וועגעלעך און

די ארבעטער האבן אפילו נישט אַרויסגענומען די מייז דעמאָלט, ווען זיי האבן זיי באמערקט. איבעריקנס זענען נאך דארט גע־ווארן אריינגעוואָרפן ערגערע זאכן, אָקעגן וואס געפּגרטע מייז זענען נאך געווען אַ קלייניקייט.

די אַרבעטער האבן זיך געוואשן די הענט אין די רעזער־וואואַרן פונוואנען ס׳איז געפלאָסן וואסער צום וואורשט. דאס אָפּפאל פון געקאַכטן פלייש, אַלע פארעלטערטע, אומפעליקע שטיקלעך, דאס אָפּפאל — אלץ האט איינגעשלונגען אין זיך די קיינמאָל נישט אָנגעזעטיקטע וואורשט־מאשין.

אָט אין דער אַטמאָספער האט געלעבט די מומע עלזע אזוי האט אויסגעזעען די ארבעט, וואס זי איז געווען גע־צוואונגען אויסצופירן. די ארבעט איז געווען אן עקלהאפטע, פארטעמפּטע איר געדאנק און אויסגעשעפּט אירע כחות. זי איז באשטאנען אַ שרייפעלע פון דער גרויסער מאשין, וואס זי האט באדינט, אלע אירע חושים, וועלכע זענען נישט געווען נייטיק צו אט דער ארבעט, האָבן געמוזט פארלירן זייער דענקונגס קראפט און פארשוואונדן. די דאָזיקע פיינלעכע ארבעט האט דער מומע עלזע געמאַכט גלייכגילטיק צו אלץ. ביסלעכווייז איז זי אַריינגעפאלן אין אַ צושטאנד פון מעלאַנכאָליע. יעדן אָוונט, נאָכן פארלאָזן די פאַבריק, איז זי ארויס באגעגענען יורגיסן מיט אָנע. אלע דריי האבן זיי זיך שווייגנדיק אומגעקערט אַ היים.

אָ, אָרעמע אָנע! אויך זי האט געשוויגן. ווי פריילעך זי איז געווען אמאל, געזונגען ווי אַ פייגעלע. יעצט איז זי גע־שטאנען אַ שווייגנדיקע, קראנק און דערשלאָגן, קוים וואס זי האט זיך דערשלעפּט אַ היים. זיי האבן אָפּגעגעסן די וויעטשערע און געלייגט זיך שלאָפן. וואס דען האבן זיי געהאט צו טון, זיצן און שמועסן וועגן זייער אומגליק? נישט לאנג האט געדויערט אין זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ הארטן שלאָף, אויפגעכאפּט זיך דעמאָלט, ווען זיי האבן שוין באדארפט גיין צו דער ארבעט. זיי זענען געווען פארשטיינערט, לחלוטין נישט

געפילט קיין הונגער. די קינדער האבן זיך באַקלאָגט, געוויינט, אַז ס'איז נישט געווען וואס צו עסן.

זייערע נשמות זענען נאך נישט געווען לגמרי פאַרלאָשן, אַלע זענען זיי נאר געווען פאַרזונקען אין אַ לעטארגישן שלאָף. טיילמאָל האבן זיי זיך געוועקט פון דער דאָזיקער לעטארגיע און באַוואוסטזיניק אָנגעהויבן באטראכטן זייער אייגנטלעכן צושטאנד. די טוירן פון אלטע ערינערונגען האט זיך פאר זיי געעפנט. די אַמאָליקע פריידיקייט האט אויסגעשטרעקט צו זיי די הענט, ס'האט אויפגעשיינט פון דאָרט די אַמאָליקע האָפענונג און חלומות. דעמאָלט האבן זיי געזיפצט אונטער דער קנעכטשאַפט, וואס האט זיי אזוי אונטערדריקט. די שטים איז זיי שטעקן געבליבן אין האַלדז. פארשוואונדן איז דער פחד, יענער שרעקלעכער פחד, וואס איז געווען ערגער פארן טויט. דער גורל האט זיי מנצח געווען, זיי האבן פארשפילט דעם לעצטן קאָן. ס'האט זיך נישט געהאַנדלט בלויז אינם קליינעם לוין, וואס זיי האבן באקומען. זיי האבן געחלומט וועגן פרייהייט, געוואלט זיך מאַטערן אויף דער זינדיקער ערד, כדי זיך צו אנטוויקלען, לעבן לייטיש און באַשיידן, דערציען די קינדער פאר מענטשן. אָבער דאס אלץ איז נאר געווען אַ אילוזיע, אַ פאנטאזיע, אַ חלום! אין דער גרויסער שפיל פון לעבן האבן זיי פאטאל פאַרשפילט. ערשט אין זעקס יאָר ארום וועט דאס הויז זיין זייער אייגנטום, אבער צי וועלן זיי קאָנען זיך דאָרט פריי באַוועגן, אָפעטמען, צי וועלן זיי אויסהאלטן זעקס יאָר אַזא שווערע אַרבעט? זיי האָבן געפילט, אז ס'איז אוממעגלעך. יאָ, זיי זענען געווען פאַרלוירן, געזונקען, וואס אמאָל טיפער און טיפער, נישט געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון דעם גיהנום, זיי זענען געווען געגליכן צו אַן אייביק פאַרמשפטן. די ייזיקע שטאָט האט זיי פאַרשלונגען אין זיך, ווי דער אָקעאַן, ווי אַ וויסטע, ווי אַ זומפּ.

אזוינע געדאַנקען האבן געפייניקט אָנען ביינאַכט, ווי זי האט נאר אויפגעמאכט אירע אויגן. זי איז געלעגן שטיל, געשראָקן זיך פאַרן טאַקט פון אייגענעם הארץ. איינמאָל ביינאַכט

האט זי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און שטארק צעוויינט. יורגיס האט זיך איבערגעוועקט און צאָרנדיק זיך צעבייזערט. פון דעמאָלט אָן האט זי זיך אויסגעלערנט פאַרגיסן אירע טרערן אין דער שטיל. זעלטן ווען זייערע הערצער האבן געטראָגן אין זיך דיזעלבע פאַרלאנגען, אפילו זייערע האָפענונגען זענען געווען באגראָבן אין באַזונדערע קברים.

יורגיס, דער מאן האט געהאט זיין אייגענע זאָרג. אַן אנדער געשפּענסט האט אים פאַרפאָלגט. ער האט קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם, נישט דערלויבט אפילו אנדערע רעדן. אים אליין איז עס אפילו געווען שווער צו גלויבן, אבער דאך איז ער דורך אַ געהיימער, פאטאלער קראפט געוואָרן געשטויסן וואס אמאָל טיפער. ער האט אנגעהויבן טרונקען.

ער האט געאַרבעט אין דעם גיהנם אַ טאג נאך אַ טאָג, אַ וואך נאך אַ וואך, תּמיד געפילט אַ ווייטיק אין לייב, אין קאפּ האט געמישט, ווי די שטורעמדיקע כוואַליעס פון אָקעאַן. אויפן וועג אַ היים האבן די הייזער געטאנצט שורותווייז ארום אים. אין איינציקע הילף איז געווען צו דעם אלעם: טרונקען! לייכט איז געווען צו פארגעסן אין די ווייטיק, ער האט דער־פילט אַ פאַרלייכטערונג, אַ פארגעסנקייט. אויף אַ ווײלע זענען פארשוואונדן אלע דאגות, דער בראָנפן האט באהערשט זיין געדאנק. זיין פארשטארבענער איך האט זיך געוועקט אין אים, געווארן פרײלעך. אין די דאזיקע פארגעגנגלעכע מינוטן האט ער זיך געפילט אַ מענטש, וואס הערשט איבער זיין געדאנק...

תחילת איז אים שווער געווען אויסצוטרונקען מער ווי צוויי, דריי גלעזעלעך. צום ערשטן גלעזעלע האט ער באקומען אן אומזיסטן צובייס, איז עס שוין במילא נישט אריינגעגאנגען אין חשבון. ס׳צווייטע האט נאכאמאָל ביי אים געוועקט דעם אפּעטיט צום עסן. אבער צו די גלעזעלעך האט ער נישט צו־באקומען קיין צובייס און דאן האט דאס שוין אים אויס־געמאכט צו טייער.

איינמאל האט ער זיך געלאזט פארפירן פון טיוול. ער האט פארטרונקען ס׳גאנצע געלט, וואס ער האט געהאט ביי

איך ער איז געווען פריילעך, גליקלעך, ווי נאָך קיינמאָל נישט זיך דעם יאָר. ער האָט אבער געוואוסט, אַז די פרייד וועט לאַנג נישט דויערן. באַלד איז ער אריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס אויף די, וואָס האָבן אים פארשטויסן צו אָרעמקייט, וואס האבן אים געבראַכט אויף דער זינדיקער וועלט, צום לעבן. טיף אין זיין נשמה האט ער געפילט אַ פארשעמטקייט פאר זיך אַליין.

שפעטער, אַז ער האט דערזען די דערשלאַגנקייט ביי דער באמיליע, ווען ער האט איבערגעציילט וויפל ער האט פאַרשכורט, האט זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. און ער האט אנגעהויבן אַ קאמף מיטן שכרות.

דאָס איז געווען אן אומאויפהערלעכער קאַמף. אבער יורגיס האט זיך נישט געקאנט אפגעבן קיין געגויען דין וחשבון פון דעם אַלעם, ער האט לחלוטין נישט געהאט קיין צייט צו טראכטן עפעס וועגן דעם. ער האט נאר געוואוסט, אז ער קעמפט אָן אויפהער. אין דער דאזיקער עלנט און האפענונגסלאָזן לעבן, איז דאָס דורכגיין די גאס גלייכגילטיג, געווען די ערגסטע פיין. אין יעדן ווינקל האט זיך געפונען אַ שענק. יעדער באַזונדער האט אויסגעשטרעקט צו אים די אָרעמס, יעדערע שענק האט געהאט אירע באזונדערע אייגנטימלעכקייטן, אירע אַטראַקציעס. דארט האט ער געפונען ווארעמע שטובן, ליכטיק, שיסלען, פון וועלכע ס'האט זיך געטראגן קיצלדיקע ריחות, אַ גוטן ברודער און אַ פריינטלעך וואָרט. איידער ער האט פאַרלאָזט די שטוב, האט ער פעסט געדריקט אָנעס האַנט און גיך ארויס פון שטוב.

אָ, ווי שרעקלעך וואלט געווען, אז אָנע וואלט זיך דערוואוסט וועגן דעם אומגליק. ביים בלויזן טראכטן וועגן דעם, איז ער שיער אראָפּ פון זינען... זי האט נאָך קיינמאָל נישט געפילט דעם טעם, פון טרונקען ווי שווער איר וואלט געווען אים צו פארשטיין. טיילמאָל אין מינוטן פון גרויסן יאוש, האט ער באַגערט, אז אויך זי זאָל אנהייבן טרונקען, זי וואלט זיך בּיסלעכווייז צוגעוויינט און ער וואלט זיך נישט באַדארפט

פאר איר היטן. זיי וואלטן געקאנט גיין אין שענק אריין צוזאמען, אנטלויפן פארן פחד, פאר די ליידן, אנטלויפן כאטש אויף איין מינוט... אבער ערגער געמאכט דער צוקונפט.

ס׳איז געקומען א צייט. ווען דאס לעבן האט זיך פארוואנדלט אין א כסדרדיקן קאמף מיטן שכרות. סזענען געווען מינוטן אין וועלכע ער האט געהאסט ס׳גאנצע בני-בית און אפילו אויך אָנען, ער האט געפילט ווי זיי שטערן אים, געהאלטן פאר נאריש דאס, וואס ער האט חתונה געהאט, זיך געבונדן, געווארן א קנעכט. דערפאר האט ער געמוזט זיצן אין סטאקיערדס, ווען נישט, וואלט ער געקאָנט אוועקגיין פונקט ווי יאָנאָס. ווערט פארכאפט ס׳גאנצע בני- בית!

אין דער מיסט פאבריק האבן טאקע געארבעט ווינציק בחורים און די, וואס זענען יא געווען האבן נאר געארבעט צייטווייליק, געלעבט מיט דער האפענונג זיך ארויסצורייסן פון דארט. ביי דער ארבעט האבן זיי געלעבט מיט די ערינערונגען פון דער לעצטער פארווייליונג, מיט דער האפענונג, אז באלד וועלן זיי ווידער טרונקן. יורגיס האט זיין גאנץ פארדינסט געמוזט ברענגען א היים. ער האט אפילו נישט געקאנט גיין מיטאג צייט מיט זיינע חברים אין שענק אריין. זיין מיטאג האט ער געמוזט פארשלונגען אויף א קופע מיסט.

אָבער די דאזיקע שטימונג האָט נישט לאַנג געהאַלטן. יורגיס איז נאָך געווען שטארק צוגעבונדן צו זיין בני-בית. די פרוי איז געווען א שווערע. דער קליינער אַנטאַנאַס האָט אים אַנטוואָפנט מיט זיין שמייכל. יעצט האָט ער לגמרי אויפגעהערט לאַכן, ווייל ער איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקע הויט קרעץ. אין ערשטן יאָר פון זיין לעבן האט ער דורכגעמאַכט אַלע קינדישע קראנקהייטן: שאַרלעך, אוירן אנצינדונג, קייכעניש און יעצט האָט ער גאָר געמאזלט. קיינער האָט זיך מיט אים נישט אינטערעסירט א חוץ די קליינע קאטארינע. זיי זענען געווען צו ארעם צו קאנען ברענגען פאר אים אַ דאקטאָר, באַזונדערס האָבן זיי געוואוסט, אַז קינדער שטארבן נישט פון מאָזלען.

אַז די קליינע קאַטערינע האָט זיך באַפרייט פון דער קיך אַרבעט, האָט זי אים געוויגט, זי האָט געוויינט און וויינענדיק האָט זי פאַרשפילט דעם וויינענדיקן אַנטאַנאַס. אָבער ער איז מערסטנטייל געווען איינער אַליין, צוגעפעסטיקט צום וויגל. אין סופיט איז געווען פול לעכער, די פראָסט האָט זיך אריינגעריסן אין שטוב. וויבאַלד ער וואלט זיך יעצט צוגעקילט וואָלט ער שוין זיכער געשטאָרבן.

ביינאַכט האָבן זיי אים צוגעבונדן צום קויש, זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך נישט אפדעקן, ווייל ס'גאַנצע בני-בית איז געשלאָפן, פאַרמאַטערט נאָך דער שווערער ארבעט. גאַנצע שעהן האט ער געוויינט, קאנוואולסיעז זיך געווארפן אין וויגל, ביז ער איז געווארן פארמאטערט און דאַן אנגעהויבן זיפצן אין דער שטיל. די היץ האט אים געברענט, די אויגן האבן אויסגעזעהן, ווי צוויי פאַרטריקנטע וואונדן. בייטאג האט ער אויסגעזעהן אַ מאָדנע דערשיינונג, ווי אַ פלאַסטער, באדעקט מיט קרעצלעך און ביינאכט, ווי אַן אומגעלומפערט אנגעווייטיקט שטיק.

אבער אין אמתן איז נאך נישט געווען אַזוי שלעכט מיטן קליינטשינקן אַנטאַנאַס. כאטש ער איז געווען קראנק, איז ער דאך געווען דער גליקלעכסטער פון אלע. ער האט צופרידן אויפגענומען דיליידן פון לעבן, ווי ער וואלט געוואלט דערמיט באַווייזן, אַז ער איז אַ קינד פון ליבע און גליק ביי זיינע עלטערן, ער איז געוואַקסן ווי אַ ווילד צווייגל, געקאלערט זיך אויף דער קיך פאדלאגע, געקוקט מיט הונגעריקע אויגן. זיין חלק עסן איז געווען פאר אים ווינציק, ער האט תמיד באַגערט מער. אַנטאַנאַס איז קוים אַלט געווען אַ יאר און ער האט שוין נישט געפאלגט קיינעם, סיידן דעם פאטער.

ער אליין האט אויסגעצויגן דעם כוח פון דער מאַמען און שוין נישט איבערגעלאזט מער פאר די קינדער, וואס האבן באדארפט יעצט קומען.

אָנע איז ווידער געווארן מעוברתדיק. אין דער יעצטיקער צייט איז דאס געווען פאר זיי אַ גרויס אומגליק. אַפילו יורגיסן

איז געווען שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער גורל שיקט אויף זיי, וואס אַמאָל מער פּיין. ער האט אויפגעציטערט פאר דער צוקונפט, ער האט געוואוסט, אַז ביי אָנען זענען פולשטענדיק אויסגעשעפּט די כחות.

זי האט געהוסט, געהוסט ווי דער אַלטער אַנטאָנאָס. געהוסט פון יענעם טאג אָן, ווען די גיריקע טראַמווייַ געזעלשאַפט האט איר אַרויסגעווארפן פון טראַמווייַ און זי האט געמוזט גיין צופוס. יעצט איז געווארן וואס אמאָל ערגער, זי האט געהוסט גאַנצע נעכט, באקומען נערוון-אטאקן, יורגיס איז פאר גרויס שרעק שיער אַראָפּ פון זינען.

די מומע עלזע האט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאס נעמט זיך פון איר מעוברתדיקן צושטאנד. דער ענטפער האט אים ווינציק-וואס באפרידיקט. ער האט איר כסדר געפרעגט, צי ס'איז נישט מיט איר עפּעס געשעען. דאס שלעכטע לעבן האט איר געטייט. זי איז נישט געווען צוגעפּאסט צו דער גיהנמדיקער פּיין. מ'דארף פאַרווערן פרויען ארבעטן, פרויען, וואס קאנען זיך נישט דערנערן דורך אנדערע מיטלען, זאָלן גלייכער שטארבן. ארבעטער דארפן נישט חתונה האבן. אָ, ווען ער יורגיס וואלט געווען געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס א ווייב וואלט ער דאס קיינמאָל נישט געטון. ער וואלט זיך ליבערשט אַן אויג ארויסגענומען.

אזוי האט ער זיך געכעסט און געצאָרנט, ביז ער האט אליין אויך באקומען נערוון אַטאקן. אָנע האט זיך דאן אַ ריס געטון פון איר ארט, געווארפן זיך אויף זיין האלדז, צוגעזאגט צו זיין בעסער, געטוליעט זיך צו זיינע ברוסטן. און געקוקט אויף אים האפענונגסלאז, ווי א חיה וואס איז געווארן צוגערויבט דורך אַן אומזיכטבארן שונא.

פופצנטער קאַפּיטל

די נערוון אַטאַקן ביי אָנען האבן זיך אין זומער ווידער איבערגעחזרט. ביי יעדן מאָל האט זי פארזיכערט יורגיסן, אז דאס וועט שוין מער נישט געשעען, אָבער זי האט נישט געקאנט דערהאַלטן איר צוזאָג. אַלע אירע באַמיונגען זענען געוועזן אומזיסט. בעת ס׳איז אנטשטאנען אזא נערוון־אַטאַק איז יורגיס אַריינגעפאַלן אין גרויס פארצווייפלונג. צו די טרייסט ווערטער פון דער מומע עלזע האט ער זיך אָנגעהויבן באַציען מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. אים האט געפייניקט דער פארדאכט, אז ס׳געשעעט מיט איר עפעס אַזוינס, וואס ווערט פאר אים אויסבאַהאלטן.

עטלעכע מאל, בעת אזא נערוון אַטאַק, האט ער באַמערקט אַ פחד אין אָנעס אויגן, אַ פחד פון אַ געפאנגענער חיה, ווען נישט ווען זענען אירע טרערן געוועזן אויסגעמישט מיט ווערטער פון שרעק און יאוש. דער דאָזיקער פחד האט באַהערשט יורגיסן, נאר דעמאָלט, ווען אָנע איז געוואָרן קראנק. שפעטער, אז ס׳איז איר איבערגעגאנגען, האט ער זיך באַרויקט און אָנגעהויבן טראכטן וועגן אנדערע זאכן, זיין לעבן איז געווען בעגליכן צום לעבן פון א שווער פארהארעוועטע חיה, וואס קעמפט נאר פאר דער קעגנווארט.

ווידער האט זיך דערנענטערט דער ווינטער, פארמאָסטן זיך נאך מוראדיקער און שווערער, ווי תמיד. אין אָקטאָבער האט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאר יום־טוב נגישה. די מאַשינען

האבן געדונערט ביז שפעט אין דער נאכט, צוגעגרייט פליישן אויף יום-טוב. מאַריע, אַנע און די מומע עלזע, די שרייפעלעך פון די גרויסע מאשינען, האבן יעצט געארבעט פופצן, זעכצן שעה אין מעת-לעת. זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה. ס'איז געווען ארבעט און מ'האט די ארבעט געמוזט אויספירן, וויבאלד מ'האט נישט געוואָלט פארלירן די שטעלע. די שווערע ארבעט האט פארגרעסערט די פארדינסטן — און זיי האבן געבויגן זייערע רוקנס אונטער דער לאַסט פון דער שווערער ארבעט.

זיבן אינדערפרי זענען זיי אוועק צו דער אַרבעט. מי-טאָג צייט האבן זיי עפעס געגעסן און דערנאך געאַרבעט ביז צען, עלף ביינאַכט, שוין נישט געהאט קיין צייט מער צו עסן. יורגיס האט געוואלט וואַרטן אויף זיי, גיין צוזאמען מיט זיי א היים, אבער זיי האבן עס פון אים נישט פאַרלאנגט. אין דער מיסט פאבריק האט מען אויפגעהערט צו ארבעטן אין דערזעל-בער צייט, וואס תמיד, יורגיס וואלט באַדארפט וואַרטן אויף זיי אין א שענק. די ווייבער האבן פארלאזט די פאבריק שפעט ביינאכט, זיי האבן געווארט איינע אויף דער אנדערער ביים רוג גאַס, וויבאלד איינע איז אליין געגאנגען א היים איז שוין די אנדערע איינגעשטיגן אין טראַמווי און צוגעפאָרן. אז זיי האבן זיך אומגעקערט א היים זענען זיי געווען שרעק-לעך פארמאַטערט. אַפטמאָל האבן זיי זיך געווארפן אויף די געלעגערס אין די שיך און אזוי דורכגעשלאָפן די נאַכט. יאָ, וויבאלד זיי וועלן נישט אויסהאלטן זענען זיי פארלוירן און אויב זיי וועלן יאָ אויסהאלטן — וועלן זיי כאָטש קאנען האבן קוילן אויפן ווינטער.

עטלעכע טעג פאר ווייַנאכט האט זיך דורכגעטראגן א געדיכטער שניי. אָנגעהויבן האט ער זיך מיטאג און ביינאכט האט ער שוין באַדעקט די גאסן אויף עטלעכע צאָל דערהייך. יורגיס האט געוואלט וואַרטן אויף די ווייבער. ער איז אריין אין א שענק זיך דערוואַרעמען, אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך בראָנפן און באלד געמאכט פליטה, ער האט זיך נישט געוואלט אונטערגעבן דעם יצר-הרע. ער איז געגאנגען א היים, באשלאסן

צו וואַרטן אויף זיי אין בעט. אָבער ווי ער האָט זיך נאָר אַריינגעלייגט אין בעט אַריין איז ער תּיכּף איינגעשלאָפן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל איבערוועקט, עס האָט זיך אים געדוכטן, ווי עס שטיקט אים אַ זמאָרע. פּלוצלינג האָט ער אויפגעמאַכט די אויגן און דערזעען לעבן זיך די מומע עלזע. זי האָט אים געריסן און געשריגן. תּחילת האָט ער נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט געשריגן:

— אָנע איז נאָך נישטאָ!

— ווי שפּעט איז, מ'דאַרף שוין גיין צו דער אַרבעט? — האָט יורגיס געפרעגט.

— אָנע איז נאָך נישט געקומען, אין דרויסן איז אַ מורא-דיקע פראָסט, אַ שניי ליגט אויף עטלעכע צאָל דערהייך.

די לעצטע ווערטער האָבן אים געשטעלט אויף די פיס. אָנע איז נאָך נישטאָ. מאַריע האָט געשלוכצט. די קינדער האָבן געוויינט. סטאַניסלאָוואַס האָט געזעען דעם ווייסן שניי אין דרויסן און ער האָט זיך זייער איבערגעשראָקן. יורגיס האָט זיך אָנגעטון, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די שטיוול און עטלעכע מי-נוט אַרום איז ער שוין געווען אויף דער גאַס. אָבער וואוהין האָט ער באַדאַרפט גיין? ס'איז געווען פינצטער. אַ שניי האָט געשיט. עטלעכע מינוט ווי ער איז געווען אויף דער גאַס און ער איז שוין געווען אַ ווייסער. ער איז געלאָפן צו די שעכט-הייזער, געזוכט אין אַלע שענקן, פאָר יועלכע ער איז פאַרביי-בעגאַנגען. אפשר איז זי געפאַלן אויפן וועג? אפשר איז גע-שען מיט איר אַן אומגליק ביי דער מאַשין?

ער איז אָנגעקומען אויפן אָרט, אויסגעפרעגט די אויפ-זעער. ניין, זיי האָבן נישט געהערט, אַז ס'זאָל חלילה האָבן פּאַרגעקומען אַ פאַרפאַל. אין דער ביוראָ ביים טויער, האָט אים אַ באַאַמטער ערקלערט, אַז אָנעס אַרבעטס-צייכן איז געוואָרן אָפּגעגעבן נעכטן ביינאַכט, דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז זי האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט און פאַרלאָזט די פאַבריק.

יעצט האָט ער שוין נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי נאָר צו וואַרטן. ער איז געלאָפן הין און צוריק, כּדי נישט

צו ווערן געפּרוירן. אין שעכטהויז האָט שוין געקאָכט, ווי אין אַ גיהנום. עטוואָס ווייטער האָט מען אויסגעלאָדעוועט די בהמות פון די וואַגאָנען, טרעגער האָבן געאַרבעט אין דער פינצטער, איבערגעטראָגן ס׳פלייש אין די קילע וואַגאָנען. צוזאַמען מיט די ערשטע טאָג־שטראַלן זענען אָנגעקומען מחנות אַרבעטער, זיי האָבן געציטערט פון דער קעלט. יורגיס איז געשטאַנען ביים איינגאַנג, געקוקט אויף די פּנימער פון די דורכגייענדע. ס׳האָט געשיט אַ געדיכטער שניי, ער האָט געמוזט גוט קוקן נישט צו פאַרזעען אָנען.

פינקטלעך זיבן אַ זייגער איז די גרויסע קאָנסערוון פאַבריק געוואָרן געלאָזט אין גאַנג. יורגיס האָט שוין יעצט באַדאַרפט שטיין אויף זיין אָרט אין דער מיסט־פאַבריק. אָבער ער האָט געוואַרט, געווען באַהערשט פון אַ שרעקלעכן פּחד. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ ווייס געשטאַלט, מיט אַ ווילד געשריי האָט ער זיך געלאָזט צו דעם ווייסן שטיק. ס׳איז געווען אָנע. זי האָט אים באַמערקט, זיך אַ וואַקל געטאָן און אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס.

— וואָס איז געשען? — האָט יורגיס געפרעגט — וואו ביסטו געווען?

עטלעכע מינוט האָט געדויערט, ביז זי האָט אָפּגעעטעמט. זי האָט געענטפערט:

— כ׳האָב נישט געקאָנט גיין אַהיים. אַ שניי, די טראַמוויין זענען געשטאַנען...

— טאָ, וואו ביסטו געווען?

— כ׳בין געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ פריינדין, מיט יאַדוויגע.

יורגיס האָט אָפּגעעטעמט מיט פאַרלייכטערונג. ער האָט באַמערקט, אַז אָנע ציטערט און וויינט, ווי זי וואָלט שוין ווידער באַדאַרפט באַקומען אַ נערוון אַטאַק.

— וואָס איז געשען?

— אָ, יורגיס, כ׳האָב אַזוי מורא געהאַט — האָט זי געזאָגט און געטוליעט זיך צו אים — כ׳בין געווען אַזוי באַאומרויקט.

זיי זענען געשטאַנען נאָענט ביי אַ פאַבריקס־פענצטער,

אלע האבן געקוקט אויף זיי. יורגיס האט זי אפגעפירט א ביסל אן א זייט.

— וואס ווילסטו זאגן? — האט ער איר געפרעגט — פאר־וואס האסטו מורא געהאט?

— כ׳האב מורא געהאט — האט זי געזאגט שלוכצנדיק — כ׳האב מורא געהאט, אז וועסט זיין בייז, כ׳האב געפרווט גיין א היים, אבער כ׳האב נישט געקאנט, נישט געקאנט!

ער האט זיך געפילט גליקלעך האבנדיק זי לעבן זיך, ער איז לחלוטין נישט געווען פעיק צו טראכטן וועגן עפעס אנדערש. ס׳איז אים אפילו נישט געווען פארדעכטיק דאס, וואס זי איז געווען אזוי איבערגעשראקן. ער האט איר געלאזט זיך אויסוויינען, דערנאך, אז ס׳האט זיך דערנענטערט צו אכט א זייגער, האט ער זי איבערגעלאזט און אוועק צו דער ארבעט. זי איז געווען שרעקלעך בלייך, אירע אויגן זענען געווען פול מיט שרעק.

אבער נישט לאנג האט געדויערט די רויקייט. ס׳האט זיך דערנענטערט ווייגאכט. דער שניי איז געפאלן כסדר, די פראסט איז געווען וואס א מאל שטארקער. יעדן באגינען האט יורגיס געמוזט טראגן אנען צו דער פאבריק, געוואקלט זיך אונטער איר וואגיקייט. און איינמאל ביינאכט האט זיך אלץ געענדיקט.

דאס איז געשען דריי טעג פאר די חגאות. מאריע און די מומע עלזע האבן זיך אומגעקערט א היים פאר האלבע נאכט און שטארק זיך איבערגעשראקן. אנע איז נאך נישט געווען אין שטוב. זיי האבן פריער געווארט אויף איר פאר דער פאב־ריק, אריינגעגאנגען אפילו אין דער האלע, וואו זי האט גע־ארבעט, אבער דארט האבן זיי זיך דערוואוסט, אז די ארבעטע־רינס פון דער אפטיילונג," האבן היינט פארענדיקט די ארבעט מיט א שעה פריער ווי תמיד. יענער נאכט איז נישט געפאלן קיין שניי, די פראסט האט נאכגעלאזט און אנע איז נישט גע־קומען א היים! דאסמאל איז זיכער געשען מיט איר אן אומ־גליק.

זיי האבן אויפגעוועקט יורגיסן, ער האט אויסגעהערט זייע־רע דערציילונגען און זיך שטאַרק געבייזערט. זי איז ווידער געגאַנגען צו יאַדוויגע — האָט ער געזאָגט — יאַדוויגע וואוינט באַהענט פון שעכטהויז, זי איז געוועזן מיד... ס'איז איר גאר־נישט געשעען, און ווען אפילו יאָ, איז אויך גארנישט מעגלעך יעצט צו טון, מ'מוז ווארטן ביז טאָג. ער האט זיך אויסגע־דרייט אויף דער אנדערער זייט און איידער זיי זענען נאך ארויס פון שטוב האָט ער שוין פעסט געכראָפעט.

צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאנען אַ שעה פריער, ווי־אַלעמאָל. יאַדוויגע מאַרטשינקוס האט געוואוינט מיט אַ מוטער און אַ שוועסטער אין אַ קעלער־שטוב, אויף דער צווייטער זייט פון די שעכטהייזער, לעבן הילסטעד-סטריט. איר חתן מיקאָלאַס האט פארלוירן אַ האנט, פון אַ בלוט פארגיפטיקונג און זייער החתונה איז שוין געוואָרן אָפגעלייגט אויף שטענדיק. אין דאָזיקן קעלער-שטיבל איז מען מען אריינגעגאנגען דורך אַ הויף. יורגיס האט געזעען אַ שוואכע לאָמפּן ליכטיקייט אין די קליינע פענצטערלעך, געפילט דעם ריח פון ווארעמען פרישטיק. ער האט אָנגעקלאפט, זיכער אז אָנע וועט אים עפענען. די טיר האט זיך עטוואס אָפגעשפארט און דורך דער אָפענער שפארע האט ארויסגעקוקט יאַדוויגעס קליין שוועסטערל:

— וואו איז אָנע? — האט ער געפרעגט. זי האט געקוקט אויף יורגיסן דערשטוינט.

— אָנע? — האט זי געפרעגט.

— יאָ — האט יורגיס געענטפערט. — זי איז דא נישטאָ?

— ניין — האט זי אָפגעענטפערט. יורגיס האט אויפגע־ציטערט. אין אַ מינוט ארום האט זיך באוויזן יאַדוויגע אליין, זי האט באמערקט יורגיסן און אָפגעשפרונגען צוריק. זי איז געווען כמעט נאקעט.

— אנטשולדיקט מיר, מיין מאמע איז קראנק...

— אָנע איז דא נישטאָ — האט יורגיס געפרעגט איבערגע־שראקן, לגמרי נישט הערנדיק, וואס זי רעדט צו אים.

— ניין — האט יאַדוויגע געענטפערט — וואס פאַלט אייך

עפעס איין, אז זי איז ביי מיר? זי האט דען געזאגט, אז זי וועט דא זיין?

— ניין, זי האט גאָרנישט געזאָגט, זי האָט זיך נעכטן נישט אומגעקערט אַהיים, כ׳האב געמיינט, אז זי איז דאָ געקומען שלאָפן, ווי ס׳לעצטע מאָל.

— וועלכעס לעצטע מאָל? — האט יאַדוויגע געפרעגט צעטומלט.

— זי איז דאָך שוין דאָ איינמאָל געשלאָפן — האט יורגיס אָפגעענטפערט.

— איר האט אַ טעות, זי איז נאָך קיינמאָל ביי מיר נישט געשלאָפן.

ער האט נישט פארשטאנען, וואס זי האט גערעדט צו אים.

— וואס הייסט? וואָס הייסט? — האט ער געשטאַמלט — יאַדוויגע, מיט צוויי טריט אָפ צוריק. זי האט דאָך מיר אַליין געזאָגט, בעת דעם שרעקלעכן שטורם, ווען זי האט נישט געקאָנט גיין אַהיים.

— איר האט אַ טעות — האט דאס מיידל איבערגעחזרט — זי איז נאָך קיינמאָל דאָ נישט געשלאָפן.

יורגיס האט זיך אָנגעשפאַרט אן דער טיר און זי האָט זיך מער געעפנט, יאַדוויגע האט זיך צוריקגעצויגן אן איבערגעשראָקענע, איבערגעדעקט מיט א בלוזע אירע אנטבלויזטע הענט און זי האט געפרעגט:

אפשר האָסטו זי שלעכט פארשטאנען. טאָמער האט זי געמיינט עמעצן אַנדערש?

יורגיס האט זיך אָנגעלענט אָן דער טיר און זי האט זיך מערער געעפנט. יאָדוויגע האט זיך צוריקגעצויגן אן איבערגעשראָקענע, פארדעקט מיט אַ בלוזע אירע אנטבלויזטע הענט. זי האט געזאָגט:

— אפשר האָט זי שלעכט פארשטאנען, טאָמער האט זי געמיינט עמעצן אנדערש.

— נייז — האט יורגיס געענטפערט — זי האט מיר געזאָגט,

אז זי איז געווען ביי דיר, דערציילט מיר וועגן דיר, אפשר ביסטו נישט געווען דעמאָלט אין שטוב?

— אך בין תמיד אין שטוב — האט יאַדוויגע אויסגערופן.

פון אינעווייניק האט זיך געהערט אַ צאָרנדיק קול:

— יאַדוויגע, ס'קינד וועט זיך צוקילן, פארמאך די טיר!

יורגיס איז נאך געשטאנען אַ ווײַלע, געשטאַמלט עפּעס אומפארשטענדלעכס, דערנאָך האט ער זיך אנטשולדיקט פאר יאַדוויגען און ער איז אוועקגעגאנגען.

ער איז געווען ווי פארטויבט, נישט געוואוסט, וואוהין ער גייט. יאָ, אָנע האט פאר אים געליייקנט, אָפּגענאַרט! וואס באַדייט דאָס? וואו איז זי געווען? און וואו איז זי יעצט? ס'איז אים שווער געווען צונויפּצונעמען די געדאַנקען. טויזנטער מחשבות זענען געפלויגן אין קאָפּ, איין מחשבה משינהדיקער פון דער אַנדערער. ער האט געפילט אז ער שטייט נאָענט פאר אן אומגליק.

ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון. ווידער איז ער אַוועק צו דער פאַבריק, וואו אָנע האט געאַרבעט און געוואַרט ביז אַכט אַ זייגער. ער איז אַריין אין דער געביידע, וואו אָנע האט געאַרבעט, געוואָלט זיך עפּעס דערוויסן ביי די אויפזעערין, אָבער די אויפזעערין איז נאך נישט געהאט געקומען. די אַרבעטערינס האבן געארבעט אונטער דער אויפזיכט פון אַ פאַרטרעטערין. אז יורגיס האט איר געפרעגט וועגן אָנען, איז זי געוואָרן בלייך, נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זיינער אַ באַקאנטער, איז נאר וואס אַריין אין דער האַלע שטופנדיק אַ וועגעלע, אויס נייגיריקייט, האט ער זיך דערנענטערט צו יורגיסן און געפרעגט אין וואס ס'האַנדלט זיך:

— גאַנץ מעגלעך, אז די טראַמווייען זענען שולדיק — האט יענער געזאָגט — דיין ווייב איז אפשר געגאַנגען אין שטאָט אריין?

— ניין — האט יורגיס געענטפערט. — אָנע איז נאָך קיינמאָל אַליין נישט געגאַנגען אין שטאָט אַריין.

— קאָן זײַן, אז נישט — האָט יענער אָפּגעענטפערט גלײַכגילטיק.

ס׳האָט זיך אים געדוכטן, אז ס׳קומט פאַר אַ בליק אויסטויש צווישן אים מיט די פּאַרטרעטעריז. ער האָט גיך געפרעגט:

— רעד, דו ווייסט עפּעס!

אָבער יענער האָט אפילו נישט געהאַט קיין צייט אים צו ענטפערן. ער האָט באַמערקט, אז די אויפזעער קוקן אויף אים און ער האָט זיך גיך דערווייטערט.

— כ׳ווייס גאָרנישט — האָט ער געדעדט צו זיך, און זיך דערווייטערט מיטן וועגעלע — כ׳בין נישט מחויב צו וויסן, וואו דײַן ווײַב קומט.

יורגיס איז אַרויסגעגאַנגען. ער איז געלאָפן פון געביידע צו געביידע. אזוי האָט ער פאַרברענגט אַ גאַנצן באַגינען. וועגן צוריקקערן צו דער אַרבעט האָט ער לחלוטין נישט געטראַכט. מיטאָג צייט איז ער אַוועק זיך נאָכפרעגן ביי דער פּאָליציי און פאַרנאַכט האָט ער זיך ווידער אַוועקגעשטעלט פאַר דער פאַבריק.

ביינאַכט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. ער איז געגאַנגען דורך אייטשלענד־עוועניו. די טראַמווייען האָבן שוין צוריק קורסירט, געווען געשטאָפּט מיט פּאַסאַזשירן. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט די בייסיקע באַמערקונג פון יענעם אַרבעטער, וואס האָט געשטופּט ס׳וועגעלע. ער האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעכער, אויפמערקזאַם אַריינגעקוקט אין די טראַמווייען. פּלוצלינג איז ער געבליבן שטיין.

ער האָט אָנגעהויבן לויפן נאָך אַ פאָרנדיקן טראַמוויי. ער האָט דערזעען אינעווייניק אַ שוואַרצן הוט מיט אַרויט בלימל: — דאס איז זיכער אָנע — האָט ער געטראַכט ביי זיך. זי וועט זיכער אויסשטייגן ביי דער דריטער סטאַציע.

און זי איז ווירקלעך אויסגעשטיגן. ביי אַ קווער־גאַס האָט ער זי פאַרלוירן פון אויג. דער פאַרדאכט איז ביי אים געוואָרן וואס אַמאָל שטאַרקער, ער האָט זיך שוין אפילו

נישט געשעמט איר נאָכצושפּיאָנירן, זי האָט אַוועקגעדרייט צו אַ גאַס באַלעבאָטעס נאָענט פון זייער שטוב. יורגיס האט אָנגעהויבן לויפן גיכער, געזעען איר אַריינגיין אין טויער אַריין. ער איז געבליבן שטיין, עטלעכע מינוט געגעאַנגען הין און צוריק מיט צענויפגעביילטע פויסטן, פאַרקריצט מיט די ציין. אַלץ האט אין אים געזיד.

ער איז אַריין אין שטוב.

אַז ער האָט אויפגעמאַכט די טיר, האָט ער דערזעען די מומע עלזע. זי האָט געזוכט אָנען אַ גאַנצע נאַכט און יעצט נישט לאַנג זיך אומגעקערט. זי האָט באמערקט יורגיס פחד און אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל ?

— שטילער, שטילער — האָט זי שטיל געשעפּטשעט.

— וואָס איז געשעען ? — האט יורגיס געפרעגט.

— זי שלאָפט — האָט זי געענטפערט זיפצנדיק — זי איז קראַנק. קאָן נאך חלילה אַראָפּ פון זינען. יורגיס זי האָט אַרומגעבלאָנדשעט אַ גאַנצע נאכט לאָז איר אַ ביסל רוען.

— ווען איז זי צוריקגעקומען ?

— באַלד נאָך דיין אַוועקגיין.

— און זי איז נאַכאַמאָל אַרויסגעגאַנגען ?

— ניין, זי איז שוין מער נישט אַרויסגעגאַנגען. זי איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

יורגיס האָט פאַרקריצט מיט די ציין.

— ס'איז נישט אמת.

די מומע עלזע איז געוואָרן בלייך.

— וואָס ? — האט זי געשטאַמלט — וואס רעדסטו.

יורגיס האט איר גארנישט געענטפערט, ער האט זי אפגעשטופט אן א זייט און איז אריין אין שלאף-צימער. אנע איז געזעסן אויפן בעטל, געקוקט אויף אים איבערגעשראָקן. יורגיס האט פארמאכט די טיר און צו איר צוגעגאנגען:

— וואו ביסטו געוועז ?

אנע האט נערוועז פארבראכן די הענט. איר פנים איז

געווען טויט בלייך. זי האט האסטיק געעטעמט. לסוף האט ז אנגעהויבן שעפטשן:

— יורגיס, איך... איך ווייס נישט, וואס מיט מיר איז געשען... כ׳בין נעכטן ארויסגעגאנגען פון דער פאבריק מיטן געדאנק צו גיין א היים. כ׳האב פארבלאנדזשעט... כ׳בין געגאנגען... געגאנגען א גאנצע נאכט... און ערשט איינדערפרי געקומען א היים.

— האסטו, הייסט עס, באדארפט זיך אויסרוען — האט ער גערעדט צו איר מיט זיין פעסטער שטים — טא צוואס ביסטו נאכאמאָל ארויסגעגאנגען.

— כ׳האב געמוזט... געמוזט גיין אין געוועלבל — האט זי געענטפערט שעפטשנדיק שטיל.

— נישט אמת — האט יורגיס געשריגן.

ער האָט צענויפגעבײַלט די פויסטן און נאָך מער זיך צו איר דערנענטערט.

— פאַרוואָס גענאַרסטו — האָט ער איר געפרעגט צאָרנדיק — וואָס האָסטו געטון, וואָס מוזט פאַר מיר לייקענען?

— יורגיס—האָט זי אויסגערופן,—ווי קאָנסטו אַזוי טראַכטן וועגן מיר.

— דו לייקנסט. יענץ מאָל האָסטו געזאגט, אז ביסט געווען ביי יאַדוויגען און ביסט דאָרט לגמרי נישט געווען. ביסט געווען ערגעץ אין שטאָט, ווי נעכטן ביינאַכט. כ׳האָב דיך געזען אויסשטייגן פון טראַמוויי, וואו ביסטו געווען?

זיינע ווערטער האָבן געשניטן ס׳לייב, ווי שאַרפע מעסער. אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען און זיך געוואַקלט, פארזונקען אין אים איר איבערגעשראָקענעם בליק, דערנאָך האָט זי מיט אַ געשריי פון שרעק אויסגעצויגן צו אים אירע הענט.

קאַלט האָט ער אָפּגעשטופּט די הענט פון זיך און געלאָזט זיי אַראָפּפאלן. זי האט זיך אָנגעלענט ביים עק פון בעט, פאַרשטעלט דאָס פנים מיט די הענט און אויסגעבראכן אין א ספּאַזמיש געוויין.

זי האָט באקומען אַ נערוון־אַטאַק, וואָס האָט יורגיסן

שוין אַזוי פיל מאָל איבערגעשראָקן, ווי דער שטורעם־ווינט, וואָס טרייסלט און רייסט די ביימער אויף די בערג. איר לייב האָט געציטערט, זי האָט געזיפצט. אַמאָל האָבן אים די דאָזיקע נערוון־אַטאַקן אַריינגעבראַכט אין גרויס יאוש, אָבער יעצט האָט ער געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרהאַקט מויל. יאָ, זי האָט געקאָנט שוין שטאַרבן אין זיין קעגנוואַרט, אים וואָלט עס אַבסאָלוט נישט געאַרט, ער וואָלט צומאָל נישט צוגעלייגט אַ פינגער צו ראַטעווען איר ס׳לעבן. אָבער דאָך האָבן אירע געשרייען געריירט זיין פאַרשטיינערט האַרץ, ער האָט געציטערט, זיינע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט. ער איז געווען גליקלעך, בעת די מומע עלזע האָט אַ בלייכע אויפגעמאַכט די טיר און אַריינגעקומען אין צימער.

— אַרויס פונדאַנען — האָט זיך יורגיס געווענדט צו איר. ער האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און זי אַרויסגעפירט פון צימערל, פאַרמאַכט מיט אַ געראַנגל די טיר און פאַרשטעלט מיטן טיש, קיינער זאָל נישט קאָנען אַריינקומען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער דערנענטערט צו אָנען?

— יעצט דערציילט וואָס ס׳איז געווען?

אָנע האָט אים נישט געהערט. דער נערוון־אַטאַק האָט נאָך געהאַלטן. ער האָט געזען אירע הענט אויסגעצויגן אויף דער קאָלדרע זיי האָבן געצאַפּלט ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. אַ שוידער האָט דורכגענומען איר לייב. זי האָט געשלוכצט, געשטיקט זיך. ס׳האָט זיך געדויבטן, ווי פון איר האַלדז, וואָלט זיך געוואָלט אַרויסרייסן אַ גרויסע צאָל ווערטער מיטאַמאָל. זי האָט שרעקלעך געשריגן, לסוף איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ היס־טעריש געלעכטער.

יורגיס האָט פאַרלוירן זיין געדולד. ער האָט זיך געוואָרפן אויף איר, אָנגעכאַפּט זי ביים אַקסל און איר אַריינגעשריגן גלייך אין אויער אַריין.

— גענוג, דו הערסט, גענוג!

— זי האָט געקוקט אויף אים איבערגעשראָקן. דער אַטאַק האָט אויפגעהערט — זי איז אַנידערגעפאַלן ביי זיינע פיס. ער

האט זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט, זי האט זיך קאָנוואולסיוו געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע. יורגיסן האט עפּעס געשטיקט אין האַלדז, ער האט געשריגן אַן אויפגערעגטער:

— שטילער.

דאָס-מאָל האט זי אים שוין דערהערט. זי האט טיף אָפּגעעטעמט, געלעגן אַ שווייגנדיקע, דאָס שלוכצן האט איר צעריסן דאס האַרץ... זי איז געלעגן אַ לאַנגע צייט אומבאַוועגלעך. יורגיסן איז באַפאַלן אַ פּחד. ער האט געמיינט, אז אָט שטאַרבט זי. פּלוצלינג האט זי אָנגעהויבן שטיל שעפּטשן.

— יורגיס! יורגיס!

— וואָס?

ער האט זיך געמוזט נאָענטער צובייגן צו איר, אזוי אָפּגעשוואַכט איז זי געווען. זי האט זיך פאַרטיידיקט מיט אָפּגעריסענע ווערטער, וואס זי האט ארויסגערעדט מיט גרויס מאַטערניש:

— גלייב מיר, געטרוי מיר.

— וואס גלייבן? — האט ער געשריגן.

— גלייב מיר, דו ווייסט, אז כ׳האָב דיך ליב! פרעג מיך שוין נישט דאס, וואָס האָסט מיך פריער געפרעגט. אָ יורגיס, כ׳בעט דיך, כ׳בעט דיך... אַזוי וועט זיין בעסער... בעסער...

ער האט געוואָלט עפּעס רעדן, אבער זי האט אים איבערגעריסן מיט די זעלבע אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— ווען וואָלסט אזוי געוואלט מיר גלייבן! איך בין גאָרנישט שולדיק... כ׳האב מיר נישט געקאָנט העלפן... אַלץ וועט גוט זיין... ס׳איז גאָרנישט... ס׳איז גאָרנישט געשען שלעכטס. אָ, יורגיס כ׳בעט דיך, האב רחמנות.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט, געפּרוווט זיך אויפשטעלן, קוקן אויף אים. ער האט געפילט דאָס קאָנוואולסיווע ציטערן פון אירע הענט, געהערט דעם טיק טאַק פון איר האַרץ, וואס זי האט צוגעדריקט צו אים. ס׳האט זיך איר איינגעגעבן אָנצוכאַפּן זיינע הענט, פאַרשטעלט מיט זיי ס׳פנים און זיך באַגאָסן מיט טרערן.

אַ גלייב מיר, גלייב מיר — האט זי געזיפצט — און יורגיס האט זיך נאך שטאַרקער אויפגערעגט:

— ניין!

זי האט זיך שטאַרקער צוגעטוליעט צו אים, געזיפצט העכער און יאָושדיקער.

— יורגיס, באַטראַכט וואָס דו טוסט, מיר זענען פאַרלוירן! פאַרלוירן! ניין וועסט נישט טון! ניין, ניין... איך וועל ווערן משוגע פון צער, וועסט מיך דערהרגענען... ניין, ניין, יורגיס, כ׳וועל אַראָפּ פון זינען... ס׳איז דאָך גאָרנישט געשען... צוואָס דאַרפסטו דען דאָס אַלץ וויסן... מיר קאָנען דאָך נאָך לעבן גליקלעך, ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, ווי אַמאָל... איך בעט דיך, גלייב מיר!

די ווערטער האָבן אים אַרייַנגעברענגט אין גרויס כעס, ער האָט זיך באַפרייט פון אירע הענט און זי אָפּגעשטופּט פון זיך.

— דערצייל מיר אַלץ! — האָט ער געשריגן — הערסט, דערצייל!

זי איז ווידער אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן וויינען. איר שלוכצן איז ענלעך געווען צום שלוכצן פון אַן אָרעמע, פאַרבלאָנדזשעטע נשמה אין גיהנם. יורגיס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס געוויין. ער האט אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אָן טיש:

— דערצייל!

אָנע האט אָנגעהויבן ברומען, ווי אַ ווילדע חיה.

— אוי, כ׳קאָן נישט, כ׳קאָן נישט.

— פאַרוואָס קאָנסטו נישט.

— ער האָט זיך געוואָרפן אויף איר, אָנגעכאַפּט זי ביי די הענט, אויפגעהויבן זי פון דער ערד און פאַרזונקען אין איר זיין ווילדן בליק.

— זאָג, וואו ביסטו געווען? זאָג שוין, אַלץ!

זי האָט אָנגעהויבן שעפּטשן האַלבע, אָפּגעריסענע ווערטער.

— כ׳בין געווען... אין אַ שטוב... אין שטאָט...

זי האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלן די אויגן, אָבער ער האָט זי געהאַלטן פעסט אַקעגן זיך.

— ביי מיס הענדערסאָן אין שטוב — האָט זי צוגעגעבן.

— ביי מיס הענדערסאָן — האָט ער איבערגעחזרט, ווי אין אָן אָפּקלאַנג. באַלד איז פאַר אים געוואָרן קלאָר דער אימה־דיקער אמת. ער האָט זיך געטון אַ וואַקל, רעוונדיק פון ווייטיק, זיך אָפּגערוקט פון איר. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט, געווישט מיט דער האַנט דעם שוויס פון שטערן, גע־וואָרפן אַרום זיך אַ פאַרכשופטן בליק און שטיל געשעפּטשעט:

— גאָט, גאָט!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך ווידער געוואָרפן אויף איר, געשטיקט זי ביים האַלדז:

— זאָג, זאָג גיכער, ווער האָט דיך אַריינגעפירט אין יענער שטוב? ווער?

— זי האָט זיך געפּרוווט אַרויסרייסן פון זיינע הענט, דאָס האָט אים געמאַכט נאָכמער אויפגערעגט. ער האָט געטראַכט, אַז זי האָט מורא, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פּייניקט איר אַזוי די בושה. זי האָט געענטפערט:

— קאָנאָר.

— קאָנאָר? ווער איז דאָס דער קאָנאָר?

— אַן אויפזעער אין שעכטהויז...

— יורגיס האָט לחלוטין נישט געפילט, אַז ער שטיקט זי. איר פּנים איז געוואָרן בלאָ. פּלוצלינג איז ער אָפּגעשפּרונגען פון איר פּאַמעלעך, האָט זי געעפנט אירע אויגן. איר הייסער אָטעם האָט אים געשלאָגן אין פּנים.

— זאָג מיר דעם אמת, כ'וויל אַלץ וויסן!

זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך, ער האָט געמוזט איינ־האַלטן דעם אָטעם, כדי צו קאָנען אויפכאַפּן אירע ווערטער.

— כ'האָב נישט געוואָלט... — האָט זי געזאָגט — כ'האָב זיך געווערט, געטון אַלץ, וואָס ס'איז געווען מעגלעך... דאָס איז געווען אונזער איינציקע רעטונג...

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ס'האָט זיך

אפהערט איר אָפּגעהאַקט עטעמען. זי האט פאַרמאַכט די אויגן און גערעדט ווייטער:

— ער האט געדראָט... געזאָגט, אז ער וועט מיך הייסן אַרויסוואַרפן פון דער פאַבריק. אַלע וועלן מיר פאַרלירן די שטעלעס... אַלע פיר... מיר וועלן שוין אין ערגעץ נישט גע-פונען קיין אַרבעט... אין ערגעץ... ער וואָלט עס זיכער געטון. ער וואָלט אונז אומגעברענגט!

יורגיס האט געציטערט, ער האט זיך צוגעבויגן בעסער זי אויסצוהערן.

— ווען... ווען האט זיך דאס אָנגעהויבן — האט ער געפרעגט:

— באַלד פון ערשטן טאָג אָן — זי האט גערעדט ווי פון שלאָף — מיס הענדערסאָן האט מיך געהאַסט און ער האט מיך פאַרלאַנגט... צוגעוואָרפן מיר ליבע-ווערטלעך, פאָרגעלייגט מיר געלט, געבעטן — דערנאָך האט ער מיר געדראָט, ער האט גע-זאָגט, אז ער ווייסט אַלץ וועגן אונז, מיר וועלן אויסשטאַרבן פון הונגער. ער קען דיין אויפזעער און מאַריעס, געזאָגט, אז ער וועט אונז פאַרביטערן ס׳לעבן, ער וועט מיך נישט אָפּ-טרעטן, מיר קאָנען זיין גליקלעך — און איינמאָל האט ער זיך געוואָרפן אויף מיר, נישט געלאָזט מיך גיין אַ היים.

— וואו איז דאס געשען?

— אין פאָדערהייזל, ביינאַכט, ווען אַלע האָבן פאַרלאָזט די פאַבריק... כ׳האָב זיך נישט געקאָנט ווערן... כ׳האב געטראַכט וועגן דיר... וועגן אונזער קינד, וועגן דער מוטער, וועגן גאַנצן בני-בית. כ׳האָב געהאט מורא צו שרייען.

איר פנים פון אַש קאָליר האט זיך באַגאָסן מיט אַ רויט-קייט, אַ בושה האט געברענט איר ליב. יורגיס האט נישט אויסגערעדט איין וואָרט.

— דאָס איז געשען מיט צוויי חדשים צוריק. ער האט געוואָלט כ׳זאָל זיין אין יענעם הייזל. ער האט געזאָגט, אז אַלע וואָלטן מיר געקאָנט לעבן לייטיש און נישט דאַרפן אַרבעטן, געהייסן מיך קומען ביינאַכט... דו האָסט געמיינט, אז כ׳בין געווען אין פאַבריק, אַ? אין דער אַנדערער נאכט איז געפאַלן

אַ שנײ און כ׳האָב נישט געקאָנט גײן אַ הײם. נעכטן בײנאַכט זענען װידער געשטאַנען די טראַמװײען און כ׳האָב װידער נישט געקאָנט קומען אַ הײם. אַזאַ קלײניקײט האָט אונז געמאַכט אומגליקלעך. כ׳האָב געפּרוּװט גײן... אָבער ס׳איז געװען אוממעגלעך. כ׳האָב נישט געװאָלט זאָלסט זיך דערװיסן װעגן דעם אַלעם, ס׳איז דאָך גאָרנישט געשען... כ׳בין אים שױן געװאָרן פֿאַרמיאוסט... ער װאָלט מיך סײ װי שױן אָפּגעלאָזט, כ׳באַדאַרף געבױרן אַ קינד... כ׳בין אים שױן צוגעגעסן. ער האָט מיר שױן געזאָגט צװײ מאָל, נעכטן בײנאַכט אױך. נעכטן האָט ער מיך שױן אפילו געטרעטן מיט די פיס, יעצט װעסטו אים דערהרגענען, אים דערהרגענען, און איך װעל שטאַרבן.

זי האָט געזאָגט דאָס אַלץ אין אײן אָטעם, אָן דער מינדעסטער באַװעגונג. זי איז געלעגן אומבאַװעגלעך װי געשטאָרבן, אפילו נישט גערירט מיט די ברעמען.

יורגיס האָט געשװיגן. ער האָט זיך אױפגעשטעלט און איז צו צו דער טיר און זי אױפגעמאַכט, ער האָט אפילו נישט באַמערקט די איבערגעשראָקענע עלזע זיצן אין אַ װינקל. ער איז אַרױס אָן אַ היטל, די טיר פון דער גאַס געלאָזט אָפן.

אױף דער גאַס איז ער געלאָפן װי אַ משוגענער, גאָרנישט געזען אַרום זיך. אױף דער אײטשלענד גאַס האָט ער אַ פאַרמאַטערטער געפאָלגט די טריט. ער איז אַרײנגעשפּרונגען אין אַ טראַמװײ. די אױגן האָבן אים געברענט, די האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּױר, ער האָט געסאָפּעט, װי אַ פאַרװאונדעטער אָקס, אַלע האָבן זיך, װי תמיד פון אים אָפּגערוקט. דער קאָנדוקטאָר האָט פאַרזיכטיק אַרױסגענומען פון זײן האַנט דאָס געלט פאַרן בילעט און אים איבערגעלאָזט אײבער אַלײן, אױף דער פאָדערשטער פּלאַטפאָרמע. יורגיס האָט יעצט לגמרי אױף דעם נישט געלײגט קײן אַכט. זײן האַרץ האָט געברענט מיט אַ װילדן פלאַם. ער איז געװען גרײט צו נקמה.

ער איז אַרױס פון טראַמװײ און מיט געאײל זיך געלאָזט צום שעכטהױז, מענטשן האָבן אױף אים געקוקט, אָבער ער האָט קײנעם נישט געזען. ער האָט אױפגעמאַכט די טיר און

איז אריין אין לאַנגן קאָרידאָר. ער האט געקענט די האַלע, וואו אַנע האט געארבעט, געקענט קאָנארן, דעם אויפזעער און ער האט אים געזוכט אומעטום.

די ארבעט איז געווען אין פולן גאַנג. ארבעטער האבן געלאַדעוועט פעסלעך פלייש אין די וואַגאָנען. יורגיס האט גע־ווארפן א בליק אויף דער פלאַטפאָרמע, קאָנאָר איז דארט נישט געווען. פלוצלינג האט ער דערהערט אין קאָרידאָר זיין קול. א מינוט האט געדויערט און ער איז געשטאַנען לעבן אים.

דאָס איז געווען א דיקער אירלענדער, מיט א רויט פרצוף און מיאוסע אָרדינערע שטריכן, פונדערווייטנס האט זיך שוין געטראָגן פון אים אַ ריח פון בראָנפן. ער האט באַמערקט יורגיסן אויף דער שוועל און ער איז שרעקלעך געווארן בלייך. ער האט זיך געטון א וואַקל, געוואָלט אַנטלויפן, אבער איידער וואו ווען האט אים שוין יורגיס געהאלטן אין זיינע הענט. קאָנאָר האט געוואלט זיך פארשטעלן ס׳פנים מיט די הענט, אבער יור־גיס איין שטויס האט אים אנידערגעווארפן אויף דער ערד. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין ברוסט, מיטביידע הענט גע־שטיקט דעם האַלדז.

יעצט האָבנדיק אים אין זיינע הענט, האט ער פאַרלוירן דאס גלייכגעוויכט איבער זיך. ער האט אינגאַנצן געציטערט, דער דורשט צו נקמה האט זיך געוועקט אין זיין נשמה. דער דאָ־זיקער מיאוסער פאַרשוין האט באַפרידיקט זיינע תאוהדיקע פאַרלאַנגען מיט אָנען... און יעצט האט אים יורגיס געהאלטן אין זיינע הענט! ער וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען! אלץ ארום האט זיך אים געשטעלט, ווי א נעפל. ער האט ווילד געשריגן, געהויבן זיין קרבן אינדערהייך, געהאַקט מיט זיין קאָפּ אָן דער שטיינערנער פאָדלאָגע.

צווישן די ארבעטער איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכער פּאַניק, ווייבער האבן געחלשט און געשריגן. די מענער האבן זיך גע־וואָרפן צו יורגיסן און אים געוואלט אָפּרייסן פון קאָנאָרן. יור־גיס האט קיינעם נישט געזען. ערשט שפּעטער, ווען זעקס ארבעטער האבן אים פעסט געהאלטן אין זייערע הענט, האט

ער פארשטאַנגען, אַז זיין קרבן איז שוין כמעט באַפרייט פון זיינע הענט. גיך ווי א בליץ האט ער זיך צום לעצטן מאָל א וואָרף געטון אויף אים און מיט זיינע שאַרפע ציין אָנגעכאַפּט דעם אירלענדער ביי א באַק. און, אז ס'האט זיך זיי שוין ענ־דלעך איינגעגעבן אים אָפּצורייסן, איז אים געראונען בלוט פון מויל, שטיקלעך פלייש האבן געקלעבט אויף זיינע ליפּן.

זיי האבן אוועקגעלייגט יורגיסן אויף דער ערד, צוגע־האַלטן אים ביי די הענט און פיס. וואס אמאל זענען אָנגעקומען מערער מענטשן. א באַרג פון לייבער און ביינער האט אים פעסט געדריקט צו דער ערד. זיי האבן אים באַזיגט, א וועק־געטראגן אים צו דער נאָענטסטער פּאָליציי־וואַך. דארט איז ער געלעגן אומבאַוועגלעך, ביז דער תפיסה־וואגן האט אים צוגענומען

זעכצנטער קאַפּיטל

אין תפיסה־וואָגן איז ער געקומען צו זיך. ער האט זיך פאַרהאַלטן רויק, געווען פאַרמאַטערט, פאַרטויבט. אַ חוץ דעם האט ער געזעען אַרום זיך זעקס פּאָליציאַנטן. זיי האָבן זיך זעהאַלטן פון אים פונדערווייטנס, צוליב דעם שלעכטן ריח, וואס האט זיך געטראָגן פון זיינע מלבושים. זיי זענען צוגעפאָרן צו אַ פּאָליציי־צירקל, אויסגעשטיגן פון וואָגן און אים אָוועקגעשטעלט פאר אַ פּאָליציי־באַאמטן. יענער האט פאַרשריבן זיין נאָמען, גענומען אן אָפּדרוק פון דיקן פינגער און אים געמאָלדן, אז ער וועט באַשולדיקט פאר שלאָגן אַ מענטשן. נאָכדעם האט מען אים איינגעזעצט אין אַ קאַמער.

ער האט געהערט דעם קלאַפּ פון דער אייזערנער טיר, וואס האט זיך אונטער אים פארמאכט. ער האט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באנק, פארשטעלט זיך ס'פּנים מיט די הענט. ער איז געווען איינער אליין, געקאָנט טראַכטן אַ גאנצן טאג און אַ גאַנצער נאכט.

תחילת האט ער זיך געפילט ווי אן אנגעזעטיקטע חיה. ער האט געפילט אַ באַרוישטע צופרידנקייט. יאָ, ער האט אים גוט באַצאָלט, אָבער נאך נישט אזוי פול, וויפל יענער איז עס ווערט געווען און ווי יורגיס וואלט עס געטון, וויבאַלד מ'וואָלט אים נאר נישט געשטערט. נאך יעצט האט ער געפילט אַ ווייטיק אין זיינע שפּיצן פינגער פון דריקן יענע ביים האַלדז. ביסלעכווייז האט אנגעהויבן פאר אים אלץ ווערן קלאָר. ער האט

פארשטאנען, אז דאס צעשלאָגן קאַנאַרן האט ווינציק־וואס פאר־לייכטערט אָנען איר בושה. די דאזיקע זכרונות וועלן איר שוין פייניקן ס׳גאנצע לעבן. ווער וועט יעצט געבן עסן איר און דעם קינד. און ער... וואס מיט אים וועט געשען ווייסט איין גאָט אין הימל.

א האַלבער נאַכט איז ער אַזוי געגאַנגען אין דער קאַמער ארויף און אראָפּ, געראַנגלט זיך מיט די מחשבות, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט. אַז ער איז געוואָרן פאַר־מאַטערט, האט ער זיך אוועקגעלייגט אויף דער נאַרע און גע־וואָלט איינשלאָפן. אָבער ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן, האָבן די געדאַנקען אים נישט געלאָזט שלאָפן. אין דער שכנותדיקער קאַמער האָט זיך געפונען אַ שכור, וואָס האָט צעשלאָגן זיין ווייב, אין דער קאַמער אויף לינקס האָט זיך געפונען אַ גייס־טיקער מאַניאַק, וואָס האָט געשריגן אָן אויפהער.

האַלבע נאַכט האָט מען געעפנט די טוירן פון פאָליצײ־צירקל פאר אָרעמע, היימלאָזע שלעפער, זיי זענען געשטאַנען גאנצע מחנות פאר די טירן און געציטערט פון קעלט. זיי האבן אָנגעפילט די קאָרידאָרן פאַר די קאַמערן, געלעגן אויף די נאַקעטע שטיינער און הויך געכראָפּעט. טייל זענען נישט גע־שלאפן, געקריגט זיך, געשמועסט און געלאַכט. די לופט איז געווען אַ שרעקלעך ענגע און דאך האָט זיך געפילט דער שלעכ־טער ריח, וואס האט זיך געטראָגן פון יורגיס קאַמער. זיי האבן אים אָנגעהויבן זידלען, אבער ער האט זיך פארוקט אין אַ ווינקל און זיך איינגעהערט צו די קלעפ פון זיינע שלעפן.

מ׳האט אים אריינגעבראכט אָוונט־ברויט: א שטיקל ברויט אויף א בלייענעם טעלער און א פאָרציע „דאפ״ קאווע, דאס איז געווען אזא פארטויבונגס מיטל פאר די אויסטאַנטן, אז זיי זאלן זיך פארהאלטן רויק. יורגיס האט נישט געוואוסט פון דעם, ווייל אנדערש װאלט ער נישט מיט איין זופּ אויסגעטרונקען די גאנצע קאווע. ער האט אינגאנצן געציטערט פון בושה און כעס. אינדערפרי איז געווארן שטיל אין קארידאר, ער האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן גיין הין און צוריק איבער דער

קאמער. א גרויזאמער דעמאָן האט זיך ארייננעריסן אין זיין נשמה און אומרחמנותדיק געגעסן זיין לייב.

ער האט געליטן נישט נאָר פאר זיך אליין. אזא מענטש, וואס האט געארבעט ביי דורהאם אין דער מיסט-פאבריק איז צו אלעם שוין געווען גלייכגילטיק. וואס פארא באדייטונג האט געקאנט האבן אפילו די שווערסטע טורמע אקעגן דעם, וואס ס'איז געשען און ס'וועט געשען, וואס ס'איז שוין קיינמאל נישט מעגלעך צו פארגעסן. ס'האט אים ארומגענומען א שרעקלעכער פחד, ער איז געווען נאענט פון משוגעת, ער האט אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל און געבעטן גאולה, אבער ס'איז שוין געווען פארפאלן, אפילו אין הימל האט מען דערצו שוין נישט געקאנט העלפן, קיין שום קראפט איז שוין נישט געווען בכח צוריקצוציען די געשעענישן. די פארגאנגנהייט האט זיך ווי א בייזער כוח געשטעלט פאר זיינע אויגן, פארפאלגט אים, ווי א שאטן. אָ, ווען ער וואלט אזוי פריער דאס אלץ געווען געוואוסט. ווען ער וואָלט זיך נישט געווען אַזוי באַנאריש! ער האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין שטערן, געשאָלטן זיך אַליין. צוואָס? צוואָס האָט ער געלאָזט אָנען ארייננטרעטן אין דער פאבריק? פאַרוואָס האָט ער זי נישט באהאלטן פאר דעם גורל, וואָס איז אזוי אומרחמנותדיק צו אלע פרויען. ער האָט באדארפט אנטלויפן מיט איר צוזאמען פון דעם וויסטן גיהנם, גלייכער געווען צו פאַלן אין די גאַסן, אין דער גרויסער שטאָט, שטארבן אין א רינשטאק! און יעצט — ניין, דאס אלץ איז נישט אמת. דאָס איז שרעקלעך, מיאוס, העסלעך.

זיין געדאנק האט זיך נישט געקאנט איינלעבן מיט די דאזיקע געשעענישן. ער האט אויפגעציטערט, בעת די ווירקלעכקייט האט זיך אים געשטעלט פאר די אויגן. ניין, אוממעגלעך. אָנע וועט דאס נישט אויסהאלטן. ער האט געוואוסט, אז ער וועט איר מוחל זיין, אז ער אליין וועט נאָך קניען פאר איר, בעטן זי, אז זי זאל כאטש טון אויף אים איין קוק, און זי? זי וועט נישט זיין דרייסט אים צו קוקן אין פנים, זי וועט שוין נישט וועלן זיין מער זיין ווייב. די בושה וועט זי טייטן.

נאָר דער טויט קאָן איר אויסלייזן פון די אַלע צרות און ס'וואָלט געווען גלייכער, אַז זי זאָל טאַקע שטאַרבן!

ביי יעדן מאָל, בעת ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם האָט ער זיך צעוויינט. ער האָט שרעקלעך געליטן, געוואוסט, אַז אַנע וועט זיכער דאָרט שטאַרבן פון הונגער, אים האָט מען פאַרשפּאַרט אין תּפיסה, זיי וועלן אים זיכער האַלטן עטלעכע יאָר. אַנע וועט שוין נישט גיין מער צו דער אַרבעט, זי איז קראַנק, צעבראָכן. און אפשר וועט אויך מאַריע און די מומע עלזע פאַרלירן זייערע שטעלעס. ווייבאַלד דער געלעכטער גיהנמניק, קאָנאַר וועט נאָר וועלן וועט זיכער אַזוי געשען. אַפילו זיי זאָלן צוריק בלייבן אויף זייערע שטעלעס, וועלן זיי סיי ווי זיך נישט קאָנען דערנערן. אַז די קינדער זאָלן אויפהערן צו באַזוכן די שול און אָנהייבן פאַרדינען, וועלן זיי נאָך נישט האָבן די מעגלעכקייט אָפּצוצאָלן די ראַטעס. סך הכּל איז אין שטוב פאַרבליבן עטלעכע דאָלאַר.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן זיי געגעבן אַ ראַטע מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון דריי וואָכן, אין אַ וואָך אַרום האָבן זיי ווידער באַדאַרפט געבן אַ ראַטע. זיי וועלן נישט האָבן קיין געלט. נאָך דעם לאַנגן, שווערן קאַמף וועלן זיי יעצט פאַרלירן זייער הייזל. שוין דריי מאָל האָט דער אַגענט געוואָרנט פאַר דער נישט פּינקטלעכקייט. יאָ, ס'איז אפשר געווען אַ קלייניקייט פון יורגיסן צו טראַכטן וועגן זיין הויז, אין דער צייט, ווען אַזוי פיל זאַכן האָבן געפאָדערט זיין מוח, אָבער ווער ס'ווייסט וויפל זיי האָבן געליטן, איידער זיי האָבן שוין דערגרייכט צו דעם, דער וועט גאַנץ לייכט פאַרשטיין, אַז ער האָט געהאַט רעכט וועגן דעם צו טראַכטן. דאָס הייזל איז געווען זייער איינציקע טרייסט, ס'איינציקע רויִקע ווינקל אויף שפּעטער, אויף די לעצטע טעג פון זייער לעבן. זיי האָבן אַריינגעלייגט אין דעם הויז זייער גאַנץ פאַרמעגנס, זיי זענען געווען אָרעמע האָרעפּאַשניקעס, ס'געלט איז באַשטאַנען זייער איינציקע קראַפט, זייער מקור, די נשמה

פון זייער גוף, א זאך, צוליב וואס זיי האבן עקזיסטירט, וואס אין דעם וואלטן זיי זיכער געשטאָרבן.

די אָרעמע ווייבער וועלן נעבעך אלץ פארלירן. זיי וועלן ווערן ארויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, מוזן זיך פאר־שטעקן ערגעץ אין אַ קאלטער קעלער־שטוב, זיין אונטער־געוואָרפן, וואס דער גורל וועט זי שענקען, לעבן אדער שטארבן. יורגיס האט אין דער דאזיקער נאַכט און אין א סך אזעלכע שלאָפלאָזע נעכט געטראַכט וועגן דעם אַלעם, ער האָט געזעען זייער שרעקלעכער לאַגע און איבערגעלעבט עס צוגלייך מיט זיי. צוערשט וועלן זיי אנהייבן פאַרקויפן ס'מעבל, דערנאָך וועלן זיי זיך פארשולדיקן אין די געוועלבן, ביז מ'וועט זיי אָפזאגן דעם קרעדיט. זיי וועלן באָרגן אַ ביסל געלט ביי שעדווילאַסין, ביי וועמען דאס דעליקאַטעסן קרעמל האט שוין געטעטעמט מיט די לעצטע כחות. די שכנים וועלן אויך העלפן מיט וויפל זיי וועלן קאָנען. די אָרעמע קראַנקע יאדוויגע וועט זיי אויך שענקען עטלעכע סענט, זי שענקט תמיד פאַר הונגעריקע. טאַמאָשיוס קושלעיקי וועט זיי, אוועקגעבן זיין פארדינסט פון איין אָוונט, זיי וועלן זיך אזוי ראנגלען ביז ער וועט ווערן באַפרייט פון תפיסה. אבער צי ווייסן זיי, אַז ער איז פאר־שפאַרט אין תפיסה? צי ווייסן זיי בכלל עפעס פון אים? צי וועט מען זיי דערלויבן זיך צו זעען מיט אים? און אפשר איז אויך געווארן אריינגערעכנט אין זיין שטראָף, אַז ס'זאל אים זיין פארווערט עפעס צוּוויסן וועגן זיין בני־בית.

ער האט זיך אויסגעמאָלט אלץ אין די פינצטערסטע פאַרבן, ער האט געזעען אָנען אַ קראנקע, אַן אויסגעפייניקטע, מאריען אָן אַ שטעלע, דעם קליינעם סטאַניסלאַוואָס זיצן אָן שטוב, צוליב די גרויסע שנייען, דאָס גאַנצע בני־בית ארויס־געווארפן אויף דער גאַס. אָ, דערבארמדיקער גאָט! צי וועסטו זיי טאקע לאזן ליגן אויף דער גאַס, אויסשטארבן איינציקווייז, לאָזן פאראייַנזאמט אָן דיין הילף? און אפשר וועסטו זיי אזוי לאזן ארומוואלגערן אויף דער גאַס, ביז זיי וועלן ווערן געפרוירן.

יורגיס האט קיינמאל נישט געזעען טויטע אויף דער גאס, אָבער ער האט געוואוסט, אז די מענטשן, וואָס זענען געוואָרן ארויסגעווארפן פון זייערע וואוינונגען זענען פארלוירן געגאנגען אָן שום שפּור, קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו זיי זענען אהינגעקומען. אין שטאט האָט זיך טאקע געפונען פילאנטראפּישע אינסטיטוציעס, אָבער יורגיס האט נישט געהערט וועגן די דאָזיקע געזעלשאפטן, זיי האבן קיינמאל נישט פובליקירט זייער טעטיקייט, ווייל זיי וואלטן נישט געווען בכח צו לינדערן די מוראדיקע ארעמקייט.

אזוי האט יורגיס פארברענגט די גאנצע נאכט אין תּפיסה. אינדערפרי האָט מען אים אריינגעזעצט אינעם תּפיסה-וואָגן צוזאמען מיטן שכּורן, וואס האט צעשלאָגן זיין ווייב, מיטן גייסטיקן מאניאַק און מיט נאך עטלעכע שכּורים, וואס האבן זיך סתם אזוי געשלאגן אין א שענק. צווישן די איז אויך געווען אַ פּראָפעסיאנעלער גנב און נאָך צוויי פארשוינען, וועלכע מ׳האט געכאפּט ביים גנבענען פלייש אין שעכטהויז. מ׳האט זיי ארייגעפירט אין אַ זאַל פול מיט מענטשן. אויף אַ הויכער עסטראַדע, אונטער אַ בראַיער איז געזעסן אַ דיקער הער מיט א בלאָען פלעק אויף דער נאָז.

יורגיס האָט פארשטאנען, אַז ער געפינט זיך אין געריכט. ער האט געטראכט פארוואָס מ׳וועט אים משפּטן. ער האט נישט געוואוסט, צי זיין קרבן לעבט צי נישט, וויבאלד נישט, טאָ וואָס פאר אַן אורטייל ערווארט אים. צי וועלן זיי אים הרגענען, צי שלאגן מיט שטעקנס ביז טויט? ער וואָלט נישט שטארק געוואָרן בתּפעל פון ערשטן און אפילו נישט פון צווייטן. ער האט לחלוטין נישט געהאט קיין אַנונג אין די געזעצן, אבער באלד האט ער זיך דערוואוסט. אז דער דיקער הער אויף דער עסטראַדע, אונטער דער באַריער, איז דער בארימטער ריכטער קאַלאַהאַן, וואָס האט אנגעווארפן אַ פּחד אויף גאַנץ סטאָקיערדס.

פּאט קאַלאַהאַן — אזוי האבן אים אלע גערופן — האט אָנגעהויבן זיין קאריערע פון אַ לערן יונגל אין שעכטהויז און

א באקסער, אנגעהויבן זיך מישן אין דער פאליטיק, אויסגעלערנט זיך ענגליש און איידער ער האט נאך געהאט וואל-רעכט האט ער שוין פארנומען צוויי אנגעזעענע אמטן. וויבאלד סקולי איז געווען דער מיטלסטער פינגער, איז פאט געווען דער אנווייז פינגער פון דער געהיימער האנט, מיט וועמענס הילף די פאב-ריקאנטן האבן געפירט די ארבעטער פון סטאקיערדס ביי דער נאז.

די פאבריקאנטן האבן צו קיין שום פאליטיקער נישט געהאט דעם צוטרוי, וואס צו די צוויי פארשוינען. קאלאהאן האט זיך גוט געטויגט צום עסק. ער איז געווען די צווייטע האנט פון אלטן דורהאם, אבער ער האט זיך נישט לאנג גע-האלטן אויף די שטאטישע אמטן. ער האט נאר געגלייבט אין דער פאליטיק, געוואלט פארנעמען אן אנגעזעען ארט אין דער געזעלשאפט. די איבעריקע צייט האט ער פארברענגט אין די פריילעכע הייזלעך און אין אלע גנבישע מלינות, אז זיינע קינדער האבן אנגעהויבן אונטערוואקסן, האט ער ערשט אנ-געהויבן שעצן מענטשן, פארשטאנען די באדייטונג פון כבוד. ער האט זיך געהייסן מאכן פאר פרידנס-ריכטער, דער דאזיקער אמט איז געווען זייער צוגעפאסט צו זיין קאנסערוואטיוון ארט דענקן און באזונדער צו זיין פאראכטונג, מיט וואס ער האט זיך באצויגן צו די אויסלענדער.

צוויי שעה איז יורגיס געזעסן אויף דער באנק און זיך אומגעקוקט איבערן גרויסן זאל. ער האט געמיינט, אז ס'וועט קומען צו אים עמעצער פון שטוב, אבער ס'איז קיינער נישט געקומען. ענדלעך האט מען אויסגערופן זיין נאמען. פון דער באשולדיקונגס זייט איז ארויסגעטרעטן אן אדוואקאט פון דער שעכטהייזער-געזעלשאפט. ער האט געמאלדן דעם הויכן געריכט, אז קאנאר היילט זיך נאך די וואונדן און ער בעט דאס הויכע געריכט זאל באוויליקן אפצולייגן דעם פראצעס אויף א וואך. ער האט געערדט זייער קורץ, אבער נאך קורצער האט אפגע-ענטפערט דער ריכטער:

— גוט, דריי הונדערט דאלאר קויצע!

יורגיס האט געקוקט שטאר אויפן ריכטער, אויפן אד־וואקאט.

— האט איר וועט ס'זאל פאר אייך ערב זיין? — האט דער ריכטער געפרעגט.

דער געריכטס סעקרעטאר, וואס איז געשטאנען לעבן אים, האט אים געגעבן צו פארשטיין אין וואס ס'האנדלט זיך. יורגיס האט געשאָקלט מיטן קאפ, איידער וואס ווען האט אים א פאָליציאנט אוועקגעפירט אין א זייטיק צימערל, וואו ער האט באדארפט ווארטן אויף די איבעריקע ארעסטאנטן. נאכדעם האט ער ווידער דורכגעמאכט דעם לאנגן וועג אין דער צענטראל־תפיסה. ס'איז אים געווען שרעקלעך קאלט, ער האט געציטערט, געקלאפט א צאָן אָן א צאָן. די תפיסה האט זיך געפונען אויף דער דרום זייט פון שטאט. צוואנציק קילאמעטער ווייט פון די שעכטהייזער.

זיי זענען געקומען אויפן ארט. מ'האט אים גערעווידירט די מלבושים, איבערגעלאזט ביי אים די פופצן סענט, וואָס ער האט געהאט ביי זיך. זיי האבן אים אריינגעפירט אין א זאל, באפוילן זיך אויסטון און גיין זיך באדן. א נאקעטער האט ער געמוזט דורכגיין דעם לאנגן קאָרידאר, וואו ס'זענען, ארויס־געגאנגען די פענצטערלעך פון די קאמערן. די דאזיקע טאג שעגלעכע פראצעדור איז געווען פאר די ארעסטאנטן א פאר־ווייליגנג. זיי האבן געלאכט פון די נאקעטע און זיי צוגעווארפן שטעכווערטלעך. יורגיסן האט מען לענגער געהאלטן אין וואסער, זיי האבן געטראכט, טאמער וועט דאך זיין מעגלעך צו באזייטיקן דעם שלעכטן ריח, וואס האט זיך פון אים געטראגן. די ארעס־טאנטן האט מען אריינגעלאזט צו צוויי אין א קאמער, אבער אזוי ווי ס'איז פונקט געווען א ליידיקע קאמער, האט מען יור־גיסן דערווייל אייגעזעצט אליין.

די קאמער האט געהאלטן דרייסיק פוס קוואדראט, די פאדלאגע איז געווען פון שטיינער, אינעווייניק איז געשטאנען א שווערע באנק צוגעפעסטיקט צו דער ערד. א שוואכע ליכטיקייט האט אריינגעדרונגען דורכן קליינעם פענצטערל, וואס איז

ארויסגעגאנגען אויף א גאַניק פון הויף. א חוץ דעם פענצטער האט זיך דארט געפונען נארעס, איינע האט געהאנגען אויף דער אנדערער. אויף יעדערע נארע איז געלעגן א שטרויזאק, צוויי ברודיקע קאָלדרעס, וואס יעדערע באזונדער איז באשטאנען א נעסט פון לייז און פליי. אז ער האט אויפגעהויבן דעם שטרויזאק אינדערהייך, האט ער דערזען א נעסט פון ווערם, זיי זענען זיך צעלאפן, איבערגעשראקן מער יורגיסן, ווי ער זיי.

מ'האט אים ארייגעבראכט א פּאָרציע ברויט, „דאפ" קאַווע און א שיסל זופּ. א גרויסער טייל ארעסטאַנטן האבן זיך געברענגט עסן פון דער נאָענטסטער שענק, אבער יורגיס האט נישט געהאט קיין געלט. טייל פון זיי האבן געהאט ביכלעך, קאָרטן און ליכט, מיט וואס זיי האבן ביינאכט באַלויכטן די קאַמערן. יורגיס האט נישט געהאַט דאס אלץ, ער איז געזעסן פאראיינזאמט, אין דער פינצטער, נישט געקאָנט שלאָפן. ווידער האבן אים געפייניקט די זעלבע געדאנקען, אויסגעטאַנצט אין זיין מוח א ווילדן קאַראַהאָד, געשלאגן אים מיט נאַהייקעס איבער דער נאקעטער פלייצע. אז ס'איז צוגעפאלן נאכט האָט ער זיך געשלעפט איבער דער קאַמער, ווי אַ צעווילדעוועטע חיה, וואס צעברעכט זיך די ציין ביי די אייזערנע שטאכעטן. פון צייט צו צייט האט ער געקלאַפּט מיט דער פויסט אָן דער תפיסה מויער. די מויער האט אים פארוואונדערט, די ווענט זענען געווען האַרט און אומרחמנותדיק, ווי די, וועלכע זיי האבן אויפגעמויערט.

דער קלויסטער-זייגער האט אויסגעשלאָגן צוועלף. יורגיס האט זיך געלייגט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, אונטערגעשפּאַרט די האנט אונטערן קאָפּ און זיך איינגעהערט צו די גלאָקן-קלאַנגען. ס'האט געקלונגען אָן אַן אויפהער. יורגיס האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ: וואס האט דאס געקאנט באדייטן? צי ברענט ערגעץ וואו? אָ, גאָט, ווען ס'זאל זיך אזוי אָנצינדן די טורמע! אבער באלד האט ער דערקענט, אז די גלאקן-קלאנגען רופן צום פרימאָרגן געבעט. ס'האט זיך געדוכטן, ווי זיי וואלטן אויפגעוועקט די שטאָט פון ארום האט זיך געטראגן די מע־

לאָדישע טענער פון אָרגל. לאַנג האט ער געטראַכט און נישט געוואוסט וואס דאס קאן באדייטן, פלוצלינג איז פאר אים אלץ געווארן קלאָר... ס׳איז געווען ווייַנאַכט!

ווייַנאַכט! ער האט לגמרי אין דעם פארגעסן. עריגערונגען פון פרייד און פיין האט זיך געוועקט אין זיין נשמה. דארט, ווייט אין ליטע האט ער געפייערט ווייַנאַכט, יאָ, ער געדענקט עס גוט, ווי ס׳וואלט געווען היינט. ער האט זיך געזעען אַלס קליין יונגל, ווי ער זיצט אין דער קליינער כאַטע, טיף אין פינצטערן וואַלד, צוזאמען מיטן פארשטארבענעם פאטער און מיטן ברודער, וועלכן ער האט פארלוירן. דער שניי איז דארט געפאלן בייטאג און ביינאכט, אָפּגעטיילט זיי פון דער איבעריקער וועלט.

אפילו אין סטאָקיערדס האבן זיי נישט פארגעסן אָן דער ווייַנאַכטס יום־טוב. יעדעס יאָר האט דער יום־טוב, ווי א שטראַל באלויכטן זייער אומעטיק לעבן, אין פארגאנגענעם יאָר ווייַנאַכט האט יורגיס געארבעט אין שעכטהויז, אָנע ביים פּאַקן די בריסטלעך, אבער דאך האבן זיי געהאט גענוג מוט צו פירן די קינדער איבער די גאסן און ווייזן זיי די שויבן־פענצטער באַפּוצט מיט כאָינקעס און פארשידענע קאָלירקע ליכטעלעך.

אין איין שויבן־פענצטער האבן זיי געזעען לעבעדיקע גענז, און אַ צווייט א וועלדל פון ווייסן און רויטן צוקער, קיכלעך באַפּוצט מיט מלאכימלעך. אין אַן אנדער פענצטער האבן זיי געזעען א פארכשופטע שטאָט מיט פארשידן שפילצייג. אַלקעס אין פרעכטיק ראָזאַ אָנטועכטס, שעפּסלעך מיט געקרויזטע האָר, פייגעלעך, זעלנערישע היטעלעך.. זיי האבן זיך שוין דאַן נישט אומגעקערט מיט ליידיקע הענט, געבּרענגט א היים א פולן קויש מיט זאַכן: געבראָטנס, קרויט, גערשטענע פלעצעלעך, א פּאָר וואַרעמע הענטשקעס פאר אָנען, א גומענע לאַלקע, א בייטעלע ציקערלעך, אויף וואס א האלב טוץ קינדער האט געקוקט מיט לאָקערונג.

אפילו דאס זעקס חדשימדיקע גערויש פון דער מאשין, וואס האט צעמאָלן דאס פלייש און ארויסגעשפיגן פון זיך

אַנגע קישקעס וואורשט, איז אויך נישט געווען בכוח צו־ ערשטיקן די ערינערונגען פון די פארגאנגענע ווייִנאַכטס יום־ טובים. עפּעס האט אים געשטיקט אין האלדז, בעת ער האט יך דערמאָנט, אז אָט טאקע אין יענעם טאָג, ווען אָגע האט יך נישט אומגעקערט אַ היים, האָט די מומע עלזע אים גע־ ויזן אַן אַלט בילדל, וואס זי האט געקויפט אין אַ בוכהאנדלונג ּאר פופצן סענט. ס׳איז געווען שמוציק, אָנגעריבן, אָבער נאך ייער שיין. די מומע עלזע האט זיך באמיט עס אָפּצורייניקן ון די פלעקן, געוואָלט עס אוועקשטעלן אויף דעם קוימען, כדי די קינדער זאָלן געפונען אין דעם אַן אָפּקלאנג פון יום־ טוב. ביי דער דאָזיקער ערינערונג האָט זיך יורגיס ביטער צעוויינט. דער הייַנטיקער יום־טוב וועט זיין ביי זיי טעג פון הונגער און יאוש. ער זיצט פארשפארט אין תפיסה, אָנע איז קראנק און צעבראָכן, ס׳גאנצע הויז איז וויסט...

אָ, ווי אומרחמנותדיק דער גורל איז צו זיי. פארוואָס אָזט זיי נישט די וועלט צו רו? פארוואָס שיקט מען יעצט אָן אויף אים אַלע ערינערונגען? צוואָס קלינגען די קלויסטער־ לאָקן, אז ער אין טורמע זאָל וויסן, אז יעצט איז אויף דער נאנצער וועלט ווייַנאַכטס יום־טוב. אָבער נישט פאר אים קלינגען די קלויסטער־גלאָקן. זייער יום־טוב איז נישט זיין יום־טוב, זיי ווייסן פון אים גאָרנישט. ער איז פארשטויסן, ווי אַן איבעריקער מענטש, ווי אַ שקעלעט פון אַ געפּגרטע חיה. יאָ, ס׳איז שרעק־ לעך... זיי ווייב קאָן גוססן, ס׳קינד קאָן שוין דאָרט ליגן אין טויטן קאַסטן, די פראָסט שטיקט מיט די אייז הענט ס׳גאַנצע בני־בית... און זיי קלונגען כסדר, רופן מיט די קלאַנגען צום מאָרגן־געבעט. דאס דאָזיקע אָפּחוזקן זייערס איז אויך אַ וודאי אַ שטראָף פאר זיין שלעכטן טאַט... מ׳האט אים פארמאכט אין אַ קאַמער, וואו דער שניי האט נישט דערגרייכט, וואו די קעלט האט נישט דורכגענומען זיינע גלידער, מ׳האט אים אַריינגעגעבן עסן און טרונקען. פארוואס, צום טייוול, האט מען נישט איינ־ געזעצט זיי און אים געלאָזט אויף דער פריי? צי האָבן זיי נישט געקאָנט אויסגעפונען פאר אים אַן אנדערע שטראָף, נישט

אזא שטראָף וואס דערלאָזט קראַנקע פרויען און זעקס אומבאהאָלפענע קינדער שטארבן פון הונגער און קעלט.

יאָ, דאס זענען זייערע געזעצן, זייער גערעכטיקייט. יורגיס האט זיך אויפגעשטעלט, געציטערט פון כעס, ער האט צונויפגעביילט די פויסטן, אויפגעהויבן זיי צום הימל, פלאַמען האָבן ארומגענומען זיין נשמה, אָנגעצונדן אין אים האַס און אויפשטאַנד. פאַרשאָלטן זאָלן ווערן זייערע געזעצן און זייער גערעכטיקייט. דאס איז אַ געמיינער אויסגעטראַכטער ליגנט, וואס קאָן לגמרי נישט עקזעסטירן אין דער ווירקלעכקייט. דאס איז אַ שווינדל, חוזק. ניין, אין דער הייגטיקער וועלט אָרדענונג איז נאך נישטאָ די גערעכטיקייט, הייגט הערשט דער כוח, די מאַכט. זיי האָבן אים צעטרעטן מיט זייערע קרעפטיקע פיס, אַוועקגענומען פון אים זיין איך, דערהרגעט זיין אַלטן פאָטער, פארגוואלדיקט זיין קראַנק, אומגליקלעך ווייב, ערנידעריקט און רויגירט זיין גאַנץ בני-בית. יעצט האָבן זיי אים שוין נישט באַדארפט, זיי האָבן שוין נישט געהאַט מיט אים וואס צו מאַכן. און, אז ער האט געפרווט פראָטעסטירן אַקעגן זייער הערשן, האבן זיי אים געבונדן, פארמאכט אים אין אַ שטייג, ווי אַ ווילדע חיה, וואס האט נישט קיין שכל און רעכט. אפילו מיט אַ חיה וואָלטן זיי נישט געוואגט דאס צו טון, וואס מיט אים.

צי וואָלט זיך געפונען אויף דער וועלט אזא מענטש, וואס זאָל פאַרמאכן אַ חיה אין אַ שטייג, כדי די קינדער פון דער חיה זאלן שטארבן פון הונגער אין זייער באַהעלטעניש.

פאר יורגיסן זענען דאס געווען די שרעקלעכסטע מינוטן, געפילן פון פראָטעסט האט זיך געוועקט אין אים אַקעגן די הערשנדע געזעצן! ער איז געווען צו ווינציק אינטעליגענט צו פארשטיין די געזעלשאַפטלעכע אומגערעכטיקייט, ער האט נישט געוואוסט, וואס דאס הייסט אַזוינס „קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג" וואָס דריקט די גאנצע וועלט. ער האט נישט געוואוסט, אז די שעכטהויז אייגנטימער, זענען טיראַנען, האבן אונטערגעקויפט די געזעצן, איידער זיי האָבן נאך ארויסגעריסן דעם

אורטייל אויף יורגיסן פון ריכטערס מויל. ער האט נאר גע־
וואוסט, אז מ׳איז באגאנגען אַקעגן אים אַ געוואלדטאַט, אז די
וועלט איז אומגערעכט, אז די געזעצן, די געזעלשאפט זענען
אים שׂאִאים. מיט יעדער שעה איז געוואקסן ביי אים דער פאר־
לאנג צו נקמה, צאָרן, ווילדער האס און פאראכטונג.

זיבנצענטער קאַפּיטל

צומאָרגנס זיבן ־אינדערפרי האָט מען אים באַפוילן צו גיין נאָך וואַסער און ריייניקן זיין קאמער. ער האט געערן אויסגעפירט דעם באפעל. די איבעריקע ארעסטאנטן האבן אויסגעמיטן די דאָזיקע ארבעט, זייערע קאמערן זענען געוואָרן אזוי שמוציק, אז די תפיסה-וואַך איז שפּעטער געווען געצוואונגען זיך אריינצומישן אין דער זאך.

מ׳האָט אים געברענגט א פּאָרציע ברויט, די „דאָפּ” קאַווע און אים דערלויבט צו גיין דריי שעה אויפן שפּאציר, אין א גרויסער גלאָזערנער האלע, מיט אַ שטיינערנער פּאָדלאָגע, וואו ס׳זענען געווען פארזאמלט אלע ארעסטאנטן דארט איז אויך געווען דאס זעאונגס אָרט, געטאָפּלטע אייזערנע קראטן האבן אָפּגעטיילט די באַזוכער פון דער מחנה אַרעסטאנטן, געמאכט אוממעגלעך איבערצוגעבן די אַרעסטאנטן פארבאָרגענע פּעקלעך. יורגיס האט אומרויק געקוקט צו יענעם אָרט, אבער קיינער איז צו אים נישט געקומען.

קורץ נאָכדעם, ווי ער האט זיך אומגעקערט אין זיין קאמער האט זיך אויפגעמאַכט די טיר און דער שליסער האט אַריינגעלאָזט אַ נייען אַרעסטאנט. דאס איז געווען אַ יונגער־מאן, הויך געוויקסיק, פיין אָנגעטון, בלאָנדע וואָנסן און בלאָע אויגן. ער האט געשאָקלט צו יורגיסן מיטן קאָפּ, און, אז דער שליסער האט שוין געהאט פאַרמאכט די קאַמער, האט ער זיך אָנגעהויבן אומקוקן אַרום.

— גוט מאָרגן, פריינט — האט ער געזאגט, ווען זייערע בליקן האבן זיך באַגעגנט.

— גוט מאָרגן.

— אַ געשלעג, יום-טוב, אַ?

יורגיס האט צוגעשאָלט מיטן קאָפּ.

דער פרעמדער האָט אָנגעהויבן באקוקן די נאַרעס, די קאָלדרעס, אויפגעהויבן דעם שטרויזאַק און מיט עקל צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער נאַרע.

— גאָט מיין איינציקער, דאָ איז דאָך ערגער, ווי ערגעץ אַנדערש.

ער האָט ווידער אַ בליק געטון אויף יורגיסן.

— איר זענט אודאי נישט געשלאָפן יענער נאַכט, אוממעגלעך געווען, אַ?

— כ'האָב נישט געוואלט שלאָפן — האט יורגיס געענטפערט.

— ווען זענט איר געקומען אהער?

— נעכטן.

דער פרעמדער האט זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט אַרום, פארקרומט די נאָז און געזאָגט:

— וואָס פאַרא שרעקלעך געשטאַנק, פונוואַנען?

— פון מיר.

— פון אייך?

— יאָ, פון מיר.

— האָט איר זיך נישט געבאָדן?

— יאָ, אבער ס'האט ווינציק-וואָס געהאָלפן.

— וואָס צום טייוול שטינקט דאָס אזוי פון אייך?

— מיסט.

— מיסט? צום טייוול! מיט וואס באשעפטיקט איר זיך?

— איך האָב געארבעט אין די שעכטהייזער, אין דער פאַבריק פון קינסטלעכע באמיסטיקונג. דער געשטאנק האָט דורכגעזאַפּט מיינע מלבושים.

— דאס איז גאר פאר מיר אַ נייס, מיט אַזאַ פארשוין

בין איך נאָך קיינמאָל נישט געזעסן... פארוואס האט מען אייך איינגעזעצט?

— איך האָב צעשלאָגן אַן אויפזעער.

— פאַרוואָס? וואָס האט ער דיר אַזוינס געטון

— באַגאנגען קעגן מיר אַ געמיינהייט.

— אזוי, זענט איר, הייסט עס, דאס, וואָס מ׳רופט לויטן שטייגער אַן ערלעכער אַרבעטער?

— און אייער באַשעפטיקונג?

— איך? — האט ער געענטפערט און שטאַרק זיך צעלאכט

— מיך רופט מען איינברעכער.

— וואס הייסט דאָס? — האט יורגיס געפרעגט.

— למשל אייזערנע קאַסעס און נאך אזוינע זאַכן.

יורגיס האט געקוקט אויף אים צעטומלט — איר ברעכט קאַסעס, הייסט עס, אז איר זענט אַ...

— יאָ — האָט ער געענטפערט לאכנדיק — אזוי רופן זיי מיך.

ער האָט אויסזעען אויף אַ יאָר צוואַנציק, ערשט שפּעטער האט זיך יורגיס דערוואוסט, אז ער איז באמת אלט דרייסיק. ער האָט גערעדט, ווי ער וואלט באזיצט אַ געוויסער מאס בילדונג, אויסגעזעען ווי אַ דזשענטעלמען.

— האָט מען אייך דערפאר איינגעזעצט?

— נישט פאַר דעם, פאר שטערן די עפנטלעכע רו. זיי זענען געווען געגנוג צאָרנדיק, נישט געהאט אקעגן מיר באַווייזן. ווי הייסט איר? איך הייס דזשיעק דויאַן. כ׳האב אפשר אַ טוץ נעמען, נאָר מיט דער נאָמען באַנוץ איך זיך אין דער געזעלשאַפט.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, אָנגעשפּאַרט זיך אָן דער וואַנט, פארלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און גערעדט מיט אַ זעלטענער רויקייט. ער איז געוואָרן מיט יורגיסן היימיש, געווען אַ וועלטלעכער מענטש, וואָס איז געווען צוגעוויינט צו דער קונסט פון געפעלן מ׳ענטשן, נישט האלטנדיק זיך דערביי שטאָלץ אָפּצוגעבן מיט אַ פשוטן ארבעטער.

ער האָט אויסגעפרעגט יורגיסן אַלע איינצלהייטן, דערוואוסט זיך אַלץ, אחוץ די לעצטע געשעעניש מיט אָנען. דערנאָך האט ער אָנגעהויבן דערציילן פון זיין לעבן, אַ לאנגע קייט פון אומגליקלעכע געשיכטעס. ער האט ליב געהאט צו דערציילן, כאָטש נישט אלעמאל זענען זיינע געשיכטעס געווארן מייסטעריש איבערגעגעבן. ס'האט אויסגעזעען, ווי די טורמע וואלט לחלוטין נישט אפגענומען זיין הומאָר. ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן איז ער שוין געזעסן צוויי מאָל. אָבער דאס איז געווען ביי אים אַ שפּילעכל. ווער ס'האט אַזוי פּול צו טון מיט וויין נקבות און אנדערע נערוועזע מלאכות, האט גאנץ לייכט זיך געקאָנט אַ געוויסער צייט אויסרוען אין תפיסה.

דאָס זיצן אין טורמע האט ביי יורגיסן אנגענומען אַ גאנץ אנדערן כאראַקטער, ער האט זיך שוין נישט געקאנט כעסן, האקן מיט די פויסטן אָן דער וואנט. מ'האט גערעדט צו אים און ער האט געמוזט ענטפערן. איבעריקנס האט אים דער שמועס מיט דואַנען פארשאפט פאַרגעניגן, ער איז געווען דער ערשטער מענטש, מיט וועמען יורגיס האט זיך צוזאמענגעטראָפן. ער האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט, בעת יענער האט אים דערציילט וועגן זיינע נאכט געיעגן, געפערלעכע נסיעות, שכרות, אָרגיעס, וועגן אומדערהערטע סומעס, וואס ער האט פארשפּילט אין איין נאַכט. ער האט געקוקט אויף יורגיסן מיט אַ געוויסער פריילעכער פאראכטונג, געהאלטן אים פאר אן אפגעשטאנענעם, פעיק נאָר צו הייבן משאות. יאָ, די וועלט איז אקעגן אים אויך געווען אומגערעכט, אבער ער האט זיך נישט געבויגן אונטער דער אומגערעכטיקייט, געקאָנט זיך אן עצה געבן קעגן אַלע, תמיד געפירט אַ מלחמה מיט דער געזעלשאפט. ער איז געווען געגליכן צו יענעם רויבער, וואָס האט אָן פחד און אן בושה געלעבט אויפן חשבון פון זיין שונא, נישט אלעמאל האָט ער טאַקע געזיגט, אָבער איין מפּלה האט אים נאך נישט אוועקגעלייגט אויף שטענדיק. מ'טאָר זיך נישט האלטן פאַר באַזיגט.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם איז ער געווען דער גוט-

מ׳טיקסטער מענטש אויף דער וועלט. די געשיכטע פון זײַן לעבן איז שוין פאר יורגיסן נישט געווען פאַרבאָרגן. אמת טאַקע, אז דאס איז נישט געשען באַלד דעם ערשטן און נישט דעם אנדערן טאָג, נאר אין יענע לאנגע, פוילע תפיסה שעהן, ווען זיי האבן נישט געהאט מער וואס צו טון, נאר רעדן און רעדן. דזשעק דואַן האט געשטאמט פון מזרח, באַזוכט א הויכשול, געשטודירט אויף אינזשיניר. דעם פאטערס געשעפטן זענען שלעכט אוועקגעגאנגען און ער האט זיך גענומען ס׳לעבן. ס׳איז איבערגעבליבן א מוטער, א יונגערער ברודער און נאך א יונגערע שוועסטער. דערנאך האט ער דערציילט וועגן עפעס אַן ערפינדונג, וואס יורגיס האט עס ווינציק-וואס פארשטאנען, ס׳האט עפעס געהאט א צוזאמענהאנג מיט טעלעגראַף, ס׳איז געווען א זייער וויכטיקע אַנטדעקונג. דואַן האט אריינגעלייגט אין דעם זײַן גאנץ פארמעגן, מיליאָנען דאָלאַר, א גרויסע געזעלשאפט האט באַדאַרפט אָנהייבן פּראָדוצירן די ערפינדונג, אבער זיי האבן אים באַשווינדלט. א לאנגע צייט האט ער זיך מיט זיי פּראָצעסירט, פארשפּילט זײַן לעצט געלט. נאכדעם האט ער מיט פרעמד געלט, געפּרווט גלייך ביי טאָטאַליזאַטאָר, פארשפּילט ס׳געלט און געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן. פון דעמאלט אָן האט ער אָנגעהויבן זונקען וואס אמאל נידעריקער.

יורגיס האט אים געפרעגט, ווי אזוי ער איז געקומען אויפן געדאַנק צו ברעכן אייזערנע קאַסעס, ווייל אים האט זיך עס אויסגעוויזן געניג ווילד און ריזיקאַליש. דואַן האט אים געענטפערט, אז ער האט זיך באַגעגנט מיט א מענטש, וואס האט געקאנט די מלאכה. איינער לערנט דעם אנדערן. יורגיס האט אים געפרעגט, צי ער טראכט נישט קיינמאל וועגן זײַן פאַמיליע: טיילמאָל יאָ—האט ער אָפּגעענטפערט — אבער נישט אָפט. דאס טראכטן וועט אים נישט פארשאפן קיין גרויס נחת רוח אין דער פאמיליע וועט עס ווינציק וואס העלפן. די וועלט איז נאך נישט אזוי גוט איינגעאָרדנט, אז מ׳זאל פילן א נויטווענדיקייט צו א פאמיליען לעבן. יורגיס וועט עס פריער אדער שפּעטער

טער אליין פארשטיין, ער וועט אויפגעבן דעם קאַמף און אָנ־הייבן טראַכטן פאר זיך אליין.

יורגיס איז פון דער גאַטור געווען א פשוטער, אַן אָפּנ־הערציקער, זיין תּפיסה פריינט האט זיך באַצויגן צו אים ווי א קליין קינד. ער האט געפונען א באפרידיקונג צו האבן אזא צוהערער, וואס איז געזעסן מיט ברייט צעעפנטע אויגן און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו זיינע דערציילונגען, וועלכער האט לגמרי נישט געהאט קיין אנונג אין די פאַרהעלטעניששן, וואס האבן געהערשט אין לאנד. דואַן האט אפילו נישט פאר־באָרגן פאר אים די נעמען פון זיינע חברים, די ערטער, וואו ער האט אויסגעפירט זיינע פארברעכנס, ער האט אים דער־ציילט פון זיינע טריומפן און דורכפאלן, ליידן און ליבע־אוואַנטורעס. ער האט אים באקענט מיט די נעמען פון אנדערע אַרעסטאנטן, יעדערן פון זיי האט ער געקענט פערזענלעך. די ארעסטאַנטן האבן יורגיסן געגעבן א צונאָמען, זיי האבן אים גערופן „שטינקער”. ס׳איז אים געווען אפילו אומאנגענעם, אבער יורגיס האט נישט געזעען אין דעם קיין שלעכטס, ס׳האט אים שוין לגמרי נישט געאַרט.

נישט איינמאל איז שוין יורגיסן אויסגעקומען צו שטיין ביים ראַנד פון געזעלשאפטלעכן אָפּגרונד, אבער יעצט האט ער געהאט א מעגלעכקייט צו אלעם זיך צוקוקן. די תּפיסה איז געווען פול מיט פארשידענע פארברעכער. ס׳זענען געווען דאָרט מערדער, באַנדיטן, איינברעכער, געלד־פעלשער, גנבים פון גרויסן שניט, טאשן־ציער, שווינדלער, בעטלער, אַוואַנטו־ריסטן, שלעפער, שכּרים, שווארצע און ווייסע, אלטע און יונגע, אַמעריקאַנער און מענטשן פון אלע נאַציאָנאַליטעטן פון דער ערד. ס׳זענען געווען שולדיקע און אומשולדיקע, מענטשן אָרעמע, וואס האבן זיך נישט געקאָנט פארטיידיקן, אלטע און מינ־דעריעריקע קינדער. דאס איז געווען די ראָפּע פון דער גרוי־סער געזעלשאפטלעכע וואונד. ס׳איז געווען מוראדיק אויף זיי צו קוקן און שרעקלעך זיי צו הערן. זייער לעבן איז געווען

צעפוילט, די ליבע פארוואנדלט אין ברוטאליטעט, די פרייד אין א שפּאַטישן געלעכטער.

זיי האבן רויק געשפּאַצירט אין אַ באַגלאזטער האַלע און יורגיס האט זיך צוגעהערט זייערע שמועסן. זיי זענען געווען די באַוואוסטזינקע און ער דער אומבאַוואוסטזיניקער, זיי די דערפּאַרענע און ער דער אָפּגעשטאַנענער. זיי האבן געקאנט דערציילן א סך זאכן, געקענט די נשמה פון דער גרויסער שטאָט, וואו מ׳האט פאר געלט פארקויפט אלץ, די גערעכטיקייט, די ערע און פרויען־לייבער, וואו מענטשן האבן געקעמפט איינער אקעגן אנדערן, ווי וועלף אין וואלד. יעדער איז נישט ווילנדיק געווען פארמישט אין דעם גרויסן קאַמף, איינער האט געשטופּט דעם אנדערן, אנדערש האט עס שוין נישט געקאנט זיין. ס׳איז לחלוטין שוין נישט געווען פאַר זיי קיין בושה דאס זיצן אין תּפיסה, זיי זענען פון די פריסטע יאָרן אָן געזונקען אין תהום פון געמיינקייט, נישט געהאט שוין מיט וואס זיך צו שעמען. זיי האבן באשווינדלט און געגנבעט, כּדי צו האבן וואס מער קופּערנע מטבעות, און זיי האט געכאַפּט און איינגעזעצט אנדערע מענטשן, וואס האבן געגנבעט און באשווינדלט אויף מיליאָנען.

אפּטמאָל האט זיך יורגיס נישט געוואָלט צוהערן צו זייערע שמועסן, די איראָניע מיט וואס זיי האבן גערעדט, האט אָנגעוואָרפן אויף אים אַ פּחד. זיין הארץ האט געשוועבט צו זיינע נאָענטע, ער איז געווען ווייט פון די, וועלכע ער האט אזוי ליב געהאט. טיילמאָל בעת אַ שמועס האט ער זיך פארטראכט, טרערן האבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן און אלע אַרום האָבן אויסגעבראכן אין אַ ווילדן געלעכטער, זיי האבן אים געראַטן צוזעען דיווירקלעכקייט.

אין דער דאָזיקער סביבה האט ער פארברענגט אַ וואך צייט. דורך דער גאַנצער צייט האט ער קיין איינציק וואָרט נישט געהערט פון זיין בני־בית. זיין קאַפּיטאל, וואס איז באַשטאנען פון פופצן סענט, איז געווארן ווינציקער מיט איין סענט, ער האט געקויפט אַ פּאסט־קארטל און אינער פון די ארעסטאנטן האט אים אנגעשריבן עטלעכע ווערטער אַ היים. ער

האט געשריבן, וואו ער געפונט זיך און וואס ס׳איז מיט אים געשעען. אבער ס׳איז נישט געקומען קיין ענטפער.

ניי-יאָר האט ער זיך געזעגנט מיט דזשעק דוואנען, יענער האט אים געגעבן זיין אדרעס און דעם אדרעס פון זיין געליבטע, פארלאנגט פון יורגיסן, אז ער זאל זיך דורכאויס מיט אים זעען: — מעגלעך, אז כ׳וועל קאָנען אייך מיט עפעס העלפן — האט ער געזאגט און באלד האט ער צוגעגעבן: — כ׳וועל אייך תמיד באַדויערן. יורגיסן האט מען ווידער איינגעזעצט אין תפיסה-וואגן און אפגעפירט אין געריכט, וואו אונטער אַ באריער אויף דער עסטראדע, איז געזעסן דער צאָרנדיקער פאַט קאַללאַהאַן.

דעם ערשטן מענטש, וועמען ער האט דא דערזעען, דאס איז געווען די מומע עלזע. זי איז געווען בלייך, איבערגעשראָקן, זי איז געזעסן אין דער לעצטער ריי און געהאלטן לעבן זיך די קליינע קאַטארינע. דאס הארץ האט ביי יורגיסן געקלאפט ווי מיט אַ האמער, אבער ער האט צומאל נישט געוואגט צו שאָקלען צו איר מיטן קאפ, און אויך נישט זי צו אים. ער האט זיך געזעצט אויף דער באַנק פון די באַשולדיקטע און יאושדיק געקוקט אין יענעם ווינקל, וואו זי איז געזעסן. אָנען האט ער נישט געזעען לעבן זי, דער געדאנק וועגן איר האט אים שרעקלעך געפייניקט. פארוואס איז זי נישט געקומען? פאַרשידענע מחשבות האבן אים אזוי געפייניקט אומגעפער אַ האלבע שעה. פלוצלינג האט ער זיך אויפגעשטעלט, ס׳בלוט האט אים אַ שלאָג געטון אין פנים. אַ מענטש האט זיך באַוויזן אין געריכטס-זאַל, יורגיס האט נישט געזעען זיין פנים, ווייל ס׳איז געווען איינגאנצן באַנדאזשירט, אָבער נאָכן באַוועגנדיקן גוף האט ער דערקענט ווער דאס איז. דאס איז געווען קאָנאָר! יורגיס האט אויפגעציטערט, זיינע גלידער האבן זיך אויסגעגלייכט, ער האט זיך האסטיק אויפגעשטעלט פון זיין אָרט, אָבער פלוצלינג האט אַ שווערע האנט זיך אראָפגעלאָזט אויף זיין אקסל. ער האט דערהערט אונטער זיך אַ הייזעריק קול:

— זיץ הינטישער זון!..

ער האט זיך אװעקגעזעצט, אָבער זײַן בליק איז שױן געסדר געװען באַהאָפטן מיטן שונא. אַזױ, הײסט עס, אַז ער לעבט נאָך! דאָס איז געװען פאַר יורגיסן אַ שרעקלעכע אַנטױשונג. דאָך האָט ער געפילט אַ געװיסע פאַרלײכטערונג זעענדיק זײַן באַנדאַזשירט פּנים, קאָנאָר האָט זיך אװעקגעזעצט צוזאַמען מיטן אַדװאָקאַט פון דער פאַבריק, נאָענט פון ריכטערס טאַפעל. דער געריכטס־סעקרעטאַר האָט אונטערגערוקט יורגיס באַשולדיקונגס־אַקטן און אױסגערופן זײַן נאָמען. אַ פּאָליציאַנט האָט אים אַ ריס געטון פון אָרט און אים צוגעפירט צום ריכטער. ער האָט אים געהאַלטן פעסט בײַם אַקסל, אַז ער זאָל זיך נישט קאָנען װאַרפן אױף זײַן קעגנער.

יורגיס האָט אױסגעהערט. קאָנאָר איז אַרױסגעטרעטן אַלס עדות. ער האָט אָפּגעגעבן אַ שבועה און דערציילט די גאַנצע געשיכטע. די פרוי פון באַשולדיקטן האָט געאַרבעט אין זײַן אָפּטײלונג און זי איז געװאָרן באַזײַטיקט פון איר שטעלע פאַר שלעכטע אױפפירונג. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אױף אים אָנגעפאַלן דער מאַן, אַנידערגעװאָרפן אים אױף דער ערד און אים געװאָלט דערשטיקן. קאָנאָר האָט זיך פאַררופן אױף נאָך עדות.

דער ריכטער האָט אים איבערגעריסן:

— די עדות װעלן װײַזט אױס נישט זײַן נײטיק.

ער האָט זיך געװענדט צו יורגיסן:

— צי איז זיך דער באַשולדיקטער מודה, אַז ער איז אָנגעפאַלן אױף דעם מענטש?

— אױף דעם? — האָט יורגיס געפרעגט, אָנװײַזנדיק אױף קאָנאָרן.

— יאָ.

— כ׳האָב אים געשלאָגן — האָט יורגיס געענטפערט.

דער פּאָליציאַנט האָט אים אַ שלעפּ געטון בײַם אַקסל און אים אַרײַנגעשעפּטשעט אין אױער:

— מ׳זאָגט: הױכער געריכט.

— הױכער געריכט — האָט יורגיס געזאָגט געהאָרכזאַם.

— צי האט דער באַשולדיקטער געוואָלט דערשטיקן?
— יאָ, מיין הער — הויכער געריכט.
— צי זענט איר שוין געווען אַמאָל באַשטראָפט?
— ניין, מיין הער — הויכער געריכט.
— וואָס האָט איר צו זאָגן וועגן דעם?
יורגיס האָט זיך אַ וואַקל געטון. וואָס האָט ער געהאַט צו זאָגן. דורך צוויי און אַ האַלב יאָר האָט ער זיך שוין געהאַט אויסגעלערנט געגוג ענגליש, אָבער אַזוי פיל, וויפל ס'איז אים געווען נייטיק צום טאָג טעגלעכן געברויך. אים האָט פאַרפעלט אויסדריקן אויף צו דערציילן פאַרן ריכטער, אַז קאָנאָר האָט מיט פאַרשידענע דראָונגען פאַרנאַרט און פאַרפירט זיין ווייב. ער האָט אָנגעהויבן איינמאָל, נאָכאַמאָל, געוואָלט דאָס אַלץ דערציילן, אָבער דער ריכטער איז געוואָרן אויפגערעגט, דער ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון יורגיסן האָט אים געאַרט. לסוף האָט יורגיס ערקלערט, אַז ס'וועט אים שווער זיין צוגעבן דערקלערונגען, באַלד האָט זיך אָפּגעזוכט אַ יונגער מענטש, וואָס האָט אים געהייסן רעדן אויף דער שפּראַך, וואָס ס'איז אים גרינגער.
יורגיס האָט גערעדט. ער איז געווען זיכער, אַז מ'וועט אים געבן גענוג צייט אויף צו דערציילן אַלץ. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי קאָנאָר האָט אויסגענוצט זיין מאַכט, כדי זיך צו דערנענטערן צו זיין ווייב, ווי אַזוי ער האָט איר געדראָט מיט דערווייטערן פון דער פאַבריק. דער איבערזעצער האָט עס איבערזעצט אויף ענגליש, אָבער דער ריכטער האָט געהאַט ווייניק צייט, אַן אויטאָ האָט אויף אים געוואַרט פאַרן געריכט. ער האָט גיך איבערגעריסן:
— כ'פאַרשטיי נישט, וויבאַלד קאָנאָר האָט זיך געלעקט צו אייער ווייב, טאָ פאַרוואָס האָט איר זיך נישט באַקלאָגט אין דער אַדמיניסטראַציע אָדער פאַרלאָזט די אַרבעט?
יורגיס האָט זיך אַ וואַקל געטון, פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט, ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן: זיי זענען זייער אָרעם און ס'איז געווען שווער צו געפינען אַנדערע אַרבעט.

אזוי — האט קאַלאַהאַן געזאגט — האט איר געהאַלטן פאַר גלייכער אָנצוּפאַלן אויף קאָנאָרן און אים צעשלאָגן.

ער האָט זיך געווענדט צו קאָנאָרן:

— צי איז כאָטש אין די אַלע טענות פאַראַן איין אמת וואָרט, הער קאָנאָר?

— אַלץ אויסגעטראכט, הויכער געריכט. דאָס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע, ווען מ'באַזייטיקט פון דער פאבריק עמעצנס אַ ווייב.

— כ'ווייס, כ'האב עס שוין אַ סך מאָל געהערט. דער פארשוין האט אייך גוט צעשלאָגן. דרייסיק טאג און געריכטס קאָסטן. דער ווייטערדיקער.

ביי די לעצטע ווערטער איז ער געוואָרן ממש צעטומלט. ערשט, ווען דער פּאָליציאַנט האט אים אַ שלעפּ געטון ביי דער האנט האט ער פאַשטאַנען, אַז ער איז שוין פארמשפּט. ער האט געקוקט מיט ווילדע, צעשראָקענע אויגן. דרייסיק טאג? ער האט שווער אַפּגעטעמט. פלוצלונג איז ער צוגעשפּרונגען צום ריכטער: — וואס וועט זיין מיט מיין ווייב, מיט מיינע קינדער, זיי זענען אָן אַ פּרוטה, זיי וועלן שטאַרבן פון הונגער!

און דער ריכטער האָט געענטפערט טרוקן און קאַלט, קוקנדיק שוין אויף אַ צווייטן ארעסטאנט:

— דאס האט איר באַדאַרפט באַקלערן, איידער איר האט צעשלאָגן דעם מענטש.

יורגיס האט נאך געוואָלט עפּעס זאגן, אבער איין פּאָליציאַנט האט אים געהאַלטן ביים קאָלנער און געשטיקט, און אַ צווייטער האט זיך שוין דערנענטערט דעם ערשטן צו הילף. ער האט זיך געלאָזט אַרויספירן. אין אַ ווינקל פון זאַל איז געשטאַנען די מומע עלזשע און קאַטארינע, זיי האבן געקוקט אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן. ער האט געוואָלט צוגיין צו זיי, אבער באַלד האט ער דערפילט דעם פּאָליציאַנטס לאַפּע אויף זיינע פּלייצעס. ער האט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך אונטערגעגעבן דעם גורל. אַז די געריכטס-זיצונג האט זיך גע-

ענדיקט, האט מען אים איינגעזעצט אין תפיסה־וואגן און אפּ־
געפירט אין טורמע.

דאסמאל האט מען אים אפּגעפירט קיין „ברידעוועל״,
אַ געוויינלעך־אַרעסט אין דער געגנט. די טורמע איז געווען
פאר געוויינלעכע פארברעכער. דארט זענען געווען פארשפארט
אלע נידעריקע פארברעכער. מארעוויכער פאר קליינע גנבות,
שווינדלער און אַוואַנטוריסטן, שלעפּער, ס׳איז געווען שרעקלעך
שמוציק. יורגיסן האט מען איינגעזעצט אין אַ קאמער צוזאמען
מיט אן איטאליענער, וואס האט געהאנדלט מיט פרוכטן אַן
א דערלויבעניש. יורגיס איז געווען צופרידן, אז מ׳האט שוין
יענעם באפרייט, ווייל ער האט נישט געקאנט אווארט ענגליש.
נאך אים איז דארט אנגעקומען א נארוועגישער מאטראז, וואס
האט פארלוירן אן אויער ביי א געשלעג אויף דער גאס, דער
נארוועגער איז געווען אוואנטוריסטיש געשטימט, תמיד גע־
שאלטן יורגיסן. ס׳איז געווען אוממעגלעך צו זיין מיט אים
אין איין קאמער. צום גליק, וואס מ׳האט כמעט א גאנצן טאג
באנוצט די ארעסטאנטן ביים האקן שטיינער.

אין די ערשטע צען טעג האט ער נישט געהאט קיין
שום ידיעה פון זיין שטוב. איינמאל איז געקומען דער שליסער
און אים געמאלדן, אז מ׳איז זיך געקומען מיט אים זען.
יורגיס איז געווארן ווייס ווי קאלך, די קניען האבן ביי אים
געציטערט, קוים ער האט זיך ארויסגעשלעפּט פון דער קאמער.
דער שומר האט אים געפירט דורך אַ לאנגן קאָרידאָר,
דערנאָך אויף טרעפּ אראָפּ אונטן, אין אַ צימער, וואו ס׳זענען
פארגעקומען די זעאונגען. דאס צימער איז געווען דורכ־
געטיילט מיט קראטעס, יורגיס האט געזען עמעצן זיצן
אונטער די קראטעס, דאס געשטאַלט האט דערזענדיק אים,
אויפגעשפרונגען פון אָרט. דאס איז געווען סטאַניסלאָוואַס,
ער האט געמאכט אויף יורגיסן א שרעקלעכן איינדרוק, ער איז
שיער אנידערגעפאלן, געמוזט זיך אָנשפארן ביי דער וואַנט,
ער האט זיך געריבן דעם שטערן מיט דער האַנט, ווי ער

וואלט געוואלט פארטרייבן אַלע בייזע געדאַנקען. פאר די אויגן איז אים געווען פינצטער.

— נו — האט ער געזאגט מיט זיין שוואכער שטים.

— דער קליינער סטאַניסלאַוואַס האט געציטערט, ס׳איז אים באַפאלן אַ שרעקלעכע אימה, ער האט נישט געקאנט צומאל ס׳מויל עפענען:

— זיי... זיי האבן מיך געשיקט אהער, אז כ׳זאל דיר זאָגן...

— וואס ?

— דאָס קינד האט געווארפן אַ בליק אויפן תּפיסה שומר יאַס האט זיי געהיטן.

— קוק נישט אויף אים — האט יורגיס ווילד אויסגערופן.

— וואס הערט זיך אינדערהיים ?

— אָנע איז קראַנק — האט סטאַניסלאַוואַס געענטפערט — מיר זועלן שטארבן פון הונגער, מיר קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן. מ׳האט געמיינט, אַז דו וועסט אונז מיט עפעס העלפן.

יורגיס האט זיך קוים געהאלטן אויף די פיס, טראָפּנס שווייס האָבן אים ארויסגעזעצט אויפן שטערן. ער האט גערעדט אין איין אָטעם

— איך... איך קאן אייך מיט גאָרנישט העלפן...

— אָנע ליגט גאַנצע טעג, זי וויל גארנישט עסן, זי האלט באַר אין איין וויינען. זי וויל נישט זאגן, וואס איר איז, און זי וויל נישט גיין צו דער אַרבעט. ס׳איז שוין צוויי מאל געווען יענער הער וועגן דירה געלט. ער איז געקומען ס׳ערשטע מאָל, זיך געבייזערט און אין אַ וואך ארום איז ער נאכאמאל געקומען, ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אונז ארויסווארפן אויף דער גאַס. מאריע...

— וואָס איז געשען מיט מאַריען — האָט יורגיס געפרעגט אומגעדולדיק.

— זי האט זיך צעקלאַפּט די האנט. די וואונד איז אַ שווע-רע, זי קאן נישט אַרבעטן, די האנט איז איר געווארן בלאָ.

דער דאקטאר האט געזאגט, אַז ס׳קאן גאנץ געמאָלט זיין, מ׳זאָל איר דארפן אַמפּוטירן די האַנט, זי וויינט גאַנצע טעג, זי האט שוין אויסגעגעבען איר גאנץ געלט. מ׳האט נישט צו צאָלן דירה־געלט און נישט די צינזן. נישטא וואס צו עסן, דער קרעמער האט געזאָגט, אז...

ער האט זיך ווידער פונאנדערגעוויינט. יורגיס איז שיער אַראָפּ פון זינען. ער האט געשריגן:

— רעד ווייטער, ווייטער!

— וואַרט — האָט סטאַניסלאָוואַס געענטפערט שלוכצנדיק — ס׳איז געווען שרעקלעך קאַלט די גאַנצע צייט. דעם לעצטן זונטאָג איז געווען אַ שרעקלעכע זאַווערוכע, כ׳האב נישט געקאָנט גיין זוכן אַרבעט...

— אַ גרויסער גאָט! — האט יורגיס אויסגעשריגן צאָרנדיק ער האט זיך דערנענטערט צו די קראַטעס. יורגיס האט געפילט צו אים אַן אַפּשיי, נאָך פון דעמאלט אָן, ווען ס׳איז געפאַלן דער ערשטער גרויסער שניי און דער קליינער סטאַניסלאָוואַס האט זיך אפגעפרוירן די פינגער, אז יורגיס האט אים געמוזט יעדן באַגינען טרייבן מיט אַ שטעקן צו דער אַרבעט. יורגיס האָט געשריגן, צונויפגעביילט די פויסטן, ווי ער וואלט אים געוואלט ממתין.

— אָך, דו פוילנצער האסט נישט געקאנט, גיין אַ?

ס׳קינד איז אפגעשפרונגען פון די קראַטעס, זיך צע־וויינט און אנגעהויבן זיך פאַרענטפערן.

— כ׳האב געזוכט אַ טאָג־צוויי די מומע עלזע איז מיט מיר מיטגעגאנגען, אבער מ׳האט גארניש אויפגעטון, נישט געקאנט זיך דורכבאַקומען דורך דעם הויכן שניי. אין שטוב איז נישט געווען וואס צו עסן, ס׳איז געווען מוראדיק קאַלט. כ׳האב געפרוווט ווייטער, אויפן דריטן טאג איז שוין אָנע מיט מיר מיטגעגאנגען.

— אָנע?

יאָ, זי האט געוואָלט צוריק פאר זיך איר ארבעט, די

האט געמוזט, אין שטוב איז נישט געווען קיין ברעקל ברויט, אבער דאָרט האט זי זיך דערוואוסט, אז זי איז שוין געווארן באזייטיקט פון איר שטעלע.

יורגיס האט זיך געמוזט אָנשפאַרן ביי דער וואנט, ס׳האט אים פארפעלט אָטעם, ער האט געשריגן:

זי איז דארט נאכאמאל געגאנגען?

— אודאי, זי האט געוואלט צוריק ארבעטן — האט סטאַניסלאָוואָס געענטפערט מיט פארוואונדערונג — פארוואָס האט זי נישט געטארט דאָרט גיין?

יורגיס האט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד און שווער סאפנדיק געזאָגט:

— דערציייל ווייטער.

— כ׳בין געגאנגען מיט איר צוזאמען. מיס הענדערסאָן האט גארנישט געוואלט מיט איר רעדן, קאָנאָר האט זי געשאָלטן. ער איז געווען אינגאנצן באנדאזשירט. פארוואס האסטו אים געשלאָגן, יורגיס?

א פארבארגענער סוד האט געפייניקט דעם קינדס געדאנק, ס׳איז אים געווען שווער זיך צו דערוויסן, וואס דא איז געשען.

יורגיס האט גארנישט געענטפערט. זיין בליק איז געווען באהאָפטן מיט דער ערד, די אויגן זענען אים שיער ארויסגעקראכן פון די אויגן-לעכער. דאס יונגל האט גערעדט ווייטער.

— זי האט געזוכט אַרבעט ערגעץ אנדערש, אבער זי איז שוואַך, קאן נישט אויסהאַלטן שווערע ארבעט. אויך מיך האט דער אויפזעער נישט געוואלט צונעמען צו דער ארבעט, אָנע זאגט, אז אלץ איז קאָנאָר שולדיק, יעצט זענען אלע אויף אונז בייז, כ׳מוז גיין יעדן טאג אין שטאט אריין מיט די איבעריקע קינדער און פארקויפן צייטונגען, קאטארינע גייט אויך.

— קאַטאַרינע!?

— יאָ, זי האנדלט מיט צייטונגען, פארדינט מער ווי אונז אלע, ווייל זי איז א מיידל. די קעלט פייניקט אונז שטארק

ביינאכט איז אוממעגלעך זיך אומצוקערן אַ היים. הײנט װעל איך זײ שױן אױפזוכן און שלאָפן מיט זײ צוזאַמען. א היים איז שרעקלעך װײט. כ׳האָב געמוזט גײן צו דיר, נישט געװאוסט דעם װעג. יעצט װעל איך נישט װיסן, װי אַזױ צו גײן אַ היים. די מומע האָט מיך געהײסן אומבאַדינגט גײן, געזאָגט, אַז דו װעסט זיך װעלן עפּעס דערװיסן פון אונז. אפשר װעט עמעצער פון דײן משפחה אונז מיט עפּעס העלפן. כ׳בין גע־גאַנגען אהער א גאַנצן טאָג, כ׳האָב נאָך הײנט גאָרנישט געגעסן. די שטיפמאַמע האָט אױך נישט קײן אַרבעט, מ׳האָט פאַר־מאַכט די װאורשט־פאבריק. זי גײט מיט א קױש איבער די הײזער און בעטלט. מענטשן זענען זיך איבער איר מרחם מיט עפּעס. נעכטן האָט זי כמעט גאָרנישט אױסגעבעטלט. ס׳איז איר געװען קאַלט אין די פינגער, נישט געקאָנט האַלטן דאָס קױשל אין דער האַנט. זי האָט הײנט שטאַרק געװײנט.

אַזױ האָט ער גערעדט כסדר און שטאַרק דערבײ געװײנט.

יורגיס האָט זיך אָנגעהאַלטן בײ די קראַטעס און שװײגנ־דיק אױסגעהערט, ס׳האָט זיך אים געדוכטן, װי אַט פּלאַצט אים דער קאָפּ, שװערע משאות לײגן זיך אים אױף די פּלײ־צעס, און בײגן אים אראָפּ צו דער ערד. ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אלײן, װי אין א שרעקלעכן חלום, אין װעלכן אַ מענטש לײדט אומגעהײער און קאָן נישט באַװעגן מיט דער האַנט, כאָטש ער פילט, אַז ער װערט משוגע, אַז זײן קאָפּ װערט פאַרברענט אין פלאַמען.

נאָך אײן דרײ בײם שרײפעלע פון גורל און ער װערט דערשטיקט. און סטאַניסלאָװאַס האָט טאַקע געפרעגט:

— קאָנסט אונז נישט העלפן?

יורגיס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָ ביט מען גאָרנישט?

יורגיס האָט װידער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— װען װערסטו באַפרײט?

— אין דרײ װאָכן אַרום.

דאס קינד האט זיך אומבאהאלפן אומגעקוקט איבערן צימערל.

— קאן איך שוין גיין?

יורגיס האט צוגעשאקלט מיטן קאפ. פלוצלונג האט ער זיך עפּעס דערמאָנט, ער האט אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע און ארויסגעצויגן פון דארט פערצן סענט.

— נעם, טראג אַ היים.

אַ ווײַלע האָט ער זיך געוואקלט, דערנאך האט ער אויסגעשטרעקט די האַנט, צוגענומען ס'געלט און זיך דערווייטערט:

— זײַ געזונט, יורגיס!

יורגיס איז געשטאנען א ווײַלע אומבאַוועגלעך, אבער באלד האט זיך דערנענטערט צו אים דער תּפֿיסה־שומר, דערמאָנט אים, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין האקן שטיינער.

אכצנטער קאפיטל

קורגיס האט זיך שוין אזוי גיך נישט אַרויסבאַקומען פון דער ברידעוועלצר טורמע. דער געריכטס-אורטייל האט אים באַשווערט מיט אַנדערהאַלבן דאָלאַר געריכטס-קאָסטן. ער האט נישט געהאט קיין געלט און ער האט געמוזט אפּזיצן פרישע דריי טעג. קיינער האט נישט געהאט דעם חוב אפילו אים דאס צו מעלדן. אומגעדולדיק האט ער געציילט די טעג און, אז ס'איז שוין ענדלעך אנגעקומען די שעהן, ווען מ'האט אים באַדאַרפט באפרייען, האט מען אים ווידער געדופן צו האקן שטיינער. זיינע פּראָטעסטן האבן ווינציק-וואס געהאָלפן. ער האט געטראכט, טאָמער האט ער געהאט אַ טעות ביים ציילן, אבער צומאָרגנס האט מען אים ווייטער געהאלטן. ער האט פארלוירן די האפענונג און איז אַריינגעפאלן אין גרויס יאוש.

אויפן דריטן טאג נאכן פרישטיק, האט אַ תפיסה-שומר אים געמאלדן, אז ער איז פריי. ער האט אפּגעגעבן די תפיסה-קליידער און צוריק ארויפגעשלעפּט אויף זיך זיינע מלבושים, וואס זענען געווען דורכגעזאפּט מיטן ריח פון מיסט. די גרויסע, שווערע טירן האבן זיך מיט אַ גערויש פארמאכט אונטער אים. עטלעכע מינוט איז ער געשטאנען צעטומלט, ס'איז אים געווען שווער צוגלייבן, אז ער איז פריי, אז ער זעעט איבער זיך דעם הימל, אז עס שטיין פאר אים אָפן אלע וועגן.

מיט גיכע טריט האט ער זיך דערווייטערט פון תפיסה בנין. אין די צעריסענע מלבושים איז אים געווען שרעקלעך

געמישט מיט רעגן און אים געשלאגן גלייך אין פנים. א שטאר־ קער, קאלטער ווינט האט געבלאָזן און אים דורכגענומען ביז צו די גלידער. בעת ער איז דאס לעצטע מאָל אַרויס פון שטוב בקמה נעמען אָן קאָנאָרן, האט ער נישט גענומען אויף זיך דעם פּאַלטן און ס׳איז אים געווען שרעקלעך קאַלט. זיין אנצוג איז שוין געווען אַלט, אויסגעריבן, קיינמאָל נישט וואַרעם. ער איז געוואָרן דורכגענעצט ביז צום לייב. דער שניי אין דרויסן איז צערינען מיט אַ מאָדנער שנעלקייט, די וואַסערן האבן דער־ גרייכט זעקס צאָל דערהייך, אַריינגערינען יורגיסן אין די שטיוול דורך די לעכער און דורך די כאַלעוועס.

אין טורמע האט ער געהאט געגוג עסן, די ארבעט איז אויך געווען לייכטער ווי אין שעכטהויז, דאך האט אים פאר־ פעלט כּוח. די זאָרג און ליידן האבן געמאַכט פון אים אַ תּל. ער האט געציטערט אונטערן רעגן, פארשטעקט די הענט אין די קעשענעס און איינגעצן זיך איינגעקורטשעט.

די תּפיסה איז געלעגן ווייט אונטער דער שטאָט. פון איין זייט האט זיך געצויגן אַ גרויסער קאַנאַל און פון דער אנדערער זייט אַ נעץ פון אייזנבאַנען. ער האט געבלאָנדזשעט ווי אין אַ וויסטע. נאָכן אָפּלויפן אַ שטיק וועגס האט ער באַגעגנט אַ מענטש און אים פארהאַלטן:

— העי, יונגערמאַן!

דער פאַרשוין האט אַ בליק געטון אויף יורגיסן, ער האט דערקענט אָן זיין אָפּגעשוירענעם קאָפּ, אז ער איז נאר וואס געוואָרן באַפרייט פון תּפיסה..

— וואס ווילט איר? — האט ער געפרעגט.

— דאס איז דער וועג צו די שעכטהייזער?

— איך גיי נישט דאָרט אַהין.

יורגיס האט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און באלד ווידער געפרעגט:

— ווי אזוי גייט מען דאָרט?

— דאָרט — האט ער געענטפערט און אָנגעוויזן מיט דער האַנט צו מעריב זייט, פון דער אַנדערער זייט באַן פלאַנט.

— ס'איז נאָך ווייט?

— כ'ווייס נישט, אומגעפער פערציק וויאָרסט.

— פערציק וויאָרסט — האט יורגיס איבערגעחזרט איבער־געשראָקן.

דעם גאַנצן וועג האט ער געמוזט דורכמאַכן צופוס. ער האט נישט געהאט קיין פרוטה אין קעשענע. אַלע שלעכטע מחשבות, וואס האָבן אים געפייניקט אין טורמע, זענען אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק. ענדלעך האט אַ סוף גענומען צו זיינע ליידן... באַלד וועט ער זיך אַלץ דערוויסן. ער האט פאַרשטעקט די הענט אין די קעשענעס און אָנגעהויבן גיך לויפן. אָנע, ס'קינד, דאס בני־בית, דאס הייזל. באַלד וועט ער וויסן, וואס ביי זיי הערט זיך! יעצט קאָן ער זיי שוין העלפן. ער איז פריי! ער האט נאָך גענוג פעסטע מוסקולן, קאָן קעמפן פאַר זיי מיט דער גאַנצער וועלט.

ער איז אַזוי געגאַנגען אומגעפער אַ שעה, אומגעקוקט זיך אַרום. ס'האט זיך אים געדוכטן, אַז ער דערווייטערט זיך נאָך פון דער שטאָט. אַלץ האט אויסגעזעען ווי אויפן דאָרף. לינקס און רעכטס האט זיך געצויגן פעלדער באַדעקט מיט שניי. ער האט באַגעגנט אַ פאַרמער פאָרנדיק אויף אַ וואָגן שטרוי.

— דאס איז דער וועג צו די שעכטהייזער?

דער פאַרמער האט זיך אַ קראַץ געטון אין קאָפ.

— וואו די שעכטהייזער געפונען זיך ווייס איך נישט, אָבער זיי זענען זיכער אין שטאָט, און איר יונגערמאַן דער־ווייטערט אייך נאָך פון דער שטאָט.

יורגיס האט געקוקט אויף אים מיט ברייט צעעפנטע אויגן:

— מ'האט מיר געזאָגט, אַז דאס איז דער וועג.

— ווער האט עס אייך געזאָגט?

— אַ יונגערמאַן.

— צום טייוול, ער האט געלאַכט פון אייך, געזעען אייער

אָפּגעשפּ־רענעם קאָפּ, גייט צוריק פונוואַנען איר קומט און פרעגט אַ פּאָליציאַנט. כ׳וואָלט אייך גערן צוגעפירט, אָבער מיין וואָגן איז באַלאָדנט און אַהיים איז נאָך ווייט. וויאָ!

יורגיס איז צוריקגעגאַנגען. מיטאָג צייט האט ער ערשט דערזעען פאר זיך טשיקאַגאָ. ער איז פארביי פאר לאַנגע שורות צוויי שטאָקידיקע שפּייכלער, ער איז געגאַנגען אויף הילצערנע טראָטואַרן און אומגעברוקירטע גאַסן, יעדער ווייַלע איז ער געבליבן שטיין, דורך די גאַסן האט זיך פון צייט צו צייט דורכגעריסן אַ באַן. אַן אָך און וויי איז געווען צו די, וואס האבן נישט אכטונג געטון. ס׳האבן זיך געשלעפּט לאַנגע צוגן מיט לאָדונג, די וואַגאנען האבן זיך מיט אַ גערויש אנגעקלאַפּט איינער אָן אנדערן, פארהאַלטן די באַוועגונג אויף די גאסן אויף גאנצע שעהן. יורגיס איז געקראָכן אונטער די וואַגאנען, געווען באַדראָט אַרונטערצופאלן אונטער די רעדער. דער געדראַנג אויף די גאסן איז געווען אומבאשרייבלעך.

ער איז פארביי אַ בריק, וואס האט זיך געצויגן איבער אַ געפרוירענעם טייך. דער שניי איז געווען אומעטום שמוציק. דער רעגן, וואס איז יעצט געפאַלן איז געווען אויסגעמישט מיט סאַדזעס און שוואַרץ געמאכט די פּנימער פון די דורכגייער. יורגיס איז אריין אין האַנדלס־קוואַרטאל. די גאסן זענען געווען שרעקלעך בלאָטיק, פערד האבן זיך אויסגעגליטשט ביי יעדערע עטלעכע טריט, ווייבער און קינדער זענען געלאפן ווילד, מחנות מענטשן זענען געלאָפן אין איין אָטעם, נישט באמערקט איינער דעם אַנדערן. יורגיס האט זיך געפילט פאַראיינזאַמט אין זיינע נאַסע, מיאוסע קליידער, ס׳האט זיך אים געדוכטן, אז ער איז פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ וויסטע אויף אַ שטח פון טויזנט קילאָמעטער און נישט אין סאַמע צענטר פון אַ שטאָט.

אַ פּאָליציאַנט האט אים אָנגעוויזן דעם וועג, וואו ער דארף גיין און אים געזאָגט, אז ער האט נאך צו גיין צען קילאָמעטער. ווידער איז ער אריין אין ארבעטער קוואַרטאַל, פארביי גאנצע שורות שענקן, ביליקע געוועלבן, פאבריקן, שפּייכלער,

אַרום האט זיך געצויגן אַ נעץ פון אייזנבאַנען. ער האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן איינעטעמען לופט. ס׳האט אָנגעהויבן ווערן טונקל, ער איז געווען גוט הונגעריק, געלייענט די שילדן פון די שענקן, אבער זיי זענען נישט געווען געווענדט צו אים.

ענדלעך איז ער אָנגעקומען צו די שעכטהייזער, צו די שוואַרצע וואָלקנס רויך, וואו ס׳האבן געזעצט די בהמות און אין דער לופט האט זיך געטראָגן שלעכטע ריחות. ער האט באַמערקט פאַרבייפאָרן אַ טראַמוויי פול מיט מענטשן, נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, אריינגעשפרונגען אין טראַמוויי און זיך באַהאַלטן אונטער אַ פּאַסאַזשיר. אין צען מינוט אַרום איז ער געווען אויף זיין גאַס. ער איז צוגעלאָפן צו זיין הויז און געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. וואס איז געשען?

ער האט געקוקט אויף דער איינגאַנג־טיר, אויף דער אונטערשטער טיר, אויפן שכנותדיקן הויז, אויף דער שענק אין רוג, ניין, ער האט נישט קיין טעות, דאס איז טאַקע זיין הויז, אבער וואס טוט זיך דאס? ס׳איז דאך אינגאַנצן אַנדערש געפאַרבט.

ער איז צוגעגאַנגען עטלעכע טריט נענטער. יאָ, אַזוי איז עס טאַקע. צוערשט איז עס געווען געפאַרבט אויף גראָ, יעצט איז עס געווען געל, די פענצטער זענען געווען רויט, יעצט זיי זענען געווען גרין, פריש געפאַרבט. וואונדערבאַר.

ער איז צוגעגאַנגען נאך נאָענטער, אבער אַלץ פון דער צווייטער זייט גאַס. פלוצלינג האט אים אַרומגענומען אַ שרעקלעכער פחד. די פיס האבן ביי אים געציטערט און אין קאָפּ האט זיך געמישט. זיין הייזל איז געווען פריש געפאַרבט. סטאַניסלאָוואַס האט געהאט געזאגט, אַז דער אַגענט איז געווען ביים — אין פענצטער הענגען נייע פאָרהאַנגען, אויפן אָרט פון דער אויסגעבראָכענער שויב, איז אריינגעזעצט אַ נייע. וואס איז דאָס?

פלוצלינג האט זיך אויפגעמאַכט די טיר. יורגיסן האט זיך פאַרהאַלטן דער אָטעם. אַ קליין יונגעלע איז אַרויס פון

שטוב, א פרעמד יונגעלע, א גרויס, א דיקס, גוט דערנערט — וואס טוט ער דאָ?

דאס יונגל האט געפייפט, געשארט מיט די פיסלעך אין שניי, געכאפט דעם שניי איןביידע הענט און געוויקלט קוילן. ער האט געקוקט אויף יורגיסן, זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. דאס יונגל איז געווען זיכער, אז יורגיס האט מורא פאר א קויל שניי. פאמעלעך איז יורגיס אריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס. ס׳קינד האט געוואלט אנטלויפן, אבער ער האט זיך פארטראכט און געבליבן שטיין.

יורגיס האט זיך געפילט זייער אפגעשוואכט, ער האט זיך אָנגעהאלטן ביים פאָרעגנטש און ארויסגעשטאמלט:

— וואס טוסטו דאָ?

— וואס איז דיין עסק.

— כ׳פרעג דיך וואס טוסטו דאָ?

— איך וואוין דאָ.

יורגיס איז געווארן בלייך. ער האט זיך פעסטער אָנגעהאלטן ביים פאָרענטש.

— דו וואוינסט דאָ? און וואו איז מיין בני-בית.

דאס יונגל האט אויסגעשטעטאַרצט די אויגן.

— ווענמעגס?

— מיין! דאָס הויז איז מיין!

— אָ, אָ — האט דאס יונגל אויסגערופן.

פלוצלינג האט ער געעפנט די טיר און אריינגעשריגן אינעווייניק:

— מאמע, עפּעס א פאַרשוין איז געקומען און זאָגט, אז אונזער הויז געהערט אים.

אויף דער שוועל האט זיך באַוויזן א דיקע אירלענדערין.

— וואס האט איר געוואלט?

יורגיס האט זיך געווענדט צו איר פארצווייפלט:

— וואו איז מיין בני-בית? כ׳האב זיי דאָך דאָ איבערגעלאָזט, ווען כ׳בין ס׳לעצטע מאָל אוועקגעגאַנגען. דאס הויז געהערט דאָך צו מיר! וואס טוט איר אין מיין הויז?

זי האט געקוקט אויף אים איבערגעשראָקן. יורגיס האט נעמאכט דעם איינדרוק פון א משוגענעם.

— דאָס הויז געהערט צו אייך?

יורגיס האט געשריגן:

— יאָ דאס הויז איז מיין, איך וואוין דאָ, איך!

— איר האט א טעות, אין דעם הויז האט נאך קיינער נישט געוואוינט, דאס איז א ניי הויז, מיר האבן עס אזוי געקויפט.

— וואו איז מיין בני-בית! — האט יורגיס געשריגן. אין קאָפ פון די אירלענדערין, האט אנגעהויבן עגבערן א געדאנק. אין דער דאזיקער מינוט האט זיך זיכער געוועקט ביי איר א פארדאַכט צו אירע קאָנטראַקטן. זי האט געענטפערט.

— ניין, כ'האב נישט קיין אַנונג, וואו ס'געפינט זיך אייער פאַמיליע. דאס הויז האב איך געקויפט מיט דריי טאָג צוריק. קיינער האט דא נשט געוואוינט, מ'האט מיר געזאָגט, אז ס'איז נאך איננאנצן ניי. צי קאָנט איר מיר פארזיכערן, אז איר האט דאָ געוואוינט?

— וואס? געוואוינט? איך האב דאס הייזל געקויפט, נישט נאר געוואוינט, איך האב פאַר דעם הויז באַצאָלט, דאָס איז מיין... גאָט מיין איינציקער, קאנט איר מיר נישט זאגן, וואו זיי זענען? מיין בני-בית!

ענדלעך האט זיך איר איינגעגעבן צו געבן אים צו פאַרשטיין, אַז זי ווייסט ווענן זיי גאָרנישט. יורגיס האט גארנישט געקאנט תופס זיין. ס'האט זיך אים געדוכטן, אַז מ'האט זיי מיט אַמאָל ארויסגעריסן פונדאנען, ווי אַ בוים פון דער ערד. אלץ האט זיך אים אויסגעוויזן אַ חלום, ווייט פון דערווירקלעכקייט. די פאמיליע, דאס ווייב, די קינדער, דאס אלץ איז נישט געווען מער ווי אַ פאַנטאַזיע. פלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער באָבע מאַיאַושקין, וואָס האָט געוואוינט נישט ווייט פונדאנען. יאָ, זי מוז עפעס וויסן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און גיך געלאָפן צו איר.

די באָבע מאַיאַושקין איז אים אַרויס אַנטקעגן, זי איז

געוועזן ממש גערירט. יאָ, זי האָט אים אַלץ געקאָנט דערציילן, דאָס גאַנצע בני-בית האָט זיך געמוזט אַרויסטראָגן פון דער וואוינונג, זיי האָבן נישט געקאָנט צאָלן די צינזן, אַלע האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן שניי. דאָס הויז איז געוואָרן געפאַרבט אויפסניי און אין אַ וואָך אַרום פאַרקויפט צו אַנדערע. ווי אַזוי זיי לעבן ווייסט זי נישט, מער האָט זי שוין וועגן זיי נישט געהערט, זי ווייסט נאָר, אַז זיי וואוינען צוריק ביי אַניעלי-פּאַן, דאָרט, וואו זיי האָבן תחילת געוואוינט. אפשר וועט יורגיס אַריינגיין אין שטוב, אַ ביסל זיך אָפּרוען.

אָבער יורגיס איז נישט אַריינגעגאַנגען. ווי אַ שכּורער איז ער געגאַנגען ווייטער, אָבער באַלד ביים עק גאַס איז ער געפאַלן פון די כּחות. ער האט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל פון אַ שענק, פאַרשטעלט ס'פּנים מיט די הענט און געוויינט, אָבער זיינע אויגן זענען געווען טרוקן אָן טרערן.

זיין הויז, זיין הויז! זיי האָבן אים צוגענומען זיין הויז! ווייטיק, יאוש און צאָרן, די דאָזיקע דריי זאַכן האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין האַרץ פון אַן אָרעמען נע-ונעדניק. אַלע השערות זענען געווען גאָרנישט אין פאַרגלייך צו דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט. אָט זעעט ער די מענטשן, וואָס באַוואוינען זיין הויז, פרישע פאָרהאַנגען אָנגעהאָנגען ביי זיינע פענצטער, זיי קוקן אויף אים מיט שנאה... ניין, דאָס איז נישט אמת. זאָל מען אַ טראַכט טון וועגן אַלץ, וויפל ער האָט געליטן צוליב דעם הויז, וועגן דער נויט, וואס זיי האָבן אַלע געליטן, דאָס געלט וואָס זיי האָבן באַצאָלט.

זיין לאַנג אומגליקלעך לעבן האָט זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגן. קוים זיי האָבן צונויפגעלייגט דריי הונדערט דאָלאַר, געהאָרעוועט שווער, כּדי צו קאָנען צאָלן די צוועלף דאָלאַר אַ חודש, צינזן, פּייערקאַסע, רעמאָנט, איין גאָט ווייסט וויפל דאָס אַלץ האָט באַטראָפן! זיי האָבן געאַרבעט מיט לייב און לעבן, כּדי צו דערהאַלטן דאָס הויז, אָפּגעגעבן ס'בלוט פון לייב. דער אַלטער אַנטאַנאַס האָט באַצאָלט מיטן לעבן, ער וואָלט נאָך געלעבט עד היום, וויבאַלד ער וואָלט נישט באַ-

דארפט אַרבעטן ביי דורהאַם אין קעלער אויף אָפּצאָלן זיין חלק צום הויז. אָנע האָט פאַרלוירן ס׳געזונט און די כּחות, געוואָרן צעבראָכן, געשענדעט, רויִנירט, אַלץ צוליב דעם הייזל. און ער, יורגיס, מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער נאָך געווען יונג, געזונט, ווי אַ ליטווישע דאָמב. און היינט איז געוואָרן פון אים אַ דאָרן, אַ מת. אין דעם דאָזיקן געראַנגל פאַר זייער הויז האָבן זיי פאַרלוירן זייער גאַנץ אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן, איינגעשטעלט אַלץ אין קאָן יעצט האָבן זיי פאַטאַל פאַרשפּילט. זיי האָבן נישט קיין הויז, נישט קיין געלט, גאָרנישט, גאָרנישט! זיי זענען געוואָרן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, אויף דער קעלט, זאָלן זיי שטאַרבן פאַר הונגער, סיי ווי איז שוין אַלצאיינס!

יעצט האָט ער דערזעען דעם גאַנצן אימהדיקן אמת. יעצט, ווען איין קלאַפּ איז אים געקומען נאָכן אַנדערן, האָט ער געזעען, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אָדלער, וואָס רייסן אים די לעבער מיט זייערע שנאָבלען. ער האט געזעען, אַז ער איז אַ שפּיל ביים טייוול, וואָס האָט אים צוערשט געגעבן די שרעקלעכסטע פּיין און יעצט טוט ער אים נאך אויסלאַכן. אָ גאָט, ווי שרעקלעך דאָס איז, ווי אימהדיק. ער, זיין ווייב, זיינע קינדער, דאָס זענען אַלץ מענטשן שוואכע, פינצטערע, אומבאהאָלפענע, און ארום זיי כיטרע שונאים, וואָס יעדער לויערט אויסצוזויגן פון זיי ס׳בלוט.

צוערשט האט מען זיי געלאָקערט מיט ליגנערישער רעקלאַם פון דער בוי-געזעלשאפט, און שפּעטער האט מען זיי צוגעשיקט דעם פיין, אויסזעענדן אגענט מיט די לאקריץ-זיסע ריידעלעך, די צינזן, די איבעריקע אויסגאבן, וואס קיין שום מענטש וואָלט נישט געווען בכּח דאס אלץ צו צאלן! דערנאָך די שווערע עקספּלואָטאַציע פון די פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו אים, ווי אמתע טיראַנען, דאָס פּלוצלינגע פאַרמאַכן די פאַבריק, דאָס אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט און ס׳פאַרקלענערן דעם לוין, און לסוף די געפערלעכע אַרבעטס באַדינגונגען, אַ היץ און אַ קעלט גלייכצייטיק, אַ געשטאנק

שניי, רעגן, די נאַטור איז געווען צו זיי אומרחמנותדיק, פּונקט ווי די מענטשן.

צוערשט האט די נאטור אפּגעגעבן די אָרעמע ארבעטער אין די הענט פון די אכזריותדיקע אונטערנעמער. שפּעטער, אַז זיי זענען געוואָרן אומפעיק צו דער ארבעט, האבן זיי געהאַט רעכט זיי צו באזייטיקן, ארויסצוווארפן זיי מיט די קינדער אויף דער גאַס. וואס האָבן זיי געקאנט יעצט טון? וואו האבן זיי געהאט צו זוכן הילף? די הענט און פוס זענען געווען ביי זיי געבונדן, די גערעכטיקייט איז געווען אַקעגן זיי, די אונטערדריקער האבן געהערשט מיטן גאנצן געזעלשאַפטלעכן אַפּאראַט. זיי האבן באַלד אנגעשטעלט אויף אים זייערע שווערע האַמערס צו געבן אים קלעפּ. וויבאַלד ער זאָל נאָר פּרוון אויפהייבן אַ האנט אקעגן דעם אַלעם, וואלט ער זיך באַלד צוריק ארייגבאקומען אין יענער שטייג, פונוואנען ער איז יעצט מיט עטלעכע שעה צוריק געווארן באַפרייט.

טאָ וואס האט ער געהאַט צו טון? אויפשטיין און אַוועקגיין, דאס וואלט געהייסן אונטערגעבן זיך, אָפּזאגן זיך פון אַלעם, אָנערקענען זיך פאר באַזיגט, איבערצולאָזן פרעמדע מענטשן זייער פאַרמעגנס. יורגיס וואָלט דאָ גאַנצע שעהן געזעסן, נאָר וויבאַלד ער וואלט זיך נישט דערמאָנט אָן זיין אומגליקלעך בני-בית. אפשר געשעעט דאָרט מיט זיי נאך עפּעס ערגערס? מיט פּאמעלעכע טריט האט ער זיך דערווייטערט פון דעם אָרט.

צו אניעלי פאָן האט ער נאך געהאט צו גיין פיר קילאמעטער. דער וועג איז אים אויסגעקומען מאָדנע לאַנג. ער האט פונדערווייטנס דערקענט דאס שמוציקע הייזל, און ס'האַרץ האט ביי אים אנגעהויבן האַסטיק קלאַפּן, גיך איז ער אַרויף אויף די טרעפּ און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר?

די אלטיטשקע האט אויפגעמאכט די טיר, דער רעוומאטיזם האט איר שוין געהאט אינגאנצן איינגעקורטשעט, איר געשטאלט

האט דערגרייכט ביז צו דער קלאַמקע. זי האָט דערזעע' יורגיסן און אויפגעציטערט:

— אָנע איז דאָ?

— יאָ, זי איז דאָ.

יורגיס האט זיך אנגעהאלטן ביי דער טיר, שיער אַנידערגעפאלן פון פחד. פון אינעווייניק האט זיך געטראָגן אַ שרקלעך, ווייטיקלעך געשריי! ער האט דערקענט, דאס איז געווען אָנעס קול.

שטייף און איבערגעשראקן, איז ער געשטאַנען א ווײַלע אומבאַוועגלעך, פלוצלינג האט ער אפגעשטופט די אלטיטשקע און זיך געלאָזט טיפער אין שטוב. ער איז אדורך דאס קיך־צימערל, ארום אַן אויוועלע איז אויף דער ערד געזעסן זעקס פרויען־געשטאַלטן, איין געשטאלט האט דערזעענדיק יורגיסן זיך אַריס געטון פון אָרט, אירע אויגן זענען געווען איינגעפאלן, זי איז געווען שרעקלעך איינגעדאַרט, אַ האנט האט איר אראפגעהאנגען אויף אַ באַנדאזש. קוים וואָס ער האט דערקענט אין דעם געשטאלט מאַריען. ער האט זיך אומגעקוקט ארום צימער, געזוכט אָנען. די איבעריקע געשטאלטן האבן געקוקט אויף אים איבערגעשראָקן, אין קיין איינע פון זיי האט ער נישט געזעען זיין אָנען, אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אין דעם אימהדיקן שווייגן ווידער געהערט דאָס שרעקלעכע ווייטיקלעכע געשריי.

דאס געשריי איז געקומען פון דער אָפיצינע. יורגיס איז צו צו דער טיר און אַרויס פון שטוב. ער האט געזעען פאר זיך אַ לייטער, וואס האט געפירט אויף אַ בוידעם. ער האט אָנ־געהויבן קלעטערן אויף דער לייטער ארויף אינדערהייך. פלוצ־לינג האט ער דערהערט אונטער זיך מאַריעס קול. זי האט אים אָנגעכאַפט ביי אַ האנט און אים אַראָפגעצויגן אונטן:

— ניין, יורגיס, גיי נישט דאָרט, וואַרט דאָ!

— פאַרוואָס?

— דארפסט נישט דאָרט גיין...

מיטן גאַנצן כח האט זי אים געשלעפט פון דער לייטער.

ער האט זי אָפּגעשטופּט, זי האט געשריגן האַלב אין שרעק און האַלב אין יאוש:

— גיי אַראָפּ, יורגיס גיי נישט דאָרט — אַ קינד

— וואס פאַר א קינד? אַנטאַנאַס?

זי האט שטיל געשעפּטשעט.

— נאָך אַ קינד.

— נאָך אַ קינד? ס'איז דאך נאך נישט די צייט אויף נאָך אַ קינד...

— אזוי איז געשעען.

ווידער האט זיך דערהערט דאס שרעקלעכע, ווייטיקלעכע געשריי. די קולות האבן אים געשניטן אין פּנים, ווי די שמיץ פון אַ בייטש, ביסלעכווייז האט זיך דאס געשריי פארטוישט אין א קרעכצן. ס'האט זיך געהערט, ווי זי האט גערעדט: — אָ, גאָט, פאַרוואס לאָזטו מיך נישט שטאַרבן!

מאַריע האט פאַרצווייפלט אָנגעכאַפּט יורגיסן און שטיל צו אים געשעפּטשעט:

— גיי שוין אוועק פונדאַנען!

מיט די לעצטע כּוחות איז ער אַראָפּ פון דער לייטער און געלאָזט זיך פירן אין דער קיך אַריין. ער האט זיך געפילט אינגאַנצן צעבראָכן, אַלע זיילן אויף וואס ס'האט זיך אָנגעהאַלטן זיין נשמה איז זיך צעפאַלן, דער פּחד האט ביי אים אַוועקגענומען ס'ביסל איבעריקן כּוח. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ שטול, געציטערט ווי אַ בלעטל, וואס איז נאר וואס אַראָפּגעפאַלן פון בוים. מאַריע האט אים צוגעהאַלטן, די איבעריקע ווייבער האָבן געקוקט אויף אים מיט זייערע איבער-געשראָקענע אויגן.

ווידער האט זיך דערהערט דאס געשריי. ער האט עס געהערט אזוי דייטלעך, ווי ער וואָלט געשטאַנען האַרט לעבן בוידעם. ער האט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און מיט די לעצטע כּחות געשעפּטשעט:

— ווילאַנג דויערט עס שוין?

— נישט לאנג...

ביי די ווערטער האט זי אַ וואונק געטון צו אַניעלין און זיך געווענדט צו יורגיסן:

— גיי אַוועק פונדאַנען, גיי ערגעץ, וועסט גאָרנישט העלפן, אַלץ איז אין אָרדענונג, גיי...

— און ווער איז דאָרט, ביי איר?

— קיינער... אַלץ איז אין אָרדענונג... די מומע עלזע איז מיט איר.

— און אַ דאָקטאָר, כ'ווייס, לפּחות אַזעלכער, וואס טויג זיך צו דעם?

— מ'האט נישט קיין געלט.

זי האט געקוקט אויף יורגיסן און זיך שטארק איבערגע-שראָקן.

— מ'דאַרף נישט קיינעם, אַלץ איז אין אָרדענונג, דו קענסט זיך נישט אויף דעם, גיי, גיי! ליידער ביסטו געקומען אַ ביסל צו פרי.

אירע ווערטער זענען געוואָרן פאַרטויבט פון אָנעס כסדר-דיקע געשרייען. יורגיס איז שיער אראָפּ פון זינען. דאס אַלץ וואס איז געשעען ארום אים, איז געווען פאר אים ביי, אימה-דיק און אומגעריכט, געטראָפן אים ווי א דונער. בעת אָנע האט געבוירן דעם קליינעם אַנטאַנאַס, איז יורגיס געווען ביי דער ארבעט, נישט געוואוסט פון גארנישט, אז ער איז געקו-מען אַהיים איז שוין געווען נאָך אַלעם. יעצט האבן די אי-בערגעשראָקענע ווייבער נישט געוואוסט ווי אזוי אים צו באַ-רויקן. לסוף האבן זיי אים ארויסגעשטופּט אויפן הויף. ווי א משוגענער איז ער געלאָפן הין און צוריק, אבער אויך דאָרט האט צו אים דערגרייכט אירע געשרייען. לכתחילה האט ער געוואָלט אַנטלויפן פון דאָזיקן קול, אבער באַלד האט ער זיך אומגעקערט צוריק, דאס קול האט אים געצויגן צו זיך. אין אַ פערטל שעה אַרום האט ער אָנגעהויבן שטורמען אין דער טיר, די ווייבער האבן אים אויפגעמאַכט, זיי האבן מורא געהאט, אז ער וועט אויסזעצן די טיר.

יעצט האט ער שוין נישט געוואלט אויסהערן זייערע

טרייסט ווערטער. זיי האבן אים ווידער באַרויקט, אז אלץ איז אין אָרדענונג. פונוואַנען האבן זיי עס דען געוואוסט? דאס געשריי איז דאך געווען ענלעך צום געשריי פון א גוססדיקע. ניין, אזוי קאָן ניש זיין, מ׳מוז געפונען אַן עצה: — האט איר כאָטש געפרווט רופן א דאָקטאָר? מ׳קאָן דאך אים באַצאָלן שפּעטער, דערווייל אים צוזאָגן...

מאַריע האט זיך אנטקעגנגעשטעלט:

— מיר קאָנען גארנישט צוזאָגן, מ׳האט נישט קיין געלט, קוים וואס מיר האבן דורכגעלעבט.

— איך וועל קאָנען ארבעטן — האט יורגיס אויסגערופן — כ׳וועל פארדינען!

— גאַנץ גוט — האט זי געענטפערט — מיר האבן נישט געוואוסט, ווען וועסט ווערן באַפרייט. א דאָקטאָר וועט נישט קומען אומזיסט.

מאַריע האט אים דערציילט, אז זי האט געפרווט ברענגען אַן אַקושערין, אבער זיי האבן פארלאַנגט צען און פופצן דאָלאַר, פאַראויס געלט. זייער פאַרמעגנס איז באַשטאַנען סך הכל פון פינף און צוואַנציק סענט. זי האט שוין אויסגעגעבן אלץ, וואס זי האט אָפּגעשפּאָרט אין דער באַנק, זי איז נאך געווען פארשולדיקט דעם דאָקטאָר, וואס האט איר געהיילט די האַנט. אַניעלי פאָן זענען זיי שוין שולדיק פאר צוויי וואָכן דירה געלט, די אלטיטשקע איז געשטאָרבן פון הונגער, זי וועט זיי זיכער א ליאַדע טאג ארויסוואַרפן פון דער דירה, זיי האבן געבאָרגט אומעטום, געבעטלט, כדי זיך ווי ס׳איז צו דער־האלטן ביים לעבן. יעצט זענען זיי שוין גאָרנישט בכח צו טון.

— און די קינדער? — האט יורגיס געפרעגט.

— שוין דריי טעג זענען זיי לחלוטין נישט געקומען א היים, אין דרויסן איז א שלעכט וועטער, זיי ווייסן אפילו נישט, וואס דאָ קומט פאָר. דאס איז געשעען פלוצלינג, עטלעכע מינוט פאַר דיין אָנקום.

יורגיס איז געשטאַנען ביים טיש, אָנגעשפּארט מיט ביידע הענט, כדי נישט אַנידערצופאלן. דעם קאָפּ האט ער אַראָפּגע־

לאָזט אויף דער ברוסט, ער האט געציטערט, ס'האט זיך אים געוּוכטן, אז אָט פאלט ער אויף די ערד אָן כחות. פלוצלונג האט זיך אַניעלי אויפגעשטעלט אין צוגעשלעפּט צו אים. זי האט אַרויסגעצויגן פון קעשענע — אַ שמוציק טיכעלע, אין וועלכן ס'איז געווען עפּעס איינגעוויקלט.

— יורגיס, כ'האב נאך עפּעס געלט. פּאָלאַוּק!

זי האט איבערגעציילט: דריי און דרייסיק סענט: — גיי יורגיס פּרווו אַליין, טאָמער וועסטו עמעצן ברענגען, אפשר וועלן די איבעריקע ווייבער אויך עפּעס שענקן, גיט אים, זאל ער גיין, כאטש אומזיסט, ער וועט דאך נישט האבן קיין מנוחה אין זיין לעבן. אפשר ווען ער וועט קומען וועט שוין זיין נאך אַלעם.

די איבעריקע ווייבער האבן אַרויסגעשלעפּט די בייטעלעך פון די ספּודניצעס, געשאָנקן מעשענע און ניקלענע מטבעות, אָפּגעגעבן אלץ, וואס זיי האבן געהאט. פרוי אָלשעווסקי, וואס האט געוואוינט מיט זיי אין שכנות, געהאט אַ מאן, וואס האט געאַרבעט אין די שעכטהייזער, אַ סך פארדינט און אלץ פאַרטרונקען — זי האט געגעבן אַ האלבן דאָלאר. צוזאַמען איז געווען אַ דאָלאר פינף און צוואָנציק סענט. יורגיס האט אַרנגעשאַרט דאס געלט אין זיין ציטערדיקער האַנט און גיך אַרויס פון שטוב.